STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06023

# UMRUIKE NISHOMES

Mendel Osherowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אומרוהיגע נשמות

געזאַמעלטע ערצעהלונגען

פון


## מ. אָשעראָוויטש



ארויסגעגעבען פון

„ליטעראטור" פּאָבלישינג קאָ.

אפפיס: 137 העגרי סטריט, נויאָרק.

1919

Copyright, 1919 by
Literature Publishing Co.
New York, N. Y.

מײַן פֿרױ און פֿרײַנד סאָניאַ — אַ מתּנה.




מ. אַשעראָוויטש

# אינהאַלטס-פערצייכניס.

פּיידזש.


1. דערהויבען געוואָרען ........................ 5
2. ליידען ........................ 28
3. פונקען ........................ 41
4. אַ נערוועזער מענש ........................ 55
5. צוליעב אן אינטערעסאנטע דאמע ........................ 68
6. אַ חסרון ........................ 82
7. אַ מענש מיט פּלענער ........................ 93
8. אַ לעב געטאָן ........................ 110
9. אן אייביגער פלעק ........................ 121
10. מיט זיך אַליין ........................ 140
11. אַ פערליעבטער ........................ 155
12. אן איינפאַל פון אַ מיידעל ........................ 170
13. איז אן אינטעליגענטער הויז ........................ 180
14. הונדערט דאלאר אַ וואָך ........................ 209
15. ניט אויסגעהאלטען ........................ 219
16. אן אומרוהיגע נאטור ........................ 231

# דערהויבען געוואָרען.

אנגעהויבען האָט זיך דער טאָג געוועהנליך און לאַנגווייליג אַזוי ווי אַלע מאָל: גאַנץ פריה, ווען עס איז נאָך געווען בלוי אין די פענסטער, האָט דער מילך־מאַן, פון יענער זייט טהיר, שנעל און האַסטיג די באַטעלס מילך געגעבען אַ שטעל אוועק, און באַלד אין איילענים פון די שטיגען ארונטערגעלאָפען. און נאָך דעם איז שוין אונמעגליך געווען רוהיג צו שלאָפען; דורך די דינע ווענט האָט מען געהערט ווי אין די שכנ׳ישע וואָהנונגען ריהרט מען זיך שוין פון די געלעגערס, די שויבען זיינען וואָס אַמאָל לויטערער געוואָרען. דאָס קלאַפּען פון דער נאָהענטער קאַר האָט זיך אָפטער און שטאַרקער גענומען אהער דערטראָגען און מיט אַמאָל האָט זיך אַנגעהויבען פיהלען ווי די גאַס רייסט זיך אהער אין הויז אריין.

ווען די זון האָט זיך אין פענסטער געוויזען און די דונקעל גרינע גאַרדינען האָבען זייער ליכטיגען קאָליער פאַרלאָרען און שוין מעהר ניט געקענט פאַרשטעלען די ליכטיגקייט פון דעם זומערדיגען פריהמאָרגען, האָט אסתר שקאָלניק, אַ יונגע פרוי פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַמאָל ברייט די אויגען פאַנאַנדערגעעפענט און זשוואַווע מיט איין האַנד פון זיך די קאָלדרע אַביסעל אַראָבגערוקט.

מיט אַ בעזונדער מין רייץ האָט זיך איהר קערפּער ארויסגעקיילכיגט פון אונטער דער ווייסער קאָלדרע. צוואָווארפענע, ווי פעך שווארצע לאָקען זיינען זיך אזוי לייכט געלעגען אויף איהרע נאַקעטע שולטערען און אויף די גלאַטע, ראָזעווע הענד, און די הויכע בריסט האָבען זיך רוהיג אויף און אָב געהויבען אונטער די געשטריקטע ווייסע קרוזשעווקעס.

בעטראַכטענדיג זיך אַליין, ווי זי ליגט אַזוי אויסגעצויגען איי־בער דער גאַנצער לענג פון'ם בעט, איז איהר געווען זעהר אַנגענעהם צו קלערען דערפון, אַז ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס זי איז שוין אַ מאַמע פון צוויי קינדער, האָט זי דאָך אַ זעלטען שעהנע פיגור. און אין דעם מאָמענט האָט זי זיך דערמאָנט, וואָס דער נייער בעקאַנ־טער איהרער האָט איהר געזאָגט נעכטען אויפ'ן באַל, נאָך דעם ווי ער האָט מיר איהר אַ פּאָר מאָל געטאַנצט אַ וואַלס.

— כ'לעבען, מיסעס שקאַלניק, — האָט ער איהר געזאָגט אָב־מעסטענדיג זי מיט די אויגען פון'ם קאָפּ ביז די פיס — אַ סך מיידלאַך וואָלטען זיך געווינשעוועט צו האָבען אַזאַ פיגור ווי איי־ערע...

ערשט נעכטען האָט זי זיך מיט איהם בעקאַנט. זיין נאָמען האָט זי פאַרגעסען, זיין פּנים האָט זי זיך יעצט בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען, זי האָט בלויז געדענקט די קאָמפּלימענטען, וואָס ער האָט איהר געזאָגט...

אנטקעגען, אויפ'ן אַנדערען בעט, איז איהר מאַן נאָך גאַנץ געשמאַק געשלאָפען און שווער געסאָפּעט מיט די ברייטע נאָז־לעכער. און אפילו שלאָפענדיגערהייט האָט ער אויסגעקוקט ביין און פערביסען; דאָס מויל איז ביי איהם געווען שטייף צוגעמאַכט און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט פון כעס שטילערהייט מיט די צייהן געקריצט, און די געדיכטע ברעמען, וואָס זיינען יעצט געווען צושויבערט האָבען צוגעגעבען זיין פּנים נאָך אַ שטרענגערען אויס־דרוק.

אסתר האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן פון דער וויי־טענס און גראָדע יעצט האָט זיך איהר זעהר געוואָלט בעמערקען אַזעלכעס, וואָס זאָל איהר ניט געפעלען ווערען. מיט די אויגען האָט זי אָבגע־מאָסטען זיין גרויסען, שווערען קערפּער, וואָס איז ווי צושוואָומען איבער'ן בעט געלעגען, און ווען זי האָט דערזעהן ווי זיין פערשוויצט האָריג לייב קוקט אַרויס פון'ם צוכראַסטעטען העמד, האָט זי שוין געוואָלט פערדרעהען מיט דער נאָז און קלערען ווי מיאוס דאָס איז.

אבער אנשטאט דעם האט זיך איהר גאר ארייגגע'גנב'עט א גע־דאנק: — ס'ארא גבורה!...

פאר וואס זי האט איהם ליעב, האט זי אליין ניט געוואוסט. מיט אלע מעגליכקייטען האט זי זיך געסטארעט צו ווארפען אן אום־חן אויף איהם; זי איז געווען זיכער, אז לויט ווי ער בעהאנ־דעלט זי, פערדיענט ער, אז זי זאל איהם פעראכטען און זאל אפילו ניט וועלען קוקען אויף איהם. אבער וואס ערגער ער האט זי בע־האנדעלט, אלץ מעהר האט זי איהם ליעב געהאט און אנגעווענדעט פערשיעדענערליי מיטלען צו געווינען זיין ליעבע...

אט די אלע מיטלען האבען איהר ווייניג געהאלפען; ער איז אלע מאל געבליבען קאלט און פערהארטעוועט אזוי ווי א שטיין, און איבער דעם האט זי זיך געפיהלט זעהר בעליידיגט און שטארק אראבגעפאלען ביי זיך.

אין די לאנגע אומעטיגע טעג, ווען זי פלעגט איינע אליין בלייבען אין הויז, האט זי געהאלטען אין איין קלערען וועגען דעם, און קיינמאל האט זי דאס ניט געקענט פערשטעהן: — פאר וואס איז דאס אזוי? פאר די צעהן יאהר, וואס זי וואהנט מיט איהם, איז ער בלויז די ערשטע דריי יאהר געווען גוט צו איהר. קיין בעזונ־דער ליעבע האט ער איהר אפילו דעמאלט אויך ניט ארויסגעוויזען. אבער אינטערעסירט האט ער זיך מיט איהר, אבגעשעצט איהרע מעלות און צייטענווייז זאגאר אן עצה מיט איהר זיך געהאלטען.

דאמאלט האט ער נאך געארבייט אין א שאפ, געהאט א סטעדי דזשאב און ניט שלעכט פערדיענט. און זי האט שפארעוודיג און אויסגערעכענט די בעל־הבית'ישעקייט געפיהרט; איז איהם אלע מאל געווען געטריי און איבערגעבען, זעהר געוואלט, אז ער זאל פטור ווערען פון'ם שאפ און קומען צו עפעס א תכלית, האט זי איהם ארויסגעהאלפען ווי וויט מעגליך, ארויסגענומען ארבייט אהיים אין דער צייט פון סיזאן און געזעהן, אז אלע וואך זאל מען אוועקטרא־גען אין באנק ניט ווייניגער ווי צעהן דאלאר... גאר אנדערע צייטען זיינען דאמאלט געווען!

דעם בעסטען פארגעניגען האָבען זיי געהאט ווען זיי פלעגען נעהמען בלעטערען דאָס באנק ביכעל און זעהן ווי די ציפערען ווע־ן אַלץ גרעסער. יעדער וואָך, האָט זיך געדוכט, איז נאָך אַ טריט ווייטער צום צוקונפטיגען גליק,ביידע זיינען זיי געוועזן פול מיט האָפנונגען, געשטרעבט צו איין בעשטימטען ציעל — רייך ווערען. אָבער זינט ער האָט זיך גענומען צו ביזנעס און עס האָט איהם אָנ־געהויבען געהן זעהר גוט, איז זיין באַציהונג צו איהר גאָר אַן אַנ־דערע געוואָרען; ווי אַ ווילד־פרעמדער האָט ער זיך צו איהר פער־האַלטען. וואָס זי האָט געזאָגט און וואָס זי האָט געטהאָן איז איהם ניט געפעלען, קיין עצות האָט ער ביי איהר מעהר ניט געע־פרעגט, פערברייגען מיט איהר אין הויז האָט ער קיין חשק ניט געהאַט, און ווען ער איז שוין אַמאָל געקומען אַהיים פריהער, האָט ער זיך גלייך גענומען ראָיען אין די בילס, וואָס זיינען שטענ־דיג געלעגען אין די מאסען אויף זיין שרייב־טיש; שטונדען לאַנג האָט ער אַזוי געקענט אַפּזיצען איבער אָט דער לאַנגווייליגער אר־בייט און צו איהר, צו אסתר'ן, אפילו אַ וואָרט ניט אויסגערעדט...

דאָס האָט זי זעהר געקרענקט. און מעהר פון אַלעם האָט איהר פערדראָסען איין זאַך: פארוואָס נעהמט איהם גאָר ניט איהר שעהנקייט? פארוואָס קען ער זיין גלייכגילטיג אפילו דאַמאָלס, ווען זי צוקאמט איהרע לאַנגע שווארצע האָר, וואָס גרייכען איהר ביז'ן דער טאַליע? קוקט זי דען דאַמאָלס ניט אויס געגוג חן'עוועניג און רייצענד?... אמת טאַקי, ער שטעהט אַ סך העכער פון איהר: ער איז אַ וועלט־מענש, אַביסעל געבילדעט; נאָך אין דער היים, אין רוסלאַנד, אין גימנאַזיע געלערענט, קומט ארויס פון פארמעגליכע על־טערען, אַמאָל אַ פערברענטער רעוואָלוציאָנער געוועזן און הייסט נאָך איצט אויך וואָלאָדיאַ... און זי איז געוועזן אַ פשוט'ע מיידעל, ערצויגען געוואָרען ביי אָרימע עלטערען; קיין אַמעריקאַ איז זי געפאָהרען — למאַי זאָל זי זיך נאַרען? — מיט'ן ציעל צו קריגען אַ חתן, וואָס זאָל זי נעהמען אַזוי ווי זי שטעהט און געהט. אָבער וואָס־וואָס — אַז זי איז אַ זעלטען שעהנע פרוי — דאָס קען דאָך קיינער ניט לייקענען... זעהט זי דען ניט ווי מאַנסבילען קוקען

איהר נאך ווען זי געהט אין גאס? טו פאראס זשע איז ער צו איהר אזוי קאלט?...

די קאמפלימענטען, וואס דער נייער בעקאנטער האט איהר נעכ־טען אויפ'ן באל געזאגט, זיינען איהר ווידער אויפ'ן זינען געקומען. דערביי האט זי זיך שוין דערמאנט ווי ער האט איהר ממש מיט די אויגען געגעסען; און פיינליך אנגענעהם איז איהר געווען צו קלערען אהן בושה, אז יענער האט זיך שוין אין געדאנק אודאי פארגע־שטעלט ווי פריש און ראזעווע איהר לייב קוקט אויס...

די זון האט שוין לאנג די פריהמארגען שאטענס געהאט פער־רוקט אין די ווינקלען, און אסתר איז נאך אלץ געלעגען אין בעט און מיט א בעזונדער מין הנאה זיך אליין געשפיגעלט אין איהר שעהן ענטוויקעלטען קערפער... זי האט זיך אליין וואס מעהר געוואלט זעהן, האט זי איינגאנצען פון זיך די קאלדרע ארונטערגעווארפען און מיט די פיס פערנומען דאס העמד אזוי, אז די ליניען פון'ם קערפער זאלען וואס בולט'ער ארויסקוקען...

דאס שפיגלען זיך אין'ם אייגענעם קערפער האט נאך הייסער געמאכט איהרע בלוטען און א שטארקער באגעהר ליידענשאפטליך געצערטעלט צו ווערען האט אהן אן אויפהער גענאגט דאס הארץ.

איז זי שנעל פון'ם בעט ארונטער, אנגעטהאן דעם העלען פרינ־צעס מיט די ברייטע ארבעל, זיך עטליכע מאל אקעגען שפיגעל בעטראכט און ווי א יעגער, וואס בעקומט מעהר מוטה נאך דעם, ווי ער איבערצייגט זיך, אז זיין ביקס טרעפט גוט אין ציעל, איז זי זשוואווע, אויף די שפיץ פינגער, צוגעגאנגען צו איהר שלאפענ־דען מאן און איהם גענומען וועקען...

— וואלאדיא! — האט זי שטיל ארויסגעזאגט און זיך אנ־געבויגען איבער איהם אזוי נאהענט, אז איהרע צולאזטע האאר האבען זיין פנים אנגעריהרט.

און ווען ער האט די פערשלאפענע אויגען געעפענט און עפעס אונצופריעדען אונטער דער נאז א בורטשע געטהאן, איז זי שטארק אראבגעפאלען ביי זיך אליין און זיך שוין געוואלט אויסדרעהען אזוי, אז ער זאל איהר אמת'ע כונה ניט וויסען...

— דו האָסט, דוכט זיך, נעכטען געזאָגט, אַז היינט דאַרפסטו אויפשטעהן אַביסעלע פריהער? — האָט זי גענומען רעדען ניט זיכער און זיך באַלד געכאַפּט, אַז יעצט פּאַסט ניט צו שטעהן אַזוי איינגעבויגען איבער איהם...

— עס האָט זיך דיר אודאי געחלום׳ט — האָט ער אַ זאָג געטהאָן אַביסעל בייזלאַך און זיך איבערגעקעהרט אויף דער אַנדערער זייט...

אַ בעליידיגטע איז זי געבליעבען שטעהן עפּעס ווי ניט אַהין און ניט אַהער, נערוועז האָט זי די אונטערשטע ליפּ געביסען, געפיהלט אַזוי ווי מען וואָלט זי אַ נאַקעטע מיט קאַלטע וואַסער אָבגעגאָסען און אַ פערשעהמטע איז זי פּאַמעלאַך אַוועקגעגאַנגען פון איהם...

אויף דעם ווייסען וויעג־שטוהל, וואָס איז לעבען בעט געשטאַנען, זיינען נאָך געלעגען אָנגעוואָרפען די קליידער, וואָס זי האָט נעכטען אויף דער נאַכט אויפ׳ן באַל געטראָגען און דאָס האָט איהר דערמאָהנט, וואָס זי האָט נעכטען איבערגעלעבט... אַ פערקלעהרטע האָט זי זיי זאָרגפעלטיג גענומען צונופלעגען און בשעת מעשה האָט זי זעהר געוואָלט פּינקטליך געדענקען אַלעס, וואָס דער נייער בעקאַנטער האָט איהר געזאָגט...

די הענד האָבען איהר אָנגעהויבען ציטערען, עפּעס אַזעלכע װאַרימע געפיהלען האָבען אין איהר האַרצען גענומען אויפבראַוזען, די בלוט איז איהר געקומען אין פּנים אַריין, די אויגען האָבען ביי איהר אָנגעהויבען גלאַנצען, און ווען איהר בליק איז ווידער געפאַלען אויף איהר מאַן, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגען מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט, האָט זי, גאָר אונגעריכט, ניט מיט איהר קול אויסגעשריען:

— וואָלאָדיאַ!...

און אין אַט דעם געשריי — ווי אומגעלומפּערט און ווילד ער איז ניט אַרויסגעקומען — האָט זיך דאָך געפיהלט געבעט און אונטערטהעניגקייט.

אַז איבערגעשראָקענער האָט ער זיך געגעבען אַ כאַפּ אויף און תמ׳עוואָטע אויסגעשטאַרט אויף איהר די גרויסע אויגען:

— וואָסי?...

און כאָטש זי האָט ערוואַרטעט, אַז ער זאָל זיך אָפּרופען, האָט זי דאָך מיט׳ן גאַנצען קערפּער אַ ציטער געטהאָן ווען זי האָט זיין קול דערהערט און ווען איהרע בליקען האָבען זיך מיט זיינע בעגעגענט האָבען זיך איהר מיט אַמאָל געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, אָבער וויינען האָט זי זיך געשעהמט...

און מיט אַ האַלבער שטונדע שפּעטער, ווען ער איז אַזוי ווי אַלע מאָל געזעסען ביי׳ם טיש אָנגעכמורעט און געגעסען ברעקפעסט האָט זי איהם אונטערטהעניג אַלע מאָל אַן אַנדער מאכל דערלאַנגט און כאָטש דאָס הארץ איז איהר יעצט געווען געגוג פערביטערט, האָט זי דאָס פּאַר איהם אָבער ניט ארויסגעוויזען... גוטמוטהיג און פרעהליך האָט זי געפּלאַפּעלט וועגען דעם שעהנעם וועטער; ווי זי האָט אין אַלגעמיין ליעב די ערשטע פריהלינגס־טעג ווען מען קען שוין ארויסגעהן אין דרויסען אָהן אַן אויבערשטעס. און קו־קענדיג אַזוי כיטרע אויף איהם בגנבה, האָט זי אַ זאָג געטהאָן אַזוי ווי זי וואָלט כלומרשט גאָר ניט אויסען געווען מיט דעם:

— נו, איז נעכטען געווען אַ באָל, — אַ פּלעזשור; איך האָב שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ „גוט טאָים“ ווי נעכטען...

— טאַקי? — האָט ער אַ זאָג געטהאָן געלאַסען און זיך פערטיעפט אין דער מאָרגען־צייטונג.

— נו, יאָ. — האָט זי ווייטער גערעדט מיט כלומרשטער התפעלות. — איך האָב דאָרטען אַזוי פיעל געטאַנצט, אַז איך בין אַזש פערמאַטערט געוואָרען...

— האָסטו זיך, הייסט עס, פיין אַמוזירט? — האָט ער ווי פון דער צייטונג ארויסגעלעזען.

— נאָך ווי אַמוזירט! אַלע יונגע לייט האָבען זיך געדרעהט ארום מיר...

זי האָט געזעהן ווי ער הויבט אָן ווערען נייגעריג, האָט זי זיך געמאַכט ווי זי וואָלט דאָס גאָר ניט בעמערקט און ווייטער גערעדט:

— מיט איין יונגען מאַן האָב איך עטליכע מאָל געמוזט טאַנ־צען. און איך זאָג דיר, אַז עס איז נור ניט געווען ווער עס זאָל לאַכען! שטעל דיר פאָר: ער האָט געמיינט, אַז איך בין נאָך אַ מיידעל!... ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך בין שוין צעהן יאָהר פערהייראטה און האָב שוין צוויי קינדער, האָט ער זיך דאָס גאָר ניט געוואָלט גלויבען...

— ווער־זשע איז ער, דער ער? — האָט וואָלאָדיאַ אַ פרעג געטהאָן געלאַסען, אָוועקגעלעגט די ציימונג און וואזשנע פער־רויכערט אַ סיגאַר...

— אַ, זעהר אַ וואוילער יונגער מאַן — האָט זי געענטפערט און דערביי בריה'ש שנעל געווישט אַ גלאָז. — ער איז נאָך אפילו אַ גרינער אָבער ער רעדט שוין גאַנץ פיין ענגליש; ער לערענט אויף דראַגיסט און אין אַלגעמיין איז ער זעהר אַ געבילדעטער יונגער מאַן...

— טאַקי?

— נו יאַ... און שטעל דיר פאָר: ער איז גאָר מיינער אַ לאַנדסמאַן אויך. ער קומט פון אָדעס און גראַדע קען ער אַ פאָר חבר'טעם מיינע פון דער היים...

און דאָ האָט זי איהם דערצעהלט ווי אנגענעהם עס אזי איהר געווען מיט דעם נייעם בעקאַנטען צו רעדען וועגען אָדעסער לעבען, וועגען דעם שעהנעם בולוואַר, וועגען לאַנזשעראָן און וועגען אַנדערע שעהנע פלעצער, וואָס זיינען ביי איהר געווען אַזוי טהייער. און דערביי אין איהר שוין אויסגעקומען צום וואָרט אַ זאָג צו טהאָן פיעל בעדייטענד:

— אפנים, וואָלאָדיאַ, מיר ווערען שוין אַלטע לייט...

— אַנטקעגען וואָס זאָגסטו דאָס?

— אַט אַקעגען דעם, וואָס מיר געהען ביידע קיינמאָל ניט אין ערגעץ און מיר זעהען זיך ניט מיט קיינעם... ביי לייט אַזעלכע

ווי מיר לעבט מען גאָר אנדערש... מען געהט, מען פאָהרט און מען זעהט אַלעס, און מיר... גאָר ניט...

ער האָט געוואוסט וואוהין זי ציעלט, האָט ער זיך ווידער כלומר'שט פערטיעפט אין דער צייטונג און איהר קיין וואָרט ניט געענטפערט...

א ווײַלע איז געווען שטיל. זי האָט האסטיג איין גלאָז נאָך דער אנדערער געווישט און אַלע מאָל קאָסע אויף איהם א בליק געוואָרפען. און ווען זי איז פארטיג געוואָרען מיט דער ארבייט, האָט זי זיך עפּעס אזוי צו'להכעיס'דיג געגעבען א זעץ אוועק ביי דער אנדער זייט טיש, אנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן איין האַנד און פון צווישען די צייהן ארויסגעזאָגט:

— שווייגט זיך...

— שויז, דו הויבט שוין ווידער אָן! — איז ער מיט אמאָל געוואָרען אין כעס, א שליידער געטהאָן די צייטונג און גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב. — א מאָדנער מענש! קאָכט זיך אומזיסט און אומנישט...

— אומזיסט און אומנישט, — האָט זי איהם נאָכגעקרימט מיט גאַל — און מיר ווערט דאָס האַרץ צושפּרונגען און ביי איהם איז דאָס אומזיסט און אומנישט...

איהר פּנים האָט זיך אנגסטליך פערקרימט, און פערשטעלענדיג די אויגען מיט ביידע הענד, האָט זי מיט א וויינענדיג קול אָנגעהויבען:

— גאָט מיינער, מען קען דאָך משוגע ווערען פון פאַרדרוס!

זי האָט יעצט געהאַט אזוי פיעל צו רעדען מיט איהם; אַלע קריוודעס פאר די לעצטע פּאָאר יאָהר האָט זי אצינד אזוי קלאָהר געדענקט און שוין געהאַט די הארציגסטע און פּאַסיגסטע ווערטער מיט איהם זיך אויסצו'טענה'ן. אָבער אין מיטען דערינען האָבען זיך די קינדער פון'ם שלאָף אויפגעכאַפּט, איז זי אוועק צו זיי אין צימער.

ער איז געבליבען אַליין, האָט ער זיך לאַנג, פארטיעפט אין גע־דאַנקען, ארומגעדרעהט איבער דער שטוב מיט א פערלאָשענעם

סיגאר אין מויל און געקלעהרט האט ער, אז אייגענטליך איז דא אלעס אזוי קלאהר און נאטירליך:

ער, וואלאדיא שקאלניק, א מענש, וועלכער האט אמאל געשפיעלט עפעס א שטיקעל ראלע אין די יונגע יאהרען און ערשט געשטרעבט צו ווערען אן אנגעזעהנער מענש — ער האט צוריק מיט צעהן יאהר חתונה געהאט מיט א פשוט'ער מיידעל נור דערפאר, ווייל זי איז געוועזן זעהר א שעהנע... א גאנץ נאטירליכע זאך!... די ערשטע צייט האט ער זי טאקע ליעב געהאט, אבער נאך דעם איז זי איהם דערעסען געווארען... וועל, דאס איז דאך אודאי נאטירליך!... איז, הייסט עס, אויף איהר א גרויסער רחמנות. נו, מילא, וואס קען ער איהר העלפען? און אז ער וויל, איז זי גאר אין אלעס שולדיג; זי, מיט איהר געטריישאפט האט איהם שטענדיג צופיעל געקלאפט אין קאפ אריין, אז ער זאל קלעהרען וועגען א תכלית, זי האט איהם געהאלפען שפארען געלד, זי האט איהם געמאכט זשעדנע נאך געלד; איבער איהר האט ער איבערגעריסען די בעקאנטשאפט מיט אלע זיינע פריינד און זיך אין גאנצען איבערגעגעבען צו ביזנעס... און וואס איז איהם יעצט געבליבען פון די אמאליגע שעהנע צייטען? בלויז דאס, וואס ער איז נאך עד היום א מעמבער אינ'ם „רוסישען רויטען קרייץ" און אלע יאהר שיקט מען איהם אריין צוויי טיקעטס צום באלל... ער וואלט שוין לאנג געמאכט א סוף, ווייל עס איז דאך ווירקליך אונמעגליך צו וואהנען מיט א פרוי אין דער צייט ווען מען האט זי ניט ליעב... זיך ארום רייסען אלע מאל און פאר לייטען נאך מאכען דעם אנשטעל, אז אלעס איז וואויל און פיין... אבער ער קען דאס ניט! ערשטענס — די קינדער, און צווייטענס — ווי די זאך זאל ניט זיין, האט זי דאך נאך אלעמען א גרויסען חלק אין דעם וואס ער האט זיך אזוי ארויפגעארבייט... מוז מען, הייסט עס, פערבייסען די ליפען און שווייגען...

---

דער נייער בעקאַנטער איז געוואָרען אַן אָפטער גאַסט ביי די שקאָלניקס: צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך איז ער אויף דער נאַכט אריינגעקומען ווען וואָלאָדיאַ איז אויך געווען אין דער היים. און דאָס האָט אסתר'ן שטאַרק הנאה געטהאָן. אַלע מאָל האָט זי איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך, און מיט דער צייט האָט זי זיך אַנגעהויבען פערהאַלטען צו איהם אַזוי היימיש און פריי גלייך ווי ער וואָלט געווען ניט גלאַט אַזוי אַ בעקאַנטער, נור איהרער אַ נאָהענטער קרוב, מיט וועמען זי איז צוזאַמען אויפגעוואַקסען און די בעסטע קינדער־יאָהרען פערבראַכט... אין'ם מאַן'ס אנוועזענהייט האָט זי זיך ערלויבט מיט איהם אַ שטיעף צו טהאָן, קאָמפּלימענטען איהם געמאַכט און זי האָט גאָר קיין מאָל ניט געקלערט וואָס פאַר אַ מיינונג דער יונגער מאַן האָט וועגען איהר און וואָס ער איז מיט זיינע וויזיטען אויסען. דאָס האָט זי וועניג וואָס אינטערעסירט, ווייל די הויפּט־זאַך איז ביי איהר געווען — מאַכען אייפערזיכטיג וואָלאָדיאַ'ן...

דער יונגער מאַן האָט איהר בענעהמונג שלעכט אויסגעטייטשט און ער האָט אָנגעהויבען אריינקומען ביי טאָג אויך... אסתר האָט זיינע ביי־טאָגעדיגע וויזיטען ניט פאַרלייקענט; פאַרקעהרט, אַלע מאָל ווען דער מאַן איז אַהיים געקומען, האָט זי איהם באַלד מיט אַ גדולה דערצעהלט:

— דו ווייסט, וואָלאָדיאַ, מיסטער דוברינסקי איז דאָ הייַנט ביי־טאָג געווען...

און געוואָלט האָט זי, אַז וואָלאָדיאַ זאָל זי איבערפרעגען ווי לאַנג יענער איז דאָ געזעסען און וועגען וואָס זי האָט מיט איהם גערעדט, אָבער ער האָט איהר אַלע מאָל געענטפערט קאַלט און שפּאַטיש:

— עס פרעהט מיך זעהר...

אָדער:

— זאָלסט דערלעבען צו זאָגען גרעסערע בשורות...

איהם זיינען אָט די „נארישקייטען" גאָר אין קאָפּ אריין ניט

געקראכען, ווייל גראדע אין יענער צייט איז ער געווען פערנומען מיט עפעס א נייער ביזנעס־אונטערנעהמונג און געהאלטען אין פערקויפען די אלטע ביזנעס. עפעס צוויי דיקע אידען מיט פער־בלאזענע פנים'ער זיינען שוין עטליכע מאל אין די אויף דער נאכטען אהער געקומען, גערעדט אזוי בעל'הבית'יש און וואזשנע וועגען זייערע ערפאהרונגען אין געשעפטס־זאכען, און ער האט לאנג מיט זיי איינגע'טענה'ט און מיט ציפערען זיי באוויעזען, אז זיינע ביזנעס טראגען אריין ניט ווייניגער ווי דריי הונדערט דאלאר א וואך ריינעם פראפיט און דערפאר קען ער ווייניגער ווי פיערציג טויזענד דאלאר ניט נעהמען. ער האט זיי פערזיכערט, אז אזא פרייז איז נאך צו ווייניג — איהר דארפט ניט פערגעסען, — האט ער געזאגט — אז מיין סטאר שטעהט אין'ם פיינסטען געגענד אין דער „איסט סייד" און האט שוין א נאמען אלס א ראיעלע סטאר.

אסתר'ן האבען אט די געשפרעכען זעהר געלאנגווייליגט, דאך האט זי פאר די פרעמדע מענשען געוואלט מאכען דעם אנשטעל, אז זי נעהמט א גרויסען אינטערעס אין איהר מאן'ס געשעפטען, און זי האט א פאאר מאל געמאכט אט אזא קלוגע בעמערקונג:

— אין ביזנעס, יו נאו, שפיעלט קיין ראליע ניט נאך טויזענד דאלאר, ווייל אז מען צאהלט געלד, האט די ווערטה געלד...

און בעטראכטענדיג ווי וואלאדיא זיצט אזוי נגיד'יש, פערלעגט א פוס איבער א פוס, און רעדט אזוי גרינג וועגען טויזענדער, האט זי זיך אליין אויך געפיהלט שטאלץ און אין דער זעלבער צייט גרויס דרך ארץ געהאט פאר איהם, דעם פעהיגען, פראקטישען, ביזעס־מאן, וואס פיהלט זיך אזוי פעסט אין אלעם וואס ער טהוט...

זיינע פעהיגקייטען האט זי אלע מאל בעוואונדערט און אין דער זעלבער צייט מורא געהאט פאר זיי... זי האט געפיהלט, אז דאס דערווייטערט איהם פון איהר. און אפט מאל, ווען זי האט וועגען דעם געקלעהרט, איז ביי איהר אליין אויסגעקומען, אז אזא ערפאלגרייכער מענש, אזא וועלט־מענש ווי ער איז, קען טאקע ניט ליעב האבען אזא פרוי ווי זי... דערפאר איז זי טאקע געווען זעהר

צופריעדען ווען מען האָט דעם סטאַר פערקויפט, און די צוויי אידען מיט די פערבלאָזענע פנים'ער האָבען אויפגעהערט אהער אריינקומען — זאָל זי כאָטש דאָ אין הויז ניט הערען ווי מען רעדט אַזוי גרינג וועגען טויזענדער!...

איהר איז געווען שווער אויסצוהערען די טרוקענע געשפּרעכען, אָבער נאָך שווערער איז איהר געווען אריבערצוטראָגען די אָנגעצויגענע שווייגעניש, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך דעם, אַזוי ווי אַלע מאָל; און די קאַלטקייט, וואָס האָט פון איהם געוועהעט אפילו דאַן ווען ער האָט, לויט איהר מיינונג, געדאַרפט רעדען מיט איהר, זיך האַלטען עפּעס אַן עצה, וועגען די נייע ביזנעס זיינע.

בלויז געצעהלטע, אָבגעהאַקטע ווערטער האָט ער מיט איהר גערעדט. און זי — אבי צו פערפיהרען מיט איהם אַ געשפּרעך— האָט איהם צום וויפיעלטען מאָל געפרעגט אויב דאָס איז אַ גוט געשעפט, האָט ער איהר אַלע מאָל געענטפערט: „ס'איז אַלרייט" און ווען זי האָט איהם גענומען איבערפרעגען פערשיעדענערליי קליינינגקייטען, האָט זיך אויף זיין פּנים בעוויזען אַ שמייכעל.

— וואָס־זשע, — מאַכט ער צו איהר אַזוי איראָניש — האָסט אפשר חשק מיר ארויסצוהעלפען אין די ביזנעס אַזוי ווי אַנדערע פרויען ביי לייטען?...

דעמאָלסט איז זי געבליעבען שטעהן צוטומעלט. אַזאַ בעמערקונג האָט זי פון איהם קיינמאָל ניט געהערט. די לעצטע ווערטער זיינע זיינען איהר עפּיס ניט געפעלען געוואָרען... מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען האָט זי אויף איהם אַ קוק געטהאָן, אַזוי ווי גלייך אין דעם מאָמענט וואָלט פאַר איהר זעהר אַ פערפלאָנטערטע זיך מיט אַמאָל קלאָהר געוואָרען... אַ ווײַלע האָט זי געשוויעגען און נאָכדעם האָט זי מיט אַ געמאַכטען שטאָלץ געענטפערט:

— נעווער מיינד, איך וואָלט נאָך געקענט אויפטהאָן אַזוי פיעל וויפיעל דיינע בעקאַנטע ביזנעס־לייריעס...

און זאָגענדיג דאָס האָט זי אַליין געוואוסט, אַז דאָס איז ניט

אמת, ווייל ניט איינמאל האט זי שוין געפּרואווט איהם ארויס־העלפען אין סטאר און עס איז קיינמאל דערפון גאר ניט ארויס־געקומען...

זי האט איהם אנגעהויבען נאכקוקען, געוואלט אויסגעפינען אויב ער האט ניט קיין געליעבטע; עטליכע מאל איז זיי בייטאג צו איהם אין סטאר אריינגעקומען און אלע מאל האט זי איהם גע־טראפען פערטהאן אין די ביזנעס.

און דא זיינען אנגעקומען די הייסע זומערדיגע טעג ווען די גרינגסטע קליידער זיינען געווען א משא אויפ'ן לייב, און עס איז געווען זיך שווער פארצושטעלען א ווינקעלע, וואו מען זאל זיך קענען אויסבעהאלטען פון דער ברענענדיגער זון, וואס האט די געזינדסטע מענשען געמאכט פויל און צוקראכען

אין דער צייט פלעגט אסתר אלע יאהר אוועקפאהרען אין קאונטרי אויף א פּאאר מאנאטען, יעצט אבער האט זי דאס ניט געוואלט טהאן; זי האט געוואוסט, אז אצינד האט זי די בעסטע געלעגענהייט צו מאכען אייפערזיכטיג דעם מאן, דורך דעם שעהנעם יונגען־מאן דובּרינסקי, וועלכער שענקט איהר אזוי פיעל אויפמער־זאמקייט די לעצטע טעג...

זיצען גאנצע טעג אין הויז איז איהר געווען לאנגווייליג, דערצו האבען איהר נאך די קינדער שטארק דערקוטשעט, איז זי גאנץ אפט בייטאג אוועק מיט זיי אין פּארק, געשפּאציערט מיט זיי ביי'ם וואסער, הנאה געהאט פון זייערע שטיפערייען; אדער אליין זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק און מיט פערבענקטע בליקען בעגלייט יעדען פארבייגעהער; און האט זי נאר דערזעהן א פערליעבטע פּאארעל שפּאציערען געארעמט, האט זי זיי לאנג נאכגעקוקט, שווער אבגעזיפצט און דערביי געקלעהרט, אז אויף דער וועלט זיינען דאך פאראן א סך גליקליכע מענשען, וואס ווייסען פון א לעבען און געניסען פון ליעבע...

די אויף דער נאכטען זיינען געווען דושנע און פארנע. קיין ביסעל לופט איז אין ערגעץ ניט געווען, גלייך ווי די זון וואלט נאך בייטאג די גאנצע לופט אויסגעשרפה'ט.

אין אזא אויף דער נאכט איין אסתר געזעסען מיט דוברינסקי'ן ביים טיש אויפ'ן „פארטש“ און געטרונקען קאלטע סאדא־וואסער. וואלאדיא איז געזעסען ביי דער זייט, זיך געמיטהליך געהוידעט אויפ'ן וויעג־שטוהל און וואזשנע געדרויכערט א ליולקע. גראדע דאס מאל איז ער געווען גוט געשטימט; א געפיהל פון צופריעדענ־הייט האט אנגעפילט זיין הארץ. אברוהענדיג זיך אקעגען דעם זילבער־שיין פון דער לבנה, וואס האט אריינגעקוקט דורך די דינע געדיכטע דראטען מיט וועלכע דער גאניק איז געווען איבערגעצויגען כדי די „מאסקיטאס„ זאלען אהער ניט צוקומען, האט ער פריינד־ליך גענומען ריידען מיט דוברינסקי'ן וועגען די אמאליגע איינ־געלשע און בחור'שע יאהרען זיינע; אהן א שיעור קליינינקייטען האט ער זיך יעצט דערמאנט און וועגען אלעם האט ער אזוי גערן געפלאפעלט. — כע, כע, מיסטער דוברינסקי דענקט אודאי, אז ער איז ניט מעהר ווי א טרוקענער בורזשוא, אן אלרייטניק, וואס האט שטענדיג אין זינען נאר ביזנעס? נעווער מאינד, עס איז נאר דא אין אמעריקא איז ער אזוי געווארען; א לאנד אזא... און אין אלגעמיין: פערשיעדענע אורזאכען האבען איהם געבראכט דער־צו; זיין אסתר האט אלע מאל געוואלט, אז ער זאל זיין א נגיד, נו האט ער זיך גענומען צו ביזנעס, און — אויף זיין עהרען ווארט — ער האט גאר ניט געוואוסט, אז ער וועט זיך ארויסווייזען פאר אזא פעהיגען ביזנעס־מאן...

און פעררוקענדיג די ליולקע אין א ווינקעל פון'ם מויל, האט ער בעריהמעריש ווייטער גערעדט:

— אמאל מיט יאהרען צוריק, נאך אין דער היים, זיינען גאר אנדערע צייטען געווען! אין גימנאזיע די בעסטע „אטמיעטקעס“ געקראגען; אלע לעהרער האבען פון וואלאדיא שקאלניק געהאל־טען א וועלט... און נאך דעם, שוין אין די שפעטערע יאהרען, געווען א טיכטיגער מענש אין דער בעוועגונג; געווען גרייט אין פייער צו שפרינגען. ביי אלע ארבייטער געווען בעליעבט; אומ־זיסטיגע אורזאכען זיי געגעבען — גאר אן אנדער מענש געווען!...

דוברינסקי האט איהם ניט גערן געהערט, ווייל אין דער צייט

האָט ער גאָר געקלעהרט ווי גוט עס וואָלט יעצט געווען צו פאַרבלייבען מיט אסתר'ן אַליין אויפ'ן „פּאַרטש"... פונדעסטוועגען האָט עֶר געמאַכט אַזאַ מינע גלייך דאָס אַלעס וואָלט איהם שטאַרק אינטערעסירט, און אַ פּאָאַר מאָל האָט ער די זעלבע חכמה איבערגעזאָגט:

— נו, יאָ, עס פערשטעהט זיך. אין אַמעריקא מוז מען ווערען אַן אַנדער מענש...

אסתר האָט וואַלאַדיאַ'ס רעדעוודינקייט אָנגענומען אַלס אַ בעווייז, אַז ער ווערט שוין אַביסעל אייפערזיכטיג און דערפאַר וויל ער פאַר דוברינסקי'ן אַרויסווייזען, אַז ער איז אויך ניט אַבי ווער. דאָס האָט איהר הנאה געטהאָן, און כדי איהם נאָך מעהר אויפרייצען, האָט זי זיך מיט אַמאָל געגעבען אַ שטעל אויף און דרייסט אַ זאָג געטהאָן:

— אַך, דאָ איז אַזוי היים! אפשר וואָלטען מיר זיך גאָר אַביסעל דורכגעגאַנגען? קומט, איהר געהט, מיסטער דוברינסקי?

— און צו וואַלאַדיאַ'ן:

— דו האָסט דאָך אודאי קיין חשק ניט, האַ? וועסטו שוין דאָ אַכטונג געבען אויף די קינדער...

און נאָך איידער וואַלאַדיאַ האָט געענטפערט, האָט זי גענומען רעדען שנעל אין איין אָטהעם; אַזוי זשוואַווע און לעבעדיג האָט זי איהם איוסגערעכענט אַ גאַנץ צעטעל, וואָס ער זאָל טהאָן ווען ער וועט די קינדער לעגען שלאָפען. און זי איז אַוועק מיט דוברינסקי'ן...

דעם יונגען־מאַן איז דאָס אויסגעקומען אַביסעל פּריקרע. דערפאַר האָט ער אויפ'ן וועג, געהענדיג מיט איהר, לאַנג געשוויגען און אַלץ ניט געקענט צוקלייבען די פּאַסיגע ווערטער ווי אַזוי מיט איהר אַ געשפּרעך צו פערבינדען. אין אַלגעמיין, האָט ער זיך עפּיס געפיהלט מאָדנע. זינט ער האָט אָנגעהויבען אַריינקומען צו איהר אין הויז און האָט דערזעהן ווי רייך זי לעבט, האָט ער עפּעס קיין מוטה ניט געהאַט צו פערהאַלטען זיך צו איהר צו נאָהענט... פון איהר אויפפיהרונג אָבער האָט ער געדרונגען, אַז

זי איז אין איהם פערליעבט. היינט האָט ער זיך נאָך מעהר אין דעם איבערצייגט; און אויף דעם חשבון האָט ער מיט אמאָל בעקומען קוראזש, זי אָנגענומען אונטער'ן אָרעם, ליעבליך איהר אין די אויגען אריינגעקוקט און גלייך, אָהן צערעמאָניעס, א זאָג געטהאָן:

— איהר זיינט א וואוילע וויבעל מיסעס שקאָלניק...

פון דעמאָלסט אָן האָבען זיי אָנגעהויבען גאַנץ אָפט ארומשפאַציערען אין די אויף דער נאַכטען, ווי אָן אמת פערליעבטע פאָרעל. געאַרעמט פלעגען זייביידע ארומגעהן איבער'ן פאָרק, אין די דונקעלע אַלעען, אָדער געזעסען אויף א באַנק און גערעדט מעהר מיט די אויגען ווי מיט'ן מויל...

שפּעטער האָט ער זיך אָנגעהויבען בענעהמען פרייער, זיך געשפּיעלט מיט איהרע דינע ראָזעווע פינגער, פאָרזיכטיג זי ארומגענומען. און איהר איז געווען זעהר אנגענעהם צו פיהלען ווי איהר נאָהענטקייט רייצט איהם אויף... זי האָט דערפיהלט די מאַכט פון איהר שעהנקייט, פון איהר חן'עוודיגען בויגיגען קערפּער. און דאָס האָט אריינגעגאָסען א פרישען שטראָם לעבען אין איהר הארצען...

אין אָנפאַנג איז טאַקע ביי איהר ניט געווען אַזוי וויכטיג דאָס פערברענגען מיט דוברינסקי'ן, ווי דאָס קומען שפּעט אַהיים און זעהן וואָס פאַר אן איינדרוק דאָס מאַכט אויף איהר מאַן. אָבער מיט דער צייט האָט זי אָנגעהויבען פיהלען ווי די נאָהענטקייט מיט דעם שעהנעם יונגען־מאַן פילט אוים די פוסטקייט, וואָס האָט אין איהר הארץ געהערשט עטליכע יאָהר נאַכאַנאַנד. און האָט זי איהם איין טאָג ניט געזעהן, האָט זי געבענקט נאָך איהם...

א שטיק צייט איז זי מיט איהם ארומגעגאַנגען און ווי פאַר אן אמת'ן גוטען פריינד האָט זי פאַר איהם איהר ביטער הארץ אויסדערצעהלט; ווי לאַנגוויילינג די טעג מיט די יאָהרען געהן אוועק; ווי איהר מאַן איז צופיעל פערטהאָן אין די ביזנעס, און— איהם מעג זי דאָך זאָגען דעם אמת — אַלע מיינען אַז זי איז גליק־

ליך, אין דער אמת'ן אָבער איז זי איינע פון די אונגליקליכסטע, ווייל נאָך אלעמען, איז געלד נאָך ניט אלעס; מען איז נאָך יונג, גלוסט זיך צו לעבען אויף דער וועלט...

זי האָט שוין וועניגער געקלעהרט צוליעב וואָס זי האָט אָנגעהויבען ארומגעהן מיט דוברינסקי'ן, און אנשטאט דעם האָט זי שוין גאָר געקלעהרט אַז מען דאַרף יעצט זיין וואָס פאָרזיכטיגער בדי דער מאַן זאָל זיך ניט אנשטויסען, אַז זי איז שוין מיט איהם אזוי בעפריינדעט...

וואָלאָדיאַ'ס שוויינען און זיינע בייזע, קאַלטע בליקען האָבען זי שוין מעהר ניט געערגערט, נאָר געשראָקען; איהר האָט זיך אלץ געדוכט, אַז אָט־אָט וועט ער אויף איהר אָנפאַלען און וועט זי גוט אויסזידלען. און איינמאָל, ווען ער האָט זי ביילויף א פרעג געטהאָן פאַר וואָס זי פערנאַכלעסיגט דאָס הויז און די קינדער, האָט זי מורא געהאַט, ער זאָל זיך אויף איהר באַלד ניט צושרייען און זי האָט איהם געענטפערט מיט געמאַכטער דרייסקייט, הויך אויפ'ן קול:

וואָס־זשע, איך האָב שוין גאָר קיין רעכט ניט ארויסצוגעהן אין גאס?! איך קוק דיר נאָך וואוהין דו געהסט, טו קוק דו מיר ניט נאָך וואוהין איך געה!...

אָט דער ענטפער האָט איהם איבערראשט. ער האָט שוין לאַנג חושד געווען, אַז צווישען איהר און דוברינסקי'ן קומט עפעס פאַר און ער האָט זיך געקליעבען ריידען מיט איהר וועגען דעם... ער האָט געדענקט, אַז ווי ער וועט נור די ערשטע פּאַר ווערטער ארויסרעדען, וועט זי ווערען בלאַס און וועט זיך אָנהויבען פערענטפערען. און מיט אמאָל גאָר — אזא איבערראשונג!

און דאָס איז איהם דוקא זעהר געפעלען געוואָרען און זי איז דערמיט אויסגעוואקסען אין זיינע אויגען; ער האָט געזעהן, אַז דורך דעם איז זי גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען און זי האָט גאָר שטאָלצער דעם קאָפּ אויפגעהויבען... ער איז שוין אפילו געווען גרייט צוצוגעהן צו איהר און אָנהויבען ריידען ווייך און מילד,

אבער דאס הארץ האט איהם דערצו ניט דערלאזט, האט ער א בורטשע געטהאן אונצופריעדען און איז אוועק א ברוגז'ער...

אסתר איז געבליעבען אליין. די קינדער האט זי ארונטער־געשיקט אין גאס זיך שפיעלען, ווייל זי האט געוואוסט, אז באלד וועט דובּרינסקי קומען. זי איז יעצט געווען גוט אויפגעלעגט און פרעהלאך, האט זי פאר זיך א ניגונ'דעל אונטערגעזונגען.

שפּעטער, ווען דוברינסקי איז געקומען, האט זי זיך זעהר דערפרעהט איבער איהם, אבער אין דער זעלבער צייט האט איהר דאס הארץ אונרוהיג גענומען קלאפּען...

זי האט זיך אוועקגעזעצט מיט איהם אין פראנט־רום ביים טיש, פארלעגט א פוס איבער א פוס, פון וויבלי־כער געוואהנהייט אלע ווײלע דאס קליידעל ארונטערגעצויגען, אויף איהם האט זי די אויגען, מיט א שמייכעל, אנגעשטעלט און געזאגט:

— איך האב געמיינט אז איהר וועט שוין היינט ניט קומען...

— פאר וואס?

— ווי געוועהנליך קומט איהר פריהער.

— וועל — האט ער געענטפערט — דעם אמת זאגענדיג האב איך טאקע היינט ניט געקענט קומען; מען דארף זיך צוגרייטען צו די עקזאמענעס, איך האב א וועלט מיט ארבייט... — אבער— האט ער צוגעגעבען — אבי אייך צו זעהן, איז ביי מיר רעכט די וויכטיגסטע ארבייט אבצולעגען...

— טאקע?

— נו, דערצעהלט, וואס הערט זיך עפּעס ביי אייך? — האט ער זיך צוגערוקט נעהנטער צו איהר און איהר אנגענומען ביי דער האנד.

— קיינע נייעס...

און מיט אמאל האט זי זיך פאנאנדערגעלאכט:

— כאַ־כאַ־כאַ! איך האָב איך גאָר פארגעסען צו דער־צעהלען! וואָלאָדיאַ איז דאָך אייפערזיכטיג אויף אייך!...

— עס קען ניט זיין! טאַקע? — ער האָט אָבגעלאָזט איהר האַנד, זיך אַביסעל פערלאָרען, און ווי עס פאַסט פאַר אַ לייטישען מענשען, זיך אָבגערופען: — וועלל, אויב מיין אריינקומען אַהער קען אימיצען מאַכען צום ליידען, דאַן בין איך גרייט מעהר אַהער ניט צו קומען, ווי שווער דאָס זאָל פאַר מיר ניט זיין...

אויף איהר פנים האָט זיך אַ ברייטער שמייכעל באַוויזען: — געהט שוין, געהט; זייט ניט קיין נאַר!...

אין שטוב איז שוין דעמאָלסט געווען פינסטערלאָך, האָט זי געוואָלט אָנצינדען די עלעקטריק. אָבער ער האָט זי ניט געלאָזען — מען דאַרף ניט, זאָל בעסער זיין אַזוי! און ווי זי איז אַזוי געשטאַנען מיט איין האַנד אויפגעהויבען צו דער עלעקטריק האָט ער זי געגעבען אַ ציה צו זיך און זי ארויפגעזעצט אויף זיינע קניע.

— אסתר...

דער גלאַנץ וואָס האָט אין דער פינסטער פון איהרע אויגען ארויסגעפינקעלט און די ווארימקייט, וואָס האָט פון איהר לייב געשלאָגען, האָט איהם שטאַרק צורייצט. ער האָט זי שטייף מיט ביידע הענד ארומגענומען און ביז וועהטאָג געקושט איהר ווייסען האַלז. זיינע אויגען האָבען זיך ארויסגעשפּאַרט גלייך אָט־אָט וועלען זיי פון די לעבער ארויסשפּרינגען, נערוועז און ביסטרע זיינען געווען די בליקען, וואָס האָבען זיך געוואָרפען פון איין שטיקעל מעבעל אויפ'ן צווייטען און ענדליך זיך אָבגעשטעלט אויף דעם ווייכען דיוואַן, וואָס איז ביי דער וואַנט געשטאַנען... ווילד האָט ער זי מיט ביידע הענד אַ הויב געטהאָן און זי צוגעטראָ־גען צום דיוואַן...

אסתר איז געווען ווי צומישט. די ברענענדיגע ליידענשאַפט, וואָס האָט עטליכע יאָהר אין איהר הארצען געטליעט, האָט זיך יעצט נאָך מעהר צורייצט; זי האָט פון קיין זאַך ניט געקענט

קלעהרען. און ווען זי האט זיינע הענט אויף איהר לייב דערפיהלט, האט זי מיט שרעק און מיט הנאה די אויגען צוגעמאכט און שטייף די ליפען פערביסען... — — — — — — — — — — — — — — — —

---

נאך זיין אוועקגעהן איז זי אין דער פינסטער לאנג געזעסען ביים טיש און מיטביידע הענד זיך פערשטעלט דאס פנים. ווע־גען דוברינסקי'ן האט זי יעצט גאר ניט געקלעהרט; זיין געשטאלט, זיין אויסזעהן איז אין גאנצען פערשוואונדען פון איהרע אויגען. איהר אליין איז יעצט שרעקליך געווען צו דענקען וועגען דעם, וואס ס'איז נאר וואס געשעקומען צווישען איהר און דוברינסקי'ן. פאמע־לאך האט זי די הענד פון'ם פנים אוועקגענומען, אן עפען געטהאן די אויגען און זיי באלד ווידער צוגעמאכט און מיט די הענד שטארק דעם שטערן געפרעסט... איין געדאנק האט זי געפייניגט, גע־מוטשעט, און דערפון איז איהר דער מח שיעור אויף שטיקער א זינדיגע... הא?... איהר קאפ האט זיך מיט אמאל פון די דלאניעס ארויסגעגליטשט, א פאל געטהאן אויפ'ן ארם און זי האט זיך צוואויינט...

ערשט ווען ביידע קינדער זיינען מיט א גערודער אריינגעלאפען אין הויז אריין און מיט א גדולה זיך א לאז געטהאן צו איהר, האט זי שנעל די אויגען אויסגעווישט, זיך שטארק דערשראקען און זיך געפיהלט שולדיג אקעגען זיי. און ווען דאס עלטסטע קינד, א מיידעלע פון א יאהר אכט, האט פערוואונדערט א פרעג געטהאן פאר וואס זי וויינט, האט זי אין גרויס פערלעגענהייט אנגעהויבען לאכען עפעס אזוי אומנאטירליך:

— דו נאריש ציגעלע, דו... ווער וויינט? איך? דו נאריש ציגעלע...

און מיט מוטערליכער געטריישאפט אוועקגעזעצט ביידע קינדער ביי זיך אויפ'ן שויס און זיי געטוליעט צו זיך...

דובדינסקי איז עטליכע טעג נאכאנאנד ניט געקומען צו איהר,

און דערפון איז זי געראָדע געוועזן צופריעדען כאָטש זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך איהם און איהם זעהר געוואָלט זעהן... און ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבען אריינקומען ווי געוועהנליך, איז זי שטענדיג געוועזן אין דער מורא, אז וואָלאָדיאַ זאָל זיך סוף כל סוף ניט דערוויסען, אז עס האַלט שוין אַזוי ווייט, און זי האָט מיט איהם אָבגעמאַכט, אז בעגעגענען זאָלען זיי זיך אַלע מאָל בלויז אין פּאַרק אויף אַ בעשטימטען פּלאַץ...

אם מעהרסטען האָט זי זיך מיט איהם געזעהן ביי טאָג אָדער פריה אין אָבענד. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי שוין מיט איהם מעהר ניט געגאַנגען. — מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג — האָט זי איהם אַלע מאָל געזאָגט.

ווי ניט אנגענעהם און פריקרע עס איז איהר די ערשטע צייט געוועזן צו שפּיעלען אַזאַ ראָליע — האָבען אַ מאַן אין דער היים און אַ געליעבטען ביי דער זייט — איז זי אָבער מיט דער צייט אַזוי געוואָהנט געוואָרען דערצו גלייך דאָס וואָלט געוועזן אַ גאַנץ נאַ־טירליכע זאַך...

די ליעבע צו דוברינסקי'ן האָט זי גאָר פאַר אַן אַנדער מענש געמאַכט: אין הויז און איבעראַל האָט זי זיך געהאַלטען שטאָלץ ווי אַ מענש, וואָס ווייסט זיין ווערטה; ביי וואָלאָדיאַ'ן האָט זי מעהר קיין לאַסקעס ניט געזוכט, גערעדט מיט איהם ווי מיט אַ גלייכען מענשען. און האָט ער אַמאָל, ווי זיין שטייגער איז געוועזן, אונצופריעדען אַ בורטשע געטהאַן, האָט זי זיך דאָס צום האַרצען ניט גענומען און איראָניש און גרינגשעציג געשמייכעלט איבער דעם. און דוקא דערמיט האָט זי ביי וואָלאָדיאַ'ן שטאַרק אויסגענומען און ער האָט זיך גאָר אַנדערש אָנגעהויבען בעציהען צו איהר.

פאַר איהם איז דאָס אפילו געוועזן שווער, דאָך איז ער צו איהר געוואָרען צערטליך און צוגעלאָזט... אויף דוברינסקי'ן האָט ער קיין שלעכט האַרץ ניט געטראָגען. פערקעהרט, ער איז איהם נאָך געוועזן דאַנקבאַר, וואָס צוליעב איהם איז אסתר גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען... קלעהרען אויף איהר שלעכטעס איז איהם גאָר

ניט איינגעפאַלען; צופיעל האָט ער אין איהר אַרענטליכקייט געגלויבט... און ווען ער האָט געזעהן ווי קאַלט זי נעהמט אויף זיינע צערטליכקייטען, האָט ער געצויגען מיט די אַקסלען און דאָס גאָר ניט געקענט פערשטעהן: — ס'אַראַ מאָדנער פאָלק, אָט די פרויען!...

ער האָט זעהר געגאַרט, אַז דוקא יעצט, ווען זי פיהלט זיך אַזוי שטאָלץ ביי זיך, זאָל זי צו איהם ארויסווייזען ליעבע... ערשט יעצט וואָלט ער דאָס אָבגעשעצט ווי עס בעדאַרף צו זיין; ער וואָלט זיך געפיהלט גליקליך מיט איהר, ווייל נאָך אַלעמען איז זי דאָך זעהר אַ שעהנע פרוי... — — — — — — — — — — — — — —

# ליידען.

(א מאנאלאג פון א שיכור)

איהר מיינט אודאי, אז איך בין שיכור, הא? — א נעכטיגער טאג! איך בין קיינמאל ניט שיכור אזוי ווי אנדערע, וועלכע ווייסען ניט אויף וואסער וועלט זיי זיינען און וואלגערען זיך ווי נישטיגע בעשעפעניסען אין די גאסען, אדער זיי גיסען מיט טרעהרען ווי אונבעהאלפענע אונגליקליכע ברואים... טפוי! איך האב פיינד אזעלכע מענשען, איך האס זיי ווי דעם טויט...

מיר מיר וועט אזעלכעם קיינמאל ניט טרעפען. אבער גאר לא! און ווייסט איהר פארוואס? ווייל איך טרינק נור ביז איך דערפיהל ווי אין הארצען צובושעוועט זיך א ים פון אונגעהויער שטארקע געפיהלען און אין קאפ ווערט עפעס ריהרעוודיג. דאן הער איז די גאנצע וועלט ווי דעם פאר א יאהריגען שנעע... און אט אזוי איז גוט!

אט אשטויגער יעצט. ווער איז צו מיר גלייך? איך האב פאר קיינעם קיין מורא ניט. איך בין קיינעם ניט מקנא און דאס בעסטע — איך האב צו אלע מענשען צוטרויען!... איך גלויב אלעמען, איך האב ליעב די גאנצע וועלט, איך וואלט זיך מיט יעדען איינעם צוקושט אפילו אין מיטען גאס... כא־כא־כא, א וואוילע זאך! בעגעגענסט א מענשען אין גאס: „שטעה, גוטער ברודער! גיב אהער דיין האנד... דו ביזט... נו, דו ביזט א

פריינד, אן אייגענער מענש. דו פערשטעהסט א געשעפט... נא דיר א קלאפּ אין דער פּלייצע — און געה"... אט דאס איז גוט, איהר פערשטעהט? מיט אמאל דערפיהלט מען, אז מען איז העכער פון אלעמען. און א מערקווירדיגע זאך! דוקא איז אזא מאמענט ווערט מען פריינדליך און היימיש מיט דער גאנצער וועלט...

און ריידען גלוסט זיך — א וועלט! און איהר מיינט, אז ווען איהר זייט דא נישטא, וואלט איך דען ניט גערעדט? נאראנים, וואס איהר זייט! אפילו מיט'ן טיש וואלט איך זיך אויסגעטענה'ט... אפילו מיט'ן פלעשעל און מיט וואס דען ניט! פאר א נויט — מיט'ן טעלעגראף־סלופּ... נור נישט געלאכט! מיר פערדריסט דאס... אט גיב איך א קלאפּ מיט'ן פויסט איבער'ן טיש, וועלען אלע גלעזער מיט די פלעשלעך אויף קליינינקע פּיצלעך צוטראסקעט ווערען... הא הא! איהר האט זיך דערשראקען; איך קוק ווי א גזלן?... נאראנים! איהר הויבט ניט אן צו פערשטעהן, אז ווען אן אנגעוועהטאגטע הארץ פּיהלט, אז אט־אט פּלאצט דאס פון צופיעל ליידען און דער מח ווערט שיער צו־שאסען פון צופיעל קלעהרען, דאן מוז מען רעדען... איהר פארשטעהט, מען מוז! יעצט ווערט איהר ווייכער? נו, אפשר האב איך טאקי געזאגט א נארישקייט: רעדען מיט א סלופּ... מיט א פלעשעל... כא־כא! איהר שטעלט זיך דאס פאר? געווים, א נארישקייט! בעסער טאקי צו רעדען מיט מענשען, ובפרט מיט אזעלכע, וואס טרינקען מיט מיר צוזאמען!... איהר זייט וואוילע יונגען, איך האב אייך ליעב!... טו, הערט זשע מיך טאקי אוים. נור פריהער מוזען מיר אויסטרינקען צו גלעזער ווייז... צו צוויי — מאכט אויך ניט אוים...

ב ר ר ר ר! גוטער וויין; ער קריכט אין קאפּ אריין... אזוי האב איך ליעב, נור זיצען דארף איך ניט... אין אזא מאמענט דארף זיך אלעם בעוועגען, די געדאנקען, די געפיהלען, אלעס... נו, אט שטעה איך! קוקט אויף מיר; א יא, א יונג מיט ביינער? טו, טרעפט זשע וויפיעל איך בין אלט? זאגט, שעהמט אייך

ניט... וויפיעל? האָ? פינף און פערציג? — נו, גוטער ברו־דער, האָסט אריבער געבאַפט די מאָס... פינף און פערציג? כאַ־כאַ־כאַ... קלערסט זיך געווים: „אַן אַלטער שכור"... ניין, מיין פריינד, האָסט ניט געטראָפען! אויף גאַנצע צעהן יאָהר ניט געטראָפען! וואונדערט אייך ניט! איך בין נאָך אַ יונגער מאַן... אַי איך בין שוין גרויליך, מיין פּנים איז געקנייטשט? — נו דאָס איז ניט פון וואוילטאָג... דאָס איז פון צרות... קיין זאַך וועט ניט העלפען, אפילו קיין משקה וועט ניט העלפען... אין האַר־צען וועט שטענדיג בלייבען אַן אייביגע וואונד און וועט טליען און טליען ווי אַ ניט פערלאָשענער פייער'ל און וועט מיך טרייבען אַלץ טיעפער און טיעפער אין אַבגרונד — — — — — — — — — — —

העי! ווער האָט אויסגעלעדיגט מיין גלאָז? דאָס איז ניט פיין! מיין גלאָז דאַרף שטענדיג שטעהן אָן אָנגעגאָסענע. אָט אַזוי! לאָמיר זיין געזונד!... אַך, צום טייפעל! גים היינט, גים מאָרגען, ס'העלפט ניט...

חברה, איהר ווייסט, איהר דאַרפט האָבען רעספּעקט פאַר מיר... ציהט אַרונטער אייערע העטס און בוקט זיך פאַר מיר ווי פאַר אַ העלד! איהר הערט! איך פערדיען דאָס...

שוין צעהן יאָהר, אַז איך בין געבליבען אַליין, עלענד, אָבגע־ריסען פון מיין ווייב און פון מיין איין און איינציג קינד... — — שרעקט אייך ניט! איך שריי צו הויך?... אָבער, צום טייפעל זאָלט איהר געהן! איהר ווייסט, אַז ס'טרעפען נעכט, ווען איך רייס זיך די האָאר פון קאָפּ, ווען ס'גלוסט זיך וויינען, רעווען ווי אַ ניט דערקוילעטער אָקס און כאַטש שטאַרב, כאָטש קראַפיר אויפ'ן אָרט — קיין איינציגע טרעהר אפילו... אייך איז בעקאַנט אַזאַ צושטאַנד?... וואָס ווייסט איהר, קליינינקע מענשעלעך מיט אייערע גראָשענדיגע ליידען?... איך!... — איהר ווייסט! וואָס דאָס הייסט קריצען מיט די צייהן ווי אַ צורייצטע חיה און פיהלען אַ חשק אָנצופאַלען אויף זיך אַליין און — שטעהן ווי אַ געפּלעפטער און מיט קיין אבר ניט קענען ריהרען?

ווי קומט איהר אזעלכעס צו פיהלען! — — — איך... איך בין א העלד! א שטארקער מענש מיט א פעסטען כאראקטער... אבער זייט ניט בייז און בעליידיגט אייך ניט; ווען אימיצען פון אייך קומט אוים אזעלכעס איבערצולעבען, וואלט ער שוין לאנג געלעגען מיט די צייהן ארויף... אט אזוי... אבער איך ניט!...

מיך טרייבט דאס אין אבגרונד, אבער איך — איך גיב זיך ניט אונטער...

אמת, איך בין יעצט טיעף געזונקען. פון אלע אמאליגע פריינד, וועלכע האבען געקוקט מיט אבשיי אויף מיר, איז קיין איינער ניט געבליבען... אלע האפנונגען צושטערט... די אמאליגע הויכע שטרעבונגען — מיט'ן רויך אוועק... איך שיכור, אבער ווייטער— קיין שפאן ניט! גענוג!...

העי, חברה, וואס פאר א מרה־שחורה איז אנגעפאלען אויף אייערע קעפ?... קיינער איז דא ניט געשטארבען... מאדנע ברואים! רעדען זיי אמאל וועגען טיעפע מענשליכע ליידען, דער־שרעקען זיי זיך: די פעלכלאך זייערע הויבען אן ציטערען; ס'זאל זיך נאך מיט זיי אזעלכעס ניט טרעפען... אלע פערליערען די נעזער. א געלעכטער, כלעבען, מיט די מענשען!... אלע ליידען דאך. א מענש אהן ליידען איז ווי א... א שטייגער ווי וואס? נו, למשל, ווי א לעדיגע גלאז אהן משקה... אדער טאקי ווי אהן א נשמה... כע־כע. איהר ווייסט, איך געה אמאל אין גאס און קוק זיך איין אין די מענשען. ס'געהען מענער, פרויען, יונגע לייט און מיידלעך. אייניגע לאכען: כא־כא־כא און כי־כי־כי. ס'טהוט זיי הנאה. אנדערע שמייכלען זיך אזוי צופריעדען. אלע רעדען פעסט, מיט זעלבסטווירדע — גליקליכע מענשען... ווייסט איהר וואס איך קלעהר דאמאלס? איהר וועט ניט טרעפען. משוגענע געדאנקען, — וועט איהר זאגען. הם... מיר פאלט איין, אז ווען מיר זאלען קענען זעהן די מענשליכע געדאנקען אין'ם געשטאלט פון געוויסע סימבאלען, וואלטען מיר איבער די קעפ פון דער גאנצער מאסע כלומרשט פרעהליכע מענשען, געזעהן ארומשוועבען א גרויסע מחנה פון טוידטע שארבענס מיט טיעפע לעכער אנ־

שטאַט אויגען, וועלכע שמייכלען תמיד מיט אַ קאַלטען טוידטען און טיפּלישען שמייכעל — מיט פערפּוילטע, פון ווערים דורכגע־לעכערטע אויסגעשטשירטע צייהן וואָס נור קוקענדיג אויף זיי קען די בלוט אין די אָדערען פערגליווערט ווערען...

וואָס האָט איהר זיך דערשראָקען? איהר זייט דאָס ערשט יעצט געוואָהר געוואָרען? איך ווייס דאָס שוין פון לאַנג... גע־ווים; אַלע זיינען מיר אונגליקליכע מענשען. איינער ליידעט פון צושטערטע האָפנונגען. אַ צווייטער—פון אַ צו גרויסער שטרע־בונג... אַ דריטער ליידעט פון אומגליק. אַ פערטער — פון צו־פיעל גליק.

וואָס קוקט איהר אויף מיר ווי אויף אַ פערריקטען? איך בין ביי מיין פולען פערשטאַנד... יאָ. געוויס אַזוי! פון צופיעל גליק ליידעט מען. פון צופיעל ליעבע קען מען פון זינען אַראָב... אַ־אַ! דאָס איז גוט געזאָגט: זיך אַליין צוגעטראָפען! ריכטיג... איך בין אומגליקליך דערפאַר, ווייל מיין פרוי האָט מיך צו פיעל גע־ליעבט... איהר ווייסט דאָך, אַז ווען אַ פרוי ליעבט דעם מאַן צו־פיעל, האָט זי צו גרויסע פאָדערונגען; זי וואָלט וועלען, אַז אַלע זיינע געדאַנקען, יעדע פרייע מינוט, זיין גאַנצער לעבען זאָלען זיין געווידמעט בלויז צו איהר... זעהט זי, אַז ס'איז נישט אַזוי — ווערט זי אייפערזיכטיג. און דאָס, זאָג איך אייך, איז אַ צרה. וועלכע בויט אויס אַן אייזערנע וואַנד צווישען מאַן און ווייב און זיי הערען זיך אויף צו פערשטעהן... דאָס גאַנצע לעבען ווערט פאַרביידען אַ גיהנום... ס'ווערט אונערטרעגליך און עפּעס אַ געהיימע לוסט טרייבט אייך צו טהאָן דאָס פערבאָטענע... ווער פון אונז ווייסט ניט, אַז שכרות איז גיפט, און דאָך — כאַפּט אונז אַלעמען דער טייוועל!... ווער פון אונז ווייסט ניט, אַז אויס־ניכטערען זיך איז זעהר אַ פּאַסקודנע זאַך, און דאָך — נו, לאָמיר טרינקען לחיים... אַזוי איז דאָס!...

האַ־אַ! גיסט אָן נאָך אַ גלאָז! אַזוי...

אַ מאָדנע פאָלק, די פרויען! קענסטו איינע — קענסטו אַלע... ווערען זיי אייפערזיכטיג — זיינען זיי בלינד! ס'ווערט פּשוט

אונמעגליך צו רעדען מיט זיי לאגיש... וועגען די פאלגען, וואס די אייפערזוכט קען ברענגען, האבען זיי מורא צו קלעהרען... קלעהרען זיי, דערשרעקען זיי זיך און ווערען היסטעריש... זיי בעדויערען נור פאר וואס דאס איז אזוי... וואס אזוי? — ער האט זי אזוי ליעב געהאט און יעצט? כא־כא — יעצט קוקט ער אויף אנדערע פרויען אויך... אזא סקאנדאל!...

היינט מאהלט אייך אויס, אז מיין פרוי איז געווען א שטילינקע, א שווייגענדע, א שוואכינקע און אן ארענטליכע ביז גאר און איך בין א לעבעדיגער און א געזונדטער. אפילו אויך אן ארענטליכער, אבער — א מענש מיט א האסטיגען, הייסען טעמפעראמענט און מיט א אונגעהויערער דורשט צו פערברענגען גאנץ אפט אין א געזעלשאפט פון בעקאנטע יונגע לייט און מיידלאך!... איך האב זיך ליעב צו פיהלען פריי; מאכען א שפאס, א קאמפלימענט. זאגען יענעם גאנץ אפענהערציג צי ער געפעלט מיר, צי ניין... אזא טבע האב איך! מיר אליין געפעל איך... אבער איהר וויסט מיט וואס דאס שמעקט? טע־טע־טע...

אט ווי איהר קוקט מיך אן, האב איך זעהר ליעב צו האבען אלע מאל נייע בעקאנטע... און ווען איך קריג א נייעם בעקאנטען, אדער בעקאנטע, פיהל איך זיך עפעס יום־טוב'דיג ווי א קליין אינגעלע אין א נייעם גארניטור... אט אזא מענש בין איך! איך האב פיינד, איך האס די איינטאניגקייט; ס'עסט זיך מיר צו...

א נארישקייט געדענקט זיך: ווען איך האב געהאט א היים... אך! דער קאפ הויבט זיך מיר! איך הויב זיך שוין אן צו ערגערען. אבער, איך גיב זיך ניט אונטער! זאל ער זיך הויבען, איך בין שוין געוועהנט צו דעם...

אלזא, יא, ווען איך האב נאך געהאט א היים, האב איך ליעב געהאט אויסצוהענגען אויף די ווענט פון מיין צימער קינסטלערישע בילדער און אנזיכטס־קארטען... מיינט איהר, אז זיי זיינען לאנג געהאנגען אויף איין ארט? ס'הויבט זיך גאר ניט אן! אלע וואך האב איך זיי אנדערש איבערגעהאנגען... אפט האב איך צוגעקויפט נייע, מיט ראהמען און אהן ראהמען... א שטיק געזונד

פלעגט מיר צוקומען קוקענדיג אויף די בילדער ווי אלע מאל העג־געו זיי אויף אן אנדער ארט... עפּעס האט זיך געענדערט — א פערגעניגען... איך פלעג אפּטמאל וועלען דאס מעבעל אויך איבערשטעלען, האט זי ניט געלאזט; זי האט פיינט געהאט צו מאכען א טאראראם אין הויז, זי האט ליעב געהאט, אז אלעס זאל שטעהן שטענדיג אויפ'ן פּלאץ, אין דער בעסטער ארדנונג... און דער היפּוך פון מיר איז זי געוועז... אבער א שרייב־טיש האב איך געהאט, איז ער געווען אינגאנצען אין מיין רשות. נו, נו — אין אלע ווינקעלעך איז ער ביי מיר אויסגעשטאנען! לאנג אויף איין פּלאץ האב איך איהם ניט געלאזען שטעהן... איך האב ליעב נייעס: נייע בילדער, נייע מענשען, נייע איינדריקע... אנדערש קען מען דאך פון זינען אראב...

ס'ארא מערקווירדיגער מענש איך בין! ווען איך ווער א ביסעל שיכור'לאך זאג איך ארויס אלעס, וואס ס'שטיקט זיך אט דא־א ביי מיר אין הארצען... און איהר מעגט לאכען; מיינע געדאנקען געפעלען מיר שטארק... איך אליין בעוואונדער זיי... אט יעצט, למשל, פאלט מיר איין, אז ווען פרויען זאלען אזוי פיעל פערשטעהן, וויפיעל זיי פיהלען, וואלטען זיי געקענט זיין גליקליך מיט אזעלכע מענער ווי איך...

זאגט מיר וואס איהר ווילט און איך זאג, אז ווען א מאן איז פריינדליך צו אנדערע פרויען אין געגענווארט פון זיין פרוי, דארף דאס איהר הנאה טהאן, ווייל דאס דערווייזט, אז ער איז נישט קיין קאלטע בריאה, ער איז א לעבעדיגער מענש... ס'פערשטעהט זיך, אז קיין לינקע געדאנקען דארף ער דערביי ניט האבען. און ער וועט זיי קיינמאל ניט האבען אויב ער וועט בשעת מעשה ניט פיהלען די אייפערזיכטיגע בליקען פון זיין פרוי... אך, די בליקען! זיי צווינגען אייך צו זיין פאלש צו זיך אליין און צו אנדערע; זיי פערפיהרען אייערע געדאנקען דער טייוועל ווייסט וואוהין און מיט דער צייט ווערט איהר א ציניקער אין געדאנק...

א קאמעדיע! הם. זאגט אמאל דער מאן, ס'איז איהם לאנג־ווייליג. ער וואלט חשק געהאט זיך דורכגעהן א ביסעל צו אי־

מיצען, ווייל זי גראדע יעצט ניט געהן און דרינגט, אז עס איז איהם לאנגווייליג דערפאר, ווייל ער האט זי ניט ליעב... ווי געפעלט אייך אזא לאגיק, הא? אבער, אום גאטעס ווילען! מאן און ווייב וואהנען צוזאמען יאהרען־לאנג, זעהען זיך אפט פיער און צוואנציג שטונדען אין מעת־לעת. נו, ווערט דאך לאנגווייליג, ס'איז דאך אזוי נאטירליך... ווייל ער ערגעץ געהן, טא זאל ער געהן געזונדטערהייד... ווילסטו דו אויך — געה אויך. מיט איהם, אהן איהם— אלס איינס! זייט ביידע פרייע, זעלבסשטענדיגע מענשען! אבער געה רעד מיט אן אייפערזיכטיגע פרוי וועגען לאגיק! אז זיי הויבען גאר ניט אן צו פארשטעהן, די פרויען, אז די שטארקסטע און רייסנטע ליעבע קען מען פיהלען ווען מען איז דערווייטערט איינער פון'ם אנדערען...

א ריכטיגער געדאנק! אויף מיין עהרען ווארט, א ריכטיגער!... ווי זאגט איהר? אבער ס'הויבט מיך גאר ניט אן צו ארען, וואס איהר זאגט. וואס הער איך אייך! נאך א צוויי מאל וועל איך מיט אייך טרינקען צוזאמען און נאכהער — פיו! איהר וועט מיך ניט זעהן און איך — אייך ניט. נייע פלעשעל־קאלעגען וועל איך אויסגעפינען, טרינקען מיט זיי א פאאר מאל, פאר זיי אויסצודערצעהלען מיינע צרות, און — אוועק ווייטער... אזוי ביז'ן טויט ארייז...

— נו, איך בין שוין פערקראכען צו ווייט; וואס ס'וועט זיין מיט מיר שפעטער, איז נישט אייער טאטענ'ס דאגה... וואו זשע האלט איך? יא....זי איז געווען דער געגענהייל פון מיר...

איהר פערשטעהט דאך אליין, אז וויפיעל זי האט מיך געפענטעט, ווי איך האב געבראכען מיין כאראקטער און בין געווארען א סטאטעטשנער יונגערמאנטשיק, האט דאס אלץ ניט געהאלפען, זי האט מיך רק חושד געווען. יעדע נייע בעקאנטע פרוי איז געווען אן אורזאכע פון סקאנדאלען און סצענעס... איך האב זיך געפיהלט ווי אין א שטייג, ווי געשטיקט פון א שווערער משא... און וויפיעל איך האב איהר ניט געברייעט, אז מיט דעם פערשטויסט זי מיך, זי לעשט אויס און פער'סמ'ט מיין ליעבע, האט

זי דאָס ניט געוואָלט פערשטעהן... אַז אייפערזיכטיגע פרוי — וואָס נאָך ווילט איהר!...

און געוועזן זיינען נעבכט, מעהרסטענס נאָך דעם, ווען מיר פלעגען ערגעץ זיין אָדער — ווען אימיצער פון אונזרע שטענדיגע בעקאַנטע פלעגט ביי אונז זיין. אַה, אַט די נעבכט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען! ס'איז אונמעגליך! נאָך יעצט־אַ זעה איך זיי פאַר די אויגען. די האָאר פון'ם קאָפּ שטעלען זיך מיר אויף, די בלוט אין די אָנגעצויגענע אָדערען הויבט האסטיגער אַן פליסען. אין קאָפּ דונערט מיר... עפּעס שטיקט מיך אין האַלז... די אויגען ווערען שטאַר, ווילד און אַט גאָר איבערגעשראָקען. אַט פאַלען זיי ארויס פון די לעבער און איך וועל, ווי אַ געשאָסענער, אומפאַלען און אויסגעהן פון וועהטאָג און פון בענקעניס.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס האָט איהר זיך דערשראָקען? איך וויין? געוויס וויין איך...

אָבער מאָהלט אייך אויס: איך און זי זיצען ביידע אין אַ פינסטערען צימער. זי שווייגט... איך פיהל שוין, אַז באַלד וועט עטוואָס געשעהן. פאַר וואָס — ווייס איך ניט... איך הויב אָן קלעהרען, וועמען איך האָב היינט געזאָגט עפּעס אַ קאָמפּלימענט, אפשר אַ פריינדליכען וואָרט... דוכט זיך, אַז קיינעם ניט... איך געה צו צו'ן איהר און פרעג פאַרזיכטיג: — „ליובושאַ! פאַר וואָס ביזטו ברוגז?" ענטפערט זי בייז: „איך בין ניט ברוגז"... זאָג איך נאָך פאַרזיכטיגער: „טו געה־זשע שלאָפען און רוה זיך אוים, ס'איז דאָך שוין שפּעט". ענטפערט זי: „איך קען ניט שלאָפען פון פאַרדרוס". וואונדער איך זיך: „פאַר וואָס? וואָס האָב איך דען היינט געטהאָן?" ענטפערט זי שוין מיט וועהטאָג: „ווען דו אַליין זאָלסט קענען זעהן ווי דו האָסט דעם גאַנצען אָבענד געקוקט אויף ראָזע'ן; מיט וואָס פאַר אַ טאָן דו האָסט זי געבעטען, אַז זי זאָל אָפטער אריינקומען. אַזוי ווי אָהן איהר וואָלסטו ניט געקענט לעבען אויף דער וועלט. וואָלסטו דאָן געוואוסט פאַר וואָס איך קען ניט שלאָפען".

איך ווייס ניט פון קיין זאך; איך האב געקוקט, דוכט זיך, ווי געוועהנליך... איך האב ראזע'ן געבעטען, אז זי זאל אפטער אריינקומען. נו, יא. איז וואס זשע? א טאן — קען איך קיין ספעציעלען ניט מאכען... און איך שווער אייך ביי מיין ווארט, אז איך האב דאמאלסט קיין אונארענטליכע זאכען אין זינען ניט געהאט!

— — — — — — — — — — — —

אזוי פאנגט זיך אן א סצענע. דוכט זיך גאר ניט? אבער שטעלט אייך פאר, ווען די סצענע חזר'ט זיך איבער צעהן מאל, הונדערט מאל, אהן א שיעור מאל... זיי עסען זיך איין אין די עצמות ווי אן אנשטעקענדע קרענק... איך ווער בייז און אין דער זעלבער צייט פערשטעה איך, אז רעדען קען איך גאר ניט; וואס זאל איך זאגען? ס'איז דאך נאטירליך: איך האב געקוקט, איך האב גערעדט. ווי קען דאס דען אנדערש זיין?... אבער דאך ענטפער איך מיט א רחמנות'דיגע מינע: „גלויב מיר, טהייערע, אז איך האב גארניט געמיינט" און נאך אמאל: „געה שלאפען, איך בעט דיך". פרעגט זי מיט פערדרוס: „אז דו האסט גאר ניט געמיינט, פאר וואס זשע האסטו אזוי געקוקט? פאר וואס זשע האסטו אזוי געבעטען?" אזוי א ווארט פאר א ווארט ביז מיר צוקריגען זיך... איך קאך זי, איך טענה הויך אויפ'ן קול, הויבט זי זיך אן ערגערען און באקומט היסטעריקע...

גאט מיינער! איהרע היסטעריקעס האבען מיך משוגע גע־מאכט! קיין מעהר טרויעריגעס און הארץ־רייסענדעס איז אויף דער וועלט נישטא! איהר קענט זיך דאס פארשטעלען? אט, שטעלט אייך פאר: אן ערדעלינקע, א שוואכע און בלאסע פרוי... אט ווערט זי נאך בלאסער — דער טוידט אליין... איהר בלייכער פנים פארקרימט זיך אזוי מורא'דיג, שמערצליך... דעם קאפ פער־ווארפט זי שוואך אין דער זייט... איהרע דארע, לענגליכע פינגער קרעמפפען זיך נערוועז איין אינ'ם קליידעל, אדער אין וואס ס'פאקט זיך איהר אונטער דער האנד... איהרע איינגעפאלענע בריסט

הויבט זיך האַסטיג אויף און אַב... און איהרע קולות! גאָט מיינער! דאָס האַרץ און דעם מח האָבען זיי געלעכערט... — —
און וואָס זאָל איך טהאָן? דער טייוועל זאָל מיך נעהמען! איך טראָג איהר צו אַ גלאָז קאַלטע וואַסער צו די פערשמאַכטע ליפּען; איהרע צייהן זיינען פעסט צונויפגעקלאַמערט — אונמעגליך צו עפענען. די גלאָז שלאָגט זיך אָן אָן זיי, ס'דערהערט זיך אַ שטילער און טעמפּפער קלאַנג און דאָך שוידערט עפּעס פון דעם קלאַנג... —
איך פאַל אויף די קניע און בעט זיך: „איך וועל שוין מעהר ניט, מעהר ניט, אַט וועסטו זעהן“... און וואָס — ווייס איך אַליין ניט... איך ווייס, אַז קיין זאַך וועט ניט העלפען. שפּרינג איך אויף ווי אַ ווילדער און הויב זיך אָן ארום דרעהען... שימערט ארויס פון'ם אנדערען צימער אַ דונקעלע געז־שיין. איך שטעל זיך אָב און קוק אריין... דאָס האַרץ ווערט מיר צושפּרונגען און ס'שטעלען זיך מיר טרעהרען אין די אויגען; אין אַ ווייסינקען בעטעלע, אויף שנעע־ווייסע קישעלאַך שלאָפט מיין איין און איינציגע צוויי יעהריגע טעכטער'ל. איין הענדטעלע האַלט זי אונטער'ן בעקעלע, וואָס האָט זיך אַביסעל אַנגערויטעלט... אַזוי שלאָפט זי שטענדיג... איהר קערפּער'ל איז אַזוי ריין און לויטער — אַ מלאך'ל... דאָס איז מיין קינד! מיינס! — — — אָרים קינד מיינס! ס'שלאָפט און ס'ווייסט פון גאָר ניט!

מיר גלוסט זיך פאַלען אויף די קניע לעבען בעטעלע, אָננעהמען דאָס וואַרימע הענדטעלע פון מיין קינד, שטייף טוליען צו מיין אַנגעוועהטאָגטער ברוסט און וויינען: „קינד מיינס! צו וועסטו שטענדיג זיין מיט מיר? צי וועל איך האָבען דאָס גרויסע פערגעניגען צו זעהן ווי דו וואַקסט, ווי דו ווערסט שעהנער פון טאָג צו טאָג? — צי וועל איך האָבען דאָס גליק צו זעהן ווי דו לערנסט זיך? צי וועל איך נאָך לאַנג הערען דיין זיסען פּלאַפּלען, וואָס קלינגט אַזוי שעהן? — — — צי וועסטו מיר זיין נאָהענט, ווען מיין קאָפּ וועט זיין באַדעקט מיט גרויע האָאר און יעדער פּונק פון לעבען וועט אין מיין האַרצען זיין אויסגעלאָשען?„ — —
און מיין קינד שלאָפט זיך אַזוי רוהיג, אַזוי שעהן...

עפּעס צוקאַכט זיך אין מיר... איך הויב אָן רייסען אויף זיך דאָס העמד... די אָבגעריסענע שטיקער צופאַלען זיך ארום מיין נאַקעטען לייב... איך זעה אויס ווילד, משוגע און ווי אַ פער־סם'טער הויב איך אָן שפּאַנען איבער'ן צימער. פּאַקט זיך מיר אַ שטוהל אונטער דער האַנד, כאַפּ איך איהם אָן ביי די שטעקע־לאַך פון דער פאַרענטשע און קריצענדיג מיט די צייהן דריק איך פעסט די שטעקעלעך אין דער האַנד. איך שטרענג אָן אַלע כחות און — טראַך — טראַך! אַט אזוי... נאכהער גיב איך אַ פאַל אויפ'ן דיוואַן און צוכליפּע זיך — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אך, טרוסען, וואָס האָט איהר זיך דערשראָקען? וואָס קוקט איהר אויף מיר אזוי? כאַ־כאַ־כאַ! איהר מיינט אודאי אַז איך בין פון זינען אַראָב?!... שרעקט אייך ניט; ס'האַלט נאָך ניט דערביי... איך האָב זיך נור די האַנד צובלוטיגט... אויך אַ זאַך! עט, נאַרישקייטען! וואָס איז אַ האַנד? גאָר ניט... זעהט איהר, — אַ נשמה, — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש!...

בע. איך בין שוין פערמאַטערט רעדענדיג. ס'טריקענט מיר אין האַלז. נו, לאָמיר זשע זיין געזונד! נאָך אַ גלאָז! ניט גע־זשאַלעוועט, חברה! נאָך איינע! גיט אַהער... בררררר! ס'נעהמט... לאָמיר זיין גע... געזונד. כאַ־כאַ־כאַ. ווי לעבער־ליך דאָס קלינגט! ווייס איך וואָס! ווינשט הײנט, ווינשט וואָרגען; איך וועל שוין קיינמאָל געזונד ניט זיין... מיין גאַנ־צער לעבען איז צוריסען... גנעה גיס פון אַ פלעשעל, אַז ס'איז שוין לעדיג...

מיין לעבען איז צוריסען ווי דאָס העמד, וואָס איך האָב אַליין אויף זיך צוריסען נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק, אין יענער נאַכט, ווען צווישען מיר און מיין פאַמיליע איז אַלעס געוועןן גענענדיגט... איך פאַרטרוי אייך אַ סוד: נאָך עד היום ליגט ביי מיר דאָס העמד איינגעוויקעלט אין אַ גרויסען בויגען ווייסע פּאַפּיער, וואָס איך בייט איבער פון צייט צו צייט. אויפ'ן פּאַפּיער איז אָנגעשריעבען מיט גרויסע אותיות: צ ו ם א נ ד ע נ ק ע ן"...

איך היט דאָס אָב ווי אַן אוצר און ווען איך קוק אויף דעם, קלעהר איך וויפיעל מיין קינד איז אַלט... ווארט... יעצט איז זי שוין צוועלף יאָהר אַלט—א מיידעלע—אז זי איז געראָטען אין מיר, דאָס געדענק איך גוט... אָבער וואו זי איז — וויים איך ניט...

און ס'טרעפען צייטען, ווען איך פערגעס זיך און קלעהר גאָר ניט וועגען זיי... דאן געה איך ארום ווי אויפ'ן עולם התוהו; איך קלעהר דאן בכלל וועגען גאָר ניט... מיין מח איז דאן א שטיק צוגאָעסנער בליי. נור מיט אמאָל ווער איך ווי אויפגעמינטערט און קען זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט געפינען, ס'גלוסט זיך מיר לויפען. — וואוהין? אין גאָט'ס ערד אריין; ס'לאָזט מיך ניט אָב: וואו איז יעצט ערגעץ מיין ליובושא, מיין עדעלע, שוואכע ליובושא, וועלכע איך האָב אזוי ליעב געהאט און זי האָט מיך ניט פערשטאַנען, רק געוואָלט רויבען מיין לעבענסלוסט און ענדליך — מיך אינגאַנצען פערשטויסען...

זי מוז געווים שרעקליך ליידען. אזא שוואכינקע געוועזן... אזא עדעלע... און אפשר... אפשר איז זי שוין לאַנג ניטאָ צווישען די לעבעדיגע?... זי קען דאָך ניט ליידען אזוי פיעל וויפיעל איך... יא. ס'איז מעגליך... און מיין קינד איז יעצט ערגעץ פארוואָרפען עלענד, און אונבעהאָלפען... מיין קינד — אַן עלענדע מיידעלע...

לאָזט מיך אָב! וואָס האַלט איהר מיך פאַר די הענד? איהר מיינט, אז איך וויל זיך רייסען די האָאר פון'ם קאָפּ? ניין, דאָס האָב איך זיך גלאַט אזוי אָנגעכאַפּט ביי די האָאר... וואָס וועט'ס העלפען?—פערפאַלען. נו, לאָמיר זיין געזונד! גיסט אָן... — — —

העי, חברה, וואָס שלאָפט איהר? וואָס זייט איהר געוואָרען מרת-שחורה'דיגע? ניטש געזאָרגט! אַלץ איין טייפעל! — — — זינגט בעסער. זינגט, זאָג איך אייך... אָבער אַזעלכע ליעדער, אז זיי זאָלען פערקלעמען ביים הארצען און אין קאָפּ זאָל טומלען... קלעהרען זאָל מען ניט קענען... אָט אזוי! לעבעדיגער! נאָך לעבעדיגער! — — — העי, נוטיע כלאָפּצי, סלאוונאָי מאָלאָדצי!

— — — — — — — — — — — —

# פונקען.

אוועקגעפאהרען פון דער היים איז שלמה וואלדאָווער איבער אַ נאַרישקייט, איבער אַ קאפריז. עפּעס מיט אַ מאָל זיינען איהם נמאס געוואָרען אַלע זיינע פריינד, מיט וועלכע ער פלעגט זיך זעהן גאַנץ אָפט; די הויז פון זיינע עלטערען האָט איהם שטאַרק דער־עסען און אַזוי ענג געוואָרען פאר איהם, אַז כאָטש נעהם צושטופּ די ווענט, קעהר אַלעם איבער קאַפּויר, עס זאָל ניט שטעכען די אויגען מיט דער שטענדיגער לאַנגווייליגקייט, וואָס עסט זיך איין אין די עצמות ווי אַ וואונד. וואָס טהוט ניט שטאַרק וועה און קען דאָך קיינמאָל ניט אויסגעהיילט ווערען...

אַזאַ געפיהל לעבט ער איבער אַלע מאָל אין דער צייט פון וואָ־קיישאָן, ווען ער איז פריי פון׳ם קאלעדזש. געוועהנליך פלעגט ער זיך סטארען ווי ווייט מעגליך צו פעראינטערעסירען זיך מיט פארשיעדענערליי זאכען און זיך פארגעסען ווי עס איז, אָבער יעצט איז דער געפיהל צוגעטראָטען צו איהם מיט אַזאַ נאַגעניש — ממש ניט אויסצוהאַלטען...

האָט ער באַקומען אַ שטאַרקען חשק אוועקצופאָהרען אין אַ פרעמדער שטאָדט כאָטש אויף צוויי אָדער דריי טעג, גלאַט אַזוי זיך, צו קיינעם ניט; זיך ארומבלאַנקען אין די גאסען אָהן אַ ציעל און קלעהרען, און די הויפּט זאך — ער זאָל ניט האָבען וואו צו נעכטיגען...

אַ משוגעת! אָבער אַזעלכע משוגעת׳ן פאלען איהם איין ניט איין מאָל...

באשלאסען און געטהאן.

אין דער היים האט ער קיינעם קיין ווארט ניט געזאגט: זיך אויפגעהויבען און אוועקגעפאהרען. יעצט איז ער אין א פרעמדער שטאדט. אפילו ניט ווייט פון דער היים, אבער דאך א פרעמדע שטאדט...

עס איז שוין שפעט אין דער נאכט און ער שפאציערט זיך ארום גלאט אזוי און עס איז איהם גוט ווי די וועלט. ער איז א גליקליכער; ער פיהלט, אז ער האט אבגעטהאן זעהר א וויכטיגע זאך — א זאך, וואס ניט אלע קענען טהאן...

„א געלעכטער! מען דארף דאך טאקי זיין פריש און געזונד און משוגע צו האבען אזא חשק"! — איז ער זיך משער, וועלען זאגען אנדערע... נו, ארט דאס איהם שטארק!...

ער האט אנגעהויבען זיך איינצוקוקען אין די הייזער, וועלכע זיינען קוים בעלויכטען געווען פון׳ם שיין פון די צעווארפענע לאמ־טערנעס. אלעס האט אויסגעקוקט ניי אין זיינע אויגען, און דאס אליין האט איהם שטארק הנאה געטהאן...

פון צייט צו צייט האט ער זיך פארקירעוועט אן א זייט און אריין אויף אן אנדער גאס.

וואס ארט דאס איהם?!....

די צייט האט זיך גערוקט פאמעלאך און געמיטהליך. אויפ׳ן גלאטען אספאלטעווען ברוק האבען ציטערדיגע שאטענס געהיימ־ניספול זיך געהוידעט און שטרייפענווייז זיך געצויגען פון איין זייט טראטואר צו דער צווייטער. ערטער־ווייז זיינען ביי די זיי־טען געשטאנען בוימער און האבען אבגעשפיעגעלט זייערע בלע־טער אמ אויף די שאטענס און אט אויף דעם מאטען שיין, שאק־לענדיג זיך הין און הער. די גאס האט זיך אוועקגעצויגען ווייט און לאנג, אונענדליך לאנג, און דארטען, ווייט־ווייט, האט זי זיך אין גאנצען פערלארען אין דער פינסטערניס. האט וועז ניט וועז ארויסגעשימערט א שיין פון דארט, האט דאס אויג ניט געקענט אונטערשיידען, צי דאס איז א שטערען אויפ׳ן הימעל אדער גאר א לאמטערן אין גאס, און געדוכט האט זיך, אז דארטען זיינען ניטא

קיין הייזער, קיין גאסען — גאָר ניט, נור בלויז אַ געדיכטע פינ־סטערניס, וועלכע מען קען ממש מיט די הענד אָנטאַפּען...

און אַט די פינסטערניס, וועלכע האָט אַלעם איינגעשלונגען, און האָב אָבגעהאַקט דעם רוים פון הימעל און די ווייטקייט פון דער ערד, האָט איהם ווי אַ מאַגנעט געצויגען. און ער איז געגאַנגען אַלץ אַהין מיט אַזאַ מינע ווי ער וואָלט דאָרטען עטוואָס נייעס און זעל־טענעס וועלען געפינען... און זי, די פינסטערניס, האָט זיך אַלץ ווייטער אָבגערוקט פון איהם. און פוןביידע זייטען גאַס זיינען זיך געשטאַנען פערשיעדען־געפארבטע הייזער — רויטע, געלע און ווייסע. אַלע זיינען זיי געווען אָנגעכמורעטע און פערשלאָפענע. און זיי האָבען געקוקט מיט די בלינד־שווארצע שויבען אויף דער שלאָפענדער שטאָדט...

ביי'ם ראָג גאס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטהאָן אויף זיין זייגער. דער זייגער האָט געוויזען צוויי. גוט אַזוי! ווען ס'זאָל ניט זיין אַזוי שפּעט, וואָלט זיך איהם אפשר נאָך פער־גלוסט צו געהן זוכען באַקאַנטע, אָבער יעצט איז ער שוין זיכער, אַז יער וועט נעכטיגען אין גאַס...

אויף זיין פּנים האָט זיך בעוויזען אַ צופריעדענער שמייכעל. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז אין דער היים האָט די מאַמע אודאי צוגעגרייט פאר איהם אַ געלעגער מיט ווייכע קישענס און מיט אַ זווי־בער ווייסע ליילעך... גאַנץ פריה ווען זי וועט אויפשטעהן און דערזעהן, אַז ער איז נישטאָ, וועט זי איבערקלעהרען ווער ווייסט וואָס... דוכט זיך, אַז זי האָט שוין געמעגט צוגעוועהנט ווערען צו זיינע משוגעת'ן; ניט איין מאָל געהט ער דאָך אַוועק פון דער היים און קומט ניט צוויי, דריי טעג נאָכאַנאַנד, און דאָך... אַ מאַמע איז אַ מאַמע...

ער האָט אָנגעהויבען געהן לאַנגזאַמער. האָט זיך פאַר־קלעהרט:

פאַרוואָס איז אַזוי לאַנגווייליג? וואָס פעהלט איהם? די על־טערען האַלטען איהם אוים מיט אַלעם. ער איז שוין אויפ'ן דריי־טען קורס פון מעדיצינישען פאַקולטעט, נאָך איין יאָהר, און ער

וועט זיין אַ דאָקטאָר, וועט ארומפאָהרען מיט אַן אויטאָמאָביל אַזוי ווי אַנדערע דאָקטוירים. ער וועט זיך איינפיקסען אַ שעהנעם קאַבינעט; אַלעס וועט ער אויסשטעלען געשמאַקפול און קונסט־פאָל, אַזוי ווי ער האָט ליעב... וועט ער וועלען, וועט ער זיך גאָר בעזעצען אין אַ שטאָדט ערגעץ ווייט, אָדער ער וועט גאָר אַוועקפאָהרען ערגעץ קיין איירָאָפּאַ; אַלס דאָקטאָר וועט ער דאָך אין ערגעץ ניט פאַרפאַלען ווערען... נו, איז דאָך גוט. אַן אַנדע־רערע אויף זיין אָרט וואָלט זיך געפיהלט גליקליך, אָבער ער איז ניט צופריעדען...

אפשר איז דאָס דערפאַר, — פּרובירט ער זיך ערקלעהרען, — ווייל ער קען זיך ניט צופריעדענשטעלען בלויז מיט דעם, וואָס ס'וועט זיין אין אַ יאָהר אָדער אין צוויי יאָהר ארום? אָבער דאָס לעגט זיך איהם ניט אויפ'ן שכל; ער איז זיכער, אַז ווען ער וועט שוין זיין אַ דאָקטאָר מיט אַ גוטער פּראַקטיק, וועט ער אויך ניט זיין צופריעדען. ער ווייס שוין — פריהער שטרעבט ער צו וואָס עס איז און איהם דוכט זיך, אַז ווען די שטרעבונג וועט דערגרייכט ווערען, וועט ער שוין זיין העכסט צופריעדען. און צום סוף, ווען ער דערגרייכט עס שוין יאָ, ווערט עס ביי איהם אַזוי וואָ־כעדיג, אַז ער שעהמט זיך ממש, וואָס ער האָט אַזוי פיעל געטרוימט וועגען דעם...

אַזאַ מענש איז ער: שטענדיג וועט איהם עפּעס פעהלען...

ער דערמאָהנט זיך:

ער האָט אַמאָל ערגעץ געלעזען, אַז די שטרעבונג צו אַ גרויסער זאַך איז אַלע מאָל שעהנער און וויכטיגער ווי די גרויסע זאַך גופא... אַן אויסגעצייכענטער געדאַנק!... מיט זיינע ליעבעס איז דאָך אויך שטענדיג אַזוי: ער בעקענט זיך מיט אַ שעהנער מיידעל, דוכט זיך איהם אויס, אַז ווען זי זאָל זיך אין איהם פאַר־ליעבען, וואָלט ער געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל, ס'וואָלט איהם שוין גאָר ניט געפעהלט. אָבער ווען די מיידעל פערליעבט זיך שוין יאָ אין איהם, ווערט ער גלייכגילטיג צו איהר...

וויפיעל מיידלאך ער האט שוין געליעבט אין זיין לעבען! א וועלט! ערשט נים לאנג האט ער ליעב געהאט א גרושה פון א יאהר פינף־זעקס און דרייסיג, און אין דער זעלבער צייט איז ער, דוכט זיך, געווען נים גלייכגילטיג צו ציליא'ן, א מיידעל פון א יאהר זיבעצעהן... א געלעכטער בנאמנות! ווען די ווייבעל איז אלט געווען ניינצעהן יאהר, איז ציליא ערשט געבארען געווארען, און ער האט זיי ביידען ליעב געהאט. כא־כא־כא! — „ליעב גע־האט", ס'רעדט זיך נור אזוי. אין דער זעלבער צייט האט ער זיך דאך שטארק אינטערעסירט מיט דארא'ן, מיט דאבע'ן און מיט אנ־דערע מיידלאך אויך... איהם האט זיך שטענדיג געגלוסט צו זיין נאהענט מיט יעדער איינער פון זיי, האט ער אבער געוואוסט, אז כדי דאס צו דערגרייכען, דארף ער זיך שטארק נים אנשטרענגען, ווייל ער קען עם אויספיהרען זעהר לייכט, און דארום זיינען זיי אלע ארונטערגעפאלען אין זיינע אויגען... — — —

נו, הייסט דאס ליעבע? געווים נים...

נאך זיין מיינונג קען ליעבע זיין דויערהאפט נור דאן, ווען זי ווערט איבערגעהאקט אין מיטען דערינען, אין סאמע ברען... דאס הייסט, ווען די ליעבענדע פערזאנען ווערען פערווארפען איינער פון'ם אנדערען אין פערשיעדענע שטעדט, אדער גאר אין פערשיע־דענע לענדער, און הערען נים אויף קלעהרען איינער פון'ם צווייטען: „וואס טהוט יעצט מיין ליעבער?" „וואס קלעהרט יעצט מיין טייערע?" און די בענקענים זאל זיין אזוי שטארק, אז זי זאל נים לאזען שלאפען דורך די נעכט, זי זאל טרייבען פון איין ארט אויפ'ן צווייטען און מען זאל זיך אין ערגעץ קיין רוה נים געפינען... אזוי זאלען די הערצער לעבצען, אויסגעהן איינער נאכ'ן אנדערען און זאלען זיך קיינמאל נים גרייכען... אט דאס הייסט ליעבע!

אבער ווען די ליעבענדע פערזאנען קענען זיך זעהן ווען זיי ווילען, זיך קושען און צערטלען ווען און וויפיעל ס'גלוסט זיך זיי — דאן איז קיין ליעבע נישטא, נור בלויז לייהענשאפט...

ער איז זיכער אין דעם; אלע זיינע בעקאנטע זיינען דאך שוין פערהייראטה, ער קומט אריין צו זיי גאנץ אפט און ער זעהט די

וואכעדיגקייט פון זייער לעבען... און אמאָל האָבען זיי זיך דאָך גע־ליעבט אזוי שטארק...

ס'פאַלט איהם איין, אז ער וועט שוין קיינמאָל ניט קענען ליעבען אזוי ווי ער וואָלט וועלען, ווייל די ערשטע געליעבטע זיינע, וועלכע האָט אָנגעצונדען אין זיין הארצען דעם ערשטען ליעבע פלאַקער, נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק, ווען ער איז נאָך אַן אכט־צעהן יעהריגער בחור'ל געווען, איז געווען צו שטאָלץ, זי האָט זיך געריייצט מיט זיין ליעבע און וואָס מעהר זי האָט זיך גערייצט האָט ער זי מעהר ליעב געהאט... נאכהער האָט זי זיך אין גאנצען דערוויטערט פון איהם... ער ווייסט, אז זי האָט חתונה געהאט נאָך מיט פינף יאָהר צוריק... און למאי זאָל ער זיך נארען? נאָך עד היום איז זי ביי איהם פערגעטערט, איהר בילד היט ער אָב ווי א קדשי קדשים... יא, זי האָט ער ליעב!... אָבער די יעצטיגע „ליע־בעס" זיינען פּשוט קליינינקע פונקען: אָט געבען זיי א ברען און — נישטאָ...

און ווען ס'זאָל יעצט פערבייגעהן א שעהנע גראציעזע פרוי און זאָל שטעלען אויף דער ערד אזעלכע טאקטפולע, לייכטע טריט, וואָלט ער זיך פאר איהר אינסטיקטיוו א נויג געטהאן, פון'ם שאָרך פון איהר קלייד וואָלט איהם א זיסער שוידער דורכגענומען, ער וואָלט איהר נאָכגעקוקט לאַנג, ביז זי וואָלט פערשוואונדען פון זיינע אויגען און א לאנגע צייט וואָלט איהר פיגור איהם געשוועבט פאר די אויגען...

ער האָט דערפיהלט א מיעדקייט איבער'ן גאנצען קערפער און א בלייענע שווערינקייט אין קאָפּ. די אויגען האָבען זיך איהם אָנ־געהויבען קלעפען און געגען זיין ווילען, האָט ער זיך אָנגעהויבען פאָרשטעלען ווי זיין בעט אין דער היים זעהט אויס...

די נאכט איז אפילו געווען א זומערדיגע, דאָך האָט ער גע־פיהלט ווי א קעלט יאגט זיך איהם איבער אלע אברים און שרומפּפּט צונויף זיין גאנצען קערפער און ער הויבט אָן גע־נעצען...

האָט ער אָנגעהויבען געהן שנעלער. און דער הילך פון זיינע טריט האָט געקלאַפּט די שטילקייט.

ס׳האָט אָנגעהויבען טאָגען. דער הימעל איז געוואָרען לויטער־רער, די לופט איז געוואָרען פרישער, ווייכער, ווי מיט אַמאָל זיינען די הייזער אויסגעוואַקסען מיט זייער גאַנצער הויך. פון די שויבען האָט אָנגעהויבען ארויסקוקען אַ מילדע פאַרטאָגעדיגע בלויקייט. אַלע ווײַלע האָט זיך פון אַן אַנדער הויז דערהערט אַ האַסטיגער קלינגען פון אַ וועק־זייגער, און באַלד נאָך דעם — אַן אײַבערגעשראָקענער קינדערשער געוויין. און געדוכט האָט זיך, אַז באַלד־באַלד וועט זיך די גאַנצע שטאָדט אַ לייכטען צאַפּעל טהאָן און וועט עפענען די אויגען...

פאַרטאָג האָט ער דערפיהלט, אַז ער איז הונגעריג און פערמאַטערט, אין קאָפּ האָט איהם געזשומעט גלייך ווי אַ וויעדער־קול וואָלט דאָרטען אָבגעקלונגען און אין מויל איז איהם געווען עפּעס אַזוי מאָדנע ביטער, אַז ער האָט זיך אַזש פערקרימט...

עס איז איהם געוואָרען אומעטיג און שווער אויפ׳ן הארצען און ער האָט אָנגעהויבען קלעהרען וועמען פון זיינע בעקאַנטע ער זאָל דאָ אויסגעפינען... ער האָט ארויסגענומען זיין אדרעסען־ביכעלע און האָט אָנגעהויבען זוכען: ער האָט דאָך דאָ אייניגע חברים פון רוסלאַנד!... האַ־האַ! ער האָט דאָך דאָ אַ קרוב אויך. נאָך ווען ער איז געפאָהרען אַהער, האָט ער געקלעהרט ועגען איהם. בייגאַכט איז דאָס איהם גאָר אויפ׳ן זינען ניט געקומען, ער קען שווערען ביי אַלע הייליגקייטען, אַז ניין!... נור יעצט האָט ער בעקומען חשק זיך דורכגעהן אַהין, ער געדענקט איהם אַפילו קוים־קוים, ווייל ווען דער קרוב איז אוועק קיין אַמעריקאַ, איז ער, שלמה, נאָך אַ אינגעלע געווען. אָבער געהערט פון איהם האָט ער גענוג, ער ווייסט, אַז ער איז רייך, האָט שוין היבשע דערוואַקסענע קינדער. איינע, אַ מיידעל, מוז שוין אודאי אַלט זיין אַ יאָהר ניינצעהן־צוואַנציג אונגעפעהר. אַ גאַנצע יענקי געוויס, ער וואָלט זי וועלען זעהן...

— מען דאַרף געהן אַהין — האָט ער בעשלאָסען.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאָליסמאַן און האָט איהם געפרעגט וואו ס'געפינט זיך אַזאַ און אַזאַ גאַס.

דער פּאָליסמאַן האָט איהם געענטפערט, אַז יענע גאַס איז זעהר ווייט פון דאַנען, געהן אַהין, קען מען ניט, נור ווייטער מיט אַ פּאָר בלאָק לויפט אַהין אַ קאַר, מיט דער קאַר וועט ער פאָהרען אַ שטונדע אָדער אביסעל מעהר, דאַן קומט ער אָן אויף יענער גאַס.

ער האָט זעהר העפליך געדאַנקט דעם פּאָליסמאַן און אוועקגע־הענדיג האָט ער פאַר זיך געשמייכעלט; אַ שטונדע רייזע... אָבער פאָהרען וועט ער ניט, ווייל דאָס געלד, וואָס ער האָט, וועט איהם פּינקטליך קלעקען אויף הוצאות צוריק אַהיים. — — — — — —

מילא, וועט ער געהן אַהין, וועט דער וועג געדויערען ביי איהם דריי שטונדען. וואָס דאַרף ער זיך דאָ איילען? סיי־ווי־סיי איז נאָך צו פריה, ער וועט נאָך בעסער אביסעל שפּאַציערען, אויב ער וועט אויפ'ן וועג אָנטרעפען אַ פּאַרק, וועט ער זיך אביסעל אָברוהען; ער איז שוין טאַקי זעהר מיעד...

צום קרוב איז ער אָנגעקומען עלף אַ זייגער בייטאָג. דער־זעהענדיג די רייכע הויז מיט די פּליושענע טעפּיכער אויף די מאַרמאָרנע שטיגען, האָט ער ניט געטמייעט אריינצוגעהן אַהין אַזאַ פערשטויבטער, דאָך האָט ער אָנגעקלונגען.

— דאָ וואָהנט מיסטער גראַן? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן, אריינקומענדיג אין הויז.

— יע, — האָבען אַלע אויף איהם אויסגעשטאַרט די אויגען.

ער האָט זיך ניט נעבעטענערהייט אוועקגעזעצט ביים טיש און האָט געזאָגט:

— איך בין אייערער אַ קרוב, מיין נאָמען איז וואָלדאַווער. איך בין דאָ פערבייגעפאָהרען, האָט זיך מיר פערגלוסט צו זעהן זיך מיט אייך.

— אַזוי, אייער נאָמען איז וואָלדאַווער? זייט איהר, הייסט עס, ברוך'ס אַ זוהן? זעהר פיין!... זיי זיינען, ס'פערשטעהט זיך, העכסט צופריעדען איהם צו זעהן, אָבער פון וואַנען פאָהרט ער? און פאַרוואָס איז ער עפּעס אַזוי... פאַרשטויבט?

שלמה האָט באַמערקט, ווי דער רייכער קרוב קוקט אויף איהם קרומלאַך און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יענער קלערט זיך אודאי: „אַז אַרימער קרוב, אַ שלעפער, מסתמא געקומען כלומרשט „לייהען“ אַ פּאָר דאָלאַר“. און ער האָט בעשלאָסען צו רייצען זיך אַביסעל מיט איהם...

— פון וואַנען איך פאָהר? — פון זעהר ווייט — האָט ער גע־ענטפערט, — איך בין געווען אין די וועסט, אין קאַליפאָרניא, אין וועסט קענעדע, און וואו דען ניט!...

— וואָס האָט איהר דאָרט געטהאָן? — האָט איהם דער קרוב געפרעגט נייגעריג.

— וואָס הייסט, וואָס — האָט ער געענטפערט — אַלץ: גע־ארבייט אויף פאַרמס, אַמאָל געפּעדעלט מיט פאַרשיעדענערליי סחורות, פאַרבראַכט מיט חברים, און יעצט איז די צייט געוואָרען ניט אַם בעסטען, פאָהר איך אַהיים...

דער קרוב האָט אַ דרעה געטהאָן מיט דער נאָז; ער האָט געהערט פון אַזעלכע חברה, אויף זיין לשון הייסט דאָס פּשוט „טרעמפּס“. ער האָט פיינד אַזעלכע...

די מיידעל האָט אויף איהם אַ דורכדרינגענדען בליק געוואָרפען און איהם בעטראַכט פון'ם קאָפּ ביז די פיס.

שלמה האָט דאָס בעמערקט און האָט געבעטען מען זאָל איהם געבען אַ בערשטעל.

— זאָלען זיי איהם ענטשולדיגען, ער וואָלט אודאי ניט וועלען זיי מטריח זיין, אָבער ער קען ניט ליידען דעם שטויב אויף זיך. ער מוז זיך אָפּבערשטלען...

ער האָט זיך אַרומגעוואַשען, זיך אָבגעבערשטעלט און אַ נייע הויט איז אויף איהם אַרויף. ער האָט שוין געוואָלט וויסען, ווי די מיידעל הייסט... זי געפעלט איהם.

דעם קרוב אויף צו להכעיס האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין אַ פּאָזע מעשה בן בית און געמאַכט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זיך קלייבען ווערען דאָ אַ תושב...

מען האט איהם אנגעהויבען איבערפרעגען פערשיעדענע קליי־ניגקייטען, ווי אלט זיין טאטע איז, מיט וואס ער בעשעפטיגט זיך, און וואס טהוט די מאמע מיט'ן רהומאטיזם? דוכט זיך, אז ווען זי איז מיט א יאהר צוריק געווען ביי זיי צו גאסט, האט זי זיך גע־קלאגט אויף אזא חולאת...

דאס האבען זיי זיך געוואלט איבערצייגען, צי איז ער טאקי ברוך'ס א זוהן...

שלמה האט אויף אלעם געענטפערט פעסט און זיכער מיט א שמייכעלע. ווענען רהומאטיזם — האט ער געזאגט — האבען זיי א טעות; זיין מוטער האט קיינמאל פון דעם ניט געליטען און הלואי ווייטער... אין זיך האט ער ממש אנגעקוואלען פון דעם, וואס ער פיהרט זיי ביי דער נאז...

אלע האבען זיך געוואונדערט: סטייטש! זיין מוטער האט דאך אליין דערצעהלט, אז איהרער א זוהן האט געלערענט אין רוסלאנד אין אוניווערסיטעט און יעצט לעהרענט ער דא אין קאַ־לעדזש, איז דאס נישט ער?

— ניין, חלילה, — האט ער געענטפערט — איך האב קיינמאל אין קאלעדזש ניט געלעהרענט, דאס איז גאר מיין אינגערער ברו־דער, יענער וועט איבער א יאהר שוין זיין א דאקטאר...

אוים העפליכקייט האט מען איהם איינגעלאדען עסען מיטאג. ער האט געענטפערט, אז ניט לאנג האט ער אפילו געגעסען אין א ביליגען רעסטאראן, נור דאך זאגט ער זיך ניט אב...

ביים עסען האבען אלע נאכגעפאלגט זיינע מאניערען, זיין האל־טען זיך און מעהר פון אלע האט די מיידעל געקוקט אויף איהם.

איהם איז דאס געווען זעהר אנגענעהם און ער האט אנגעהויבען רעדען וועגען פערשיעדענע זאכען, צוקלייבענדיג רק שעהנע און קיילעכדיגע ווערטער, און רעדענדיג האט ער געקוקט אויף איהר מיט די שארפע בליקען פון זיינע בלויע גרויסע אויגען.

נאכ'ן עסען האט ער זיך דערפיהלט מונטערער. ער האט העפ־ליך אפגעדאנקט און מעשה היימישער מענש אנגעהויבען איבער־פרעגען ווי ס'לעבט זיך זיי, צי בעקומען זיי בריעף פון רוסלאנד.

און דערזעהענדיג אין צווייטען צימער אַ ביכער שראַנק, איז ער צו־געגאַנגען און האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט די נעמען פון די בי־כער אויף די רוקענס.

די מיידעל איז צוגעגאַנגען און האָט איהם געפרעגט:

— געפעלען אייך די ביכער?

יע, זיי געפעלען איהם, אייניגע פון זיי האָט ער געלעזען.

— טאַקי? — נו, יעצט איז איהר שוין קיין חידוש ניט, וואָס ער רעדט גאַנץ פיין ענגליש.

— דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל איך לעז ביכער — האָט ער געענטפערט — נור דערפאַר, ווייל איך האָב די גאַנצע צייט גע־וואָהנט צווישען אַמעריקאַנער...

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם פיעל בעדייטענד, און זיי האָבעןביידע אַ שמייכעל געטהאָן...

— אַ מאָדנער מענש! — האָ זי זיך געקלעהרט — זי דערקענט דען ניט אויף זיין פּנים און אין זיין רעדען, אז ער איז נישט אזוי פּראָסט ווי ער וויל דאָ אַלעמען איינרעדען! אָבער איבערפרעגען איהם האָט זי ניט געסמייעט. זי וועט שוין אויסגעפינען ריכטיג. זי מוז וויסען, וואָס ער איז. נאָך איהר מיינונג דאַרף ער זיין אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער יונגער מאַן...

אַ גאַנצען טאָג האָט זי איהם שוין ניט אָבגעלאָזט. זי האָט מיט איהם גערעדט וועגען דער רוסישער יונגוואַרג, וועגען וועלכער זי האָט בלויז געהערט און זעהר וועניג געלעזען. ער האָט איהר דער־צעהלט אַ סך זאַכען, וועלכע זיינען ביי איהר געוועזען ניי און וואָס מעהר ער האָט גערעדט, איז איהר נייגעריגקייט אַלץ געוואַקסען און ווי ווייט מעגליך האָט זי זיך געסטאַרעט צו ווערען מיט איהם נאָ־העגט ווי מיט אַ לאַנג בעקאַנטען פריינד...

ער איז געווען צופריעדען פון דעם, ווייל די מיידעל איז טאַקי געווען אַ שעהנע מיט צוויי קלוגע אויגען. דער אויסדרוק פון איהר פּנים איז געווען אַן ענערגישער, איהרע שוואַרצע, ווייכע האָר זיי־נען געווען פערפלאָכטען אין צוויי געדיכטע לאַנגע צעפּ און האָבען שעהן ארונטערגעהאַנגען ביז'ן טאַליע, איהר שלאַנקע פיגור און

איהר ליכט בעוועגענדער גאַנג איז איהם געפעלען געוואָרען און ער האָט געהאַט אַ גרויסען פערגעניגען צו פערברענגען מיט איהר.

פאַרנאַכט האָט ער געוואָלט אוועקגעהן; ער מוז פאָהרען אהיים, ווייל נאָך גאַנץ פריה האָט ער טעלעגראַפירט אהיים, אַז ער קומט היינט, מען וועט דאָרט גאָר ניט וויסען, וואָס איבערצוקלעהרען. נור זי האָט זיך אַיינגע'עקשנ'ט, אַז ער מוז דאָ נעכטיגען. ער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען, — קיין אַנדערען וואָלט ער ניט געפאָלגט, נור אַז זי וויל דאָס, בלייבט ער...

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי ביידע געזעסען און גערעדט איבער פערשיעדענע זאַכען. זי האָט געשלונגען זיינע ווערטער מיט התפעלות און האָט איהם מקנא געווען, וואָס ער איז געווען אין אַזוי פיעל שטעדט; פאָרט אַ סך געזעהן, אַ סך איבערגעלעבט, געאַרבייט, געקעהרט וועלטען, געזעסען אין טורמע, אַנטלאָפען און געדרייזט איבער אייראָפּאַ, אַנגעקוקט אַ וועלט... זי וואָלט אויך וועלען אַמאָל מאַכען אַ טור; דאָ איז איהר צו אומעטיג... אָט לעזט זי אַמאָל זאַכען פון די רוסישע שרייבער אין אַ ענגלישער איבערזעצונג, זעהט זי, אַז דאָרטען פליסט דער לעבען גאָר אַנדערש, אינטערעסאַנטער אַ סך... דאָ איז מען עפּעס צופיעל איסגערעכענט...

און ווידער אַמאָל:

זי איז איהם מקנא... ער איז עפּעס נישט אַזוי ווי די יונגע לייט, וועלכע זי קען...

זי האָט בעמערקט ווי די אויגען קלעפּען זיך איהם פון שלאָף, איהר האָט דאָס באַנג געטהאָן; זי האָט זעהר געוואָלט זיצען מיט איהם כאָטש נאָך אַביסעל.

— איהר ווילט שוין שלאָפען? — האָט זי איהם געפרעגט— איהר זיינט מיעד, אייער פנים איז טאָקי זעהר אויסגעבלייכט. איהר מוזט זיך אויסרוהען. אַ גוטע נאַכט.

זי האָט איהם דערלאַנגט די האַנד.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן און זיך אַנגעהויבען רייבען די אויגען — ענטשולדיגט! איך וואָלט זעהר

וועלן נאך פערברענגען מיט איך, אבער דער שלאף, צום טייפעל, האט זיך צוגעטשעפעט. א גוטע נאכט!

ער האט פעסט געדריקט איהר ווארימע האנד...

— גאר ניט אויפ'ן אמעריקאנער שטייגער. — האט ער א קלעהר געטהאן שוין ליגענדיג אויפ'ן געלעגער — דערלאנגט די האנד... א שלעכטער סמן! דאס פערשפרעכט שוין עטוואס אויף שפעטער... וויעדער א נייע ליעבע... גאר אונגעריכטערהייד!...

וואס ארט דאס איהם?!...

אויף מארגען, ווען זי האט איהם אויפגעוועקט, האט ער פערשטאנען, אז ס'מוז שוין זיין גוט שפעט. ער האט א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער און דערזעהענדיג, אז ס'איז שוין עלף, האט ער געזאגט, אז ס'טהוט איהם זעהר באנג, וואס ער איז אזוי שפעט געשלאפען; ער האט שוין לאנג געדארפט זיין אין דער היים...

זי האט איהם בערוהיגט:

— נישט-קשה, בעסער אזוי, איהר האט זיך דאך אויסגערוהט...

דער בליק פון איהרע אויגען איז געווען ווארים און ליעבליך...

נאך מיטאג האט ער א זאג געטהאן ענטשלאסען:

— יעצט מוז איך פאהרען!

זי האט איהם וויעדער געוואלט בעטען ער זאל בלייבען כאטש נאך אויף איין טאג, נור עפעס האט זי זיך געשעהמט...

צום סטיישאן האט זי איהם בעגלייט. אויפ'ן וועג האט זי איהם געפרעגט צי ער דענקט אין גיכען נאך אמאל קומען?

ער האט געענטפערט, אז דאס ווענדעט זיך אין אומשטענדען — מעגליך אז יע און מעגליך אז ניט...

עטליכע מינוטען איידער די טריין איז אוועק, האט זי איהם א פרעג געטהאן, וואס ער דענקט יעצט צו טהאן אין דער היים?

— ווער ווייסט? — האט ער געענטפערט מיט א שמייכעל— מסתמא וויעדער פעדלען...

— ס'ארא מאדנער מענש איהר זייט! — האט זי געזאגט מיט א ניט צופריעדענעם טאן — מיך דארפט איהר ניט נארען... איך פערשטעה דען ניט, אז דאס איז ניט אמת...

— גוד ביי! — האט ער פריינדליך געדריקט די האנד און האט איהר ליעבליך אריינגעקוקט אין די אויגען אריין — גוד ביי! ס'איז א סך צו רעדען וועגען דעם, זעהר א סך... יעצט איז שוין קיין צייט נישטא...

ער איז אריין אין וואגאן.

ווען די „טריין“ האט געריהרט פון ארט, האט ער אהן א שיעור געפאכט מיט זיין הוט פאר איהר, זי האט אזוי ליעבליך און שעהן געשאקעלט מיט'ן קאפ און ווען ער האט זי שוין מעהר ניט געקענט זעהן, האט ער זיך געקלעהרט, אז אייגענטליך איז ער צו איהר אויך ניט גלייכגילטיג; זי איז דאך פארט א פיינע מיידעל, אן אינטעליגענטע מיידעל און די הויפט זאך — א שעהנע מיידעל...

און דאס וואס ער איז אין דער זעלבער צייט ניט גלייכגילטיג צו ציליא'ן אויך, איז אויך ניט געפערליך... אמאי ער איז ניט גלייכגילטיג צו סאניא'ן אויך, און צו קאטא'ן אויך, און צו די אלע אנדערע סאניעס און קאטיעס — די בלאנדינקעס און די ברונעט־קעס, וואס ווארפען זיך איבער אין זיין לעבען און ווערען צו נישט פונקט ווי אט די פונקען, פון'ם לאקאמאטיוו, וואס יאגט זיך מיט די וואגאנעס איבער ברייטע פעלדער און אונענדליכע וועגען!...

# אַ נערוועזער מענש.

אױפגעכאַפּט פון שלאָף האָט זיך הערדי פינקעל פאַר־טאָג, ווען אין דרויסען איז נאָך געווען פינסטערליך. תחלת האָט ער עפּעס אַליין ניט פערשטאַנען וואו ער איז אין דער וועלט. פאַרוואונדערט האָט ער זיך אין אַלע זייטען ארומגעקוקט, און ווער ער האָט אַנ־געצונדען אַ שוועבעלע און דערזעהן, אַז דער זייגער האַלט שוין באַלד פינף, האָט ער זיך זויער און אונצופריעדען פערקרימט, און ווי ער וואָלט אימיצען געוואָלט טהאָן אויף צולהכעים, וויעדער דאָס פּנים אין קישען איינגענורעט און מיט דער קאָלדרע זיך איבער־געדעקט איבער'ן קאָפּ.

אין שטוב איז געווען שטיל. פֿון דער קיך האָט אַ קליינינקער געז־פייערל ארויסגעשימערט, האָבען די פּאָרטיערען מיט די שווערע קוטאַשען, וואָס זיינען אויף דער טהיר געהאַנגען, אָנגעצייכענט אויף די ווענט געשטרייפּטע שאָטענס, וואָס האָבען זיך געצויגען אין דער לענג און אין דער ברייט און אויסגעקוקט האָבען זיי ווי עפּעס משונה'דיג געדינצעלטע פיגורען, וואָס וואַרפען ארויף אַ מאָדנעם פּחד ווען מען דערזעהט זיי מיט אַמאָל איידער מען כאַפּט זיך ווי זיי קומען אַהער.

געווען איז דאָס תחלת ווינטער. דער קאַלטער פריהמאָרגען, וואָס האָט זיך איבער די ניט געהייצטע חדרים שטאַרק געפיהלט, האָט הערדי'ן געמאַכט נאָך פוילער ווי אַלע מאָל; פערדריסליך איז געווען וואָס די נאַכט איז אַזוי שנעל אַוועק, און אין מיטען דערינען איז איהם גאָר איינגעפאַלען אַ זייטיגער געדאַנק:

— לויט דער קעלט — איז איהם איינגעפאַלען, — קען זיין, אַז אַ גאַנצע שטאָדט מיט מענשען וועלען זיך היינט אויפכאַפּען פון די געלעגערס און ווען זיי וועלען אַ קוק טהאָן אין די פענסטער, וועלען זיי ווערען איבערראשט — שנעע...

און ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט אַזאַ בילד: דעכער און דעכער, נידעריגע און הויכע — וויס, די גאַסען — וויס, די טעלעגראַף־סלופּעס — פערשנעעט; שטעקט אַ בעל־הבית׳טע ארויס דעם קאָפּ דורך אַ פענסטער, כאַפּט אַ קוק אויפ׳ן ליין מיט וועש — פערפראָרען. פּרואווט אַ שלעפּ טהאָן — ס׳געהט ניט. רייבט זי איין האנד אַן דער אנדערער, קען זיך קיין עצה ניט געבען, און מיט אַמאָל האקט זי צו דאָס פענסטער — שוין בע־סער וואַרטען ביז די זון וועט אהער גרייכען...

אַלעס האָט גאָר אַן אַנדער פּנים באַקומען; מענשען קוקען אויס ניט אַזוי ווי נעכטען און עהרנעכטען, און די מיידלאַך — מאָדנע: דוכט זיך, אַז ערשט יעצט אַ זיינען זיי געבאָרען געוואָ־רען גרויסע; ערשט יעצט אַ האָבען זיי זיך פון ערגעץ אַ יאַווע געטהאָן שעהנע, געוואוקסיגע, חן׳עוודיגע מיידלאַך מיט רויטליכע קאַלטע באַקען און מיט פוטערנע מופטעס. ווינטערדיגע מיידלאַך אַזעלכע...

דאָס לעצטע איז איהם אַליין שטאַרק געפעלען געוואָרען: ווינ־טערדיגע מיידלאַך!...

דער וואַנד־זייגער האָט איין מאָל אַ קלונג געטהאָן און דאָס האָט געהייסען, אַז אַ האַלבע שטונדע איז שוין אַוועק.

הערש האָט זיך אָנגעהויבען קנייטשען; עס האָט זיך איהם זעהר ניט געגלוסט אויפצושטעהן אַזוי פריה, ווייל געדוכט האָט זיך איהם, אַז ווי ער וועט נאָר דעם באָרפוסען פוס אויפ׳ן פּלאָר אַוועק־שטעלען, וועט אַ בייסענדע קעלט אַלע זיינע גליעדער דורכנעהמען און ער וועט מוזען אָנהויבען ציטערען... האָט ער זיך נאָך מעהר אונטער דער וואַרימער קאָלדרע איינגענורעט און אָנגעהויבען דרעמלען.

אין קאָפּ האָבען זיך איהם אָבער אונרוהיגע געדאַנקען געבאָמ־

בעלט: ער פערשפעטיגט ווידער, פערשמייעט, אין איין אטהעם לויפט ער צו דער ארבייט. ער קומט אין שאפ אריין, הורזשען שוין די מאשינען מיט אזא מרגזונ'דיגען אימפעט, גלייך די ארביי־טער וואלטען שוין געהאלטען העט ווייט אין דער ארבייט; אין איינע איילענים טהוט ער זיך אויס, דער שוויס רינט פון איהם, בגנבה כאפט ער א קוק אויפ'ן זייגער, פיהלט אויף זיך אלעמענס בליקען און הערט ווי סעמקע דער פרעסער שרייט אויס הויך, אויפ'ן קול:

— חברה, דער דאקטאר איז שוין געקומען!

פון איין זייט אויף דער אנדערער האט ער זיך איבערגעווארפען, און כאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז שלאפען רוהיג וועט ער שוין אצינד ניט קענען, האט ער דאך די אויגען ניט געוואלט עפענען...

ליגענדיג אזוי אין בעט, האט ער געהערט, ווי זיין פרוי איז אויפגעשטאנען, ווי זי פארעט זיך ארום אין קיך, און ווען זי, די פרוי זיינע, האט איהם אנגעהייבען וועקען, האט ער זיך ערשט ניט וויסענדיג געמאכט גלייך ניט איהם מיינט מען דאס...

— הערשי, הערשי, — האט זי איהם שוין אנגעהויבען טאר־רען — האסט דאך היינט געוואלט אויפשטעהן פריהער.

און ער האט איהר פערשלאפענערהייט אלע ווייל דעם זעלבען תירוץ געגעבען:

— ס'איז אלל־רייט, איך שטעה שוין אויף... און זיך ניט געריהרט פון בעט.

ערשט שפעטער ווען זי האט איהם אנגעזאגט, אז דער זייגער האלט שוין טאקי באלד אכט, האט ער זיך, אזוי ווי אלע מאל, אין איין אטהעם א כאפ געטהאן און ראפטאם זיך געגומען אנטאן.

אפעסען פריהשטיק ווי עס בעדארף צו זיין, האט ער שוין ניט אוספייעט, שטעהענדיגערהייד האט ער אין גרוים איילעניש א גלאז מילך אויסגעטרונקען, געכאפט אויף זיך דעם אויבערראק און איז אוועק.

אַראָבלויפנדיג פון די שטיגען, האָט ער שוין אַנג געכאַפּט אַ קוק אין לעטער־באָקס, אפשר ליגט דאָרטען אַ בריעף. פערשטאַנען האָט ער אפילו, אַז אַזוי פריה האָט דער בריעף־טרעגער דאָך נאָך ניט געקענט זיין, און חוץ דעם האָט ער בכלל ניט געוואוסט פון וועמען ער דאַרף אַ בריעף ערוואַרטען. אָבער אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט: שטענדיג האָט זיך איהם רק געדוכט, אַז אָט אַזוי אַ, גאָר אונגעריכטערהייד, וועט עפּעס אָנקומען מיט דער פּאָסט — אַ בריעף, אַ טעלעגראַמע אָדער אַזוי עפּעס אַ וויכטיגע זאַך, וואָס וועט לחלוטין מאַכען אַ סוף צו דעם וואָס עס איז געווען ביז יעצט און ער וועט אָנהויבען לעבען גאָר אויף אַן אַנדער אופן...

נישט איין מאָל איז דאָס אפילו ביי איהם אַליין אויסגעקומען נישט מעהר ווי לעכערליך און נאַריש, — ער, הערערי פינקעל, וואָס איז דאָ אַזוי עלענד, נישט ער און נישט זיין פרוי האָבען דאָ אייגענע — ער רעדט זיך איין, אַז אָט אַזוי אַ גאָר פלוצים וועט געשעהן אַ נס... וועך דענקט גאָר פון איהם? וועמען געהט דאָס גאָר אין גאַנצען אָן, צי ער איז פון זיין לעבען צופריעדען, צי ניין? נור גאָר ניט, גלאַט אַזוי איז גוט צו זיין שטענדיג אין ערוואַרטונג...

אין לעטער באָקס איז גאָרניט געווען, אַזוי האָט זיך איהם אויסגעוויזען פון דערווייטענס. פערלאַזען זיך דערויף האָט ער אָבער ניט געוואָלט, איז ער צוגעגאַנגען נעהענטער, זיך גוט איינגעקוקט און ווען ער האָט זיך איבערציינגט, אַז דאָרטען איז טאַקי גאָר נישטאָ, איז איהם אויפ'ן הארצען געוואָרען אַזוי אומעטיג, גלייך ווי אימיצער וואָלט איהם עפּעס זעהר אַ וואַזשנע זיך פערשפּראָכען — אַ זאַך, אויף וועלכער ער האָט גרויס האָפנונגען ארויפגעלעגט און צום סוף האָט מען איהם גאָר אָבגענאַרט...

אַן אונצופריעדענער האָט ער זיך פערקרימט: אַלע טאָג חזר'ט זיך איבער דאָס זעלביגע...

דער סיגאַרעט, וואָס ער האָט אויפ'ן ניכטערען הארצען גערויכערט, האָט איהם געשטיקט, אין מויל איז איהם געווען ביטער, די ליחות האָט איהם געמאַכט ענג אין האַלז און שווער דעם אָטהעם. האָט ער מיט פערדרוס אַ שפּיי געטהאָן אויף די מאַרמאָרנע

שטיגען און זיך געלאָזט אוועקגעהן. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין אַ שפּיי זיינען דאָ שעדליכע מיקראָבען און אַ חוץ דעם ווערט דערפון גליטשיג אויף מאַרמאָרנע שטיגען, האָט ער דאָס מיט'ן פוס גענומען אָבווישען. אָבער וואָס מעהר ער האָט געווישט, אַלץ גליטשיגער איז דאָס געוואָרען...

דאָס האָט איהם געמאַכט נאָך נערוועזער ווי ער איז געווען און ער האָט שוין געוואָלט אַ שלעפּ טהאָן די שמאַטע, וואָס איז אין האָלל געלעגען און אָבווישען דאָס גליטשיגע, האָט זיך אָבער אין מיטען דערינען, דערהערט אַ פּייף — אַכט אַ זייגער!

אין דרויסען איז געווען פּראָסטיג און גרוי. אַ ווינטערדיג פּערבמאַרעטער הימעל, איינגאַנצען פון איין אויסגוס, איז געהאָנגען איבער'ן קאָפּ. ס'איז געווען קענטיג, אַז ס'קלייבט זיך אַ שנעע.

דער שאָפ, וואו הערררי האָט געאַרבייט, איז געווען ניט ווייט, אין גאַנצען אַ פינף־זעקס בלאָק גאַנג, דאָך האָט זיך הערררי'ן גע־דוכט, אַז דער וועג ציהט זיך יעצט עפּעס אונענדליך לאַנג. שנעל און האַסטיג האָט ער געשפּאַנט איבער דער גאַס און בשעת מעשה געקלעהרט פון די אונאַנגענעהמליכקייטען, וואָס ערוואַרטען איהם היינט... קלערען לאַנג דערפון האָט ער אָבער ניט געקענט, ווייל אין מיטען דערינען איז איהם גאָר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, וואָס האָט איהם גאָר אינגאַנצען צוטומעלט:

— אַז מען וויל, האָט ער היינט אָבגעטהאָן זעהר נישט קיין פיינע זאַך.... עס דאַכט זיך אפילו אַ קלייניגקייט: ער האָט אַ שפּיי געטהאָן אויף די שטיגען... די שטיגען זיינען דאָך אָבער מאַרמאָרנע, איז דאָרט געוואָרען גליטשיג, נו, קען דאָרט אימיצער געהן, זיך אויסגליטשען און פאַלען... דאָס איז שוין גאָר קיין קלייניגקייט ניט!... אַז מען פאַלט אויף שטיגען, קען מען זיך איבערברעכען די קריזשעס און אַמאָל טאַקע — דעם שאַרבען אויך... פון אַזא פאַל קען מען, אַמאָל בלייבען אַן אייביגער קאַ־ליקע און אַמאָל טאַקי — אינגאַנצען געהן פון דער וועלט...

וואָלט אפשר טאַקי געווען אַ יושר, ער זאָל זיך אומקעהרען צוריק? האַ? מילא איהם ערוואַרטעט ניט מעהר ווי אַן אונ־

אנגענעהמליכקייט, אָבער מיט יענעם קען דאָך טאַקי אַן אונגליק געשעהן...

און ער וואָלט זיך אפשר טאַקי געוועזן אומגעקעהרט צוריק, ווען ער זאָל זיך אין דעם מאָמענט ניט געוועזן באַדענקען, אַז דאָס גאַנצע איבערקלערען זיינס איז ניט מעהר ווי אַ נאַרישקייט, אַ גרויסע נאַרישקייט, וואָס קען איינפאַלען בלויז אַ צודרעהטען מענשען מיט נאָך צודרעהטערע נערווען... ווייל באמת טאַקי: דאָס גליטשיגע דאָרט האָט זיך שוין אודאי לאַנג אויסגעטריקענט און ער קלעהרט דאָ איבער דער רוח ווייסט וואָס...

...אָבער ס'קען דאָך זיין אַזוי אויך: באַלד נאָך דעם ווי ער איז אַוועק, איז אַ פרוי אַרונטערגעלאָפען אין גראָסערי, זיך אויסגעגליטשט אויף די שטיגען און איז געפאַלען... און ווי איז ער זיכער, אַז איבער זיין שפּיי זאָל ניט פאַלען אַ שוואַנגערדיגע פרוי און נאָך, חלילה, מפּיל זיין אויך... איז דען ניט מעגליך, אַז אַזעלכעס זאָל פּאַסירען?... פון וואַנען קומט דען יעדער אונגליק בכלל, אויב ניט דורך אַ צופאַל... אָט האָט איהם ניט לאַנג זיינער אַ פריינד דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהן, ווי אַ מענש האָט זיך אויסגעגליטשט איבער אַ שטיקעל שאָלעכץ פון אַ באַנאַנע און איז געבליבען טויט אויפ'ן אָרט...

אַזוי האַסטיג און נערוועז האָבען זיך זיינע געדאַנקען געפּלאָנטערט, ביז ס'איז שוין ביי איהם אויסגעקומען גאַנץ נאַטירליך, אַז איבער אַזאַ קליינינקייט קען אַמאָל טרעפען דער גרעסטער אונגליק. למשל: אַ קינד קען זיך געהן שפּיעלען אין יאַרד, זיך אויסגליטשען אויף די שטיגען און דער'הרג'עט ווערען אויף טויט...

דאָס האָט איהם נאָך מעהר געריהרט; אַליין אַ טאַטע פון איין און איינציג קינד, איבער וועלכען ער האָט זעהר געציטערט, האָט ער געפיהלט און פערשטאַנען, אַז אַזאַ פאַל קען אַמאָל עטליכע לעבענס צושטערען... אַ קליינינקייט — אַ קינד געהט פון דער וועלט איבער אַזאַ פאַל! די מאַמע לויפט אַרונטער ניט טויט, ניט לעבעדיג, דערזעהט דעם אונגליק, גיט זי אַ לאָז אַרויס אַ היס־טערישען קוויטש, הויבט זיך אָן רייסען די האָאָר

פונ׳ם קאפּ, פאַלט אויפ׳ן טויטען קערפּער׳ל און חלש׳ט... דער טאַטע, אַ פּאַרנומענער מענש קומט אהיים ערשט אויף דער נאַכט, דערזעהט ער: די פרוי זיצט אויפ׳ן פלאָר, די פיס אונטער זיך, די אַקסלען ארויפגעצויגען, דעם קאָפּ פערצווייפעלט ארונטערגע־לאָזט און אנגעשפּאַרט אַן בײדע הענד; זי כליפּעט און ווען זי דערזעהט איהם, שיסט זי אויס אַ יאָמערליכען געוויין. ער בלייבט שטעהן צוטומעלט, קוקט זיך ארום אין אַלע זייטען, דערזעהט ער ווי אין צווייטען צימער איז ליכטיג און אויפ׳ן בעט — שוואַרץ... אין שפּיגעל דערזעהט ער די ליכט, וואָס ברענען צוקאָפּענס, הויבט זיין מוח אַן בעגרייפען, וואָס דאָ איז געשעהן, ווערט אין איהם דאָס האַרץ מיט אַמאָל פאַרשטיינערט, כאָטש איז האַלז שטיקען זיך טרעהרען און עס ווילט זיך וויינען, ווערט איהם דאָס לשון אבגענומען, כאָטש ער האָט יעצט אַזוי פּיעל צו פרעגען, און אוי־בערצופרעגען... די פּלוצימדיגע, אונערוואַרטעטע שרעק ווערט אין זיינע אויגען פאַרגליווערט, און נאָך דעם געהען אַוועק וואָכען, און חדשים, אַ סך זאַכען פערגעסען זיך, די געדאַנקען און מוח הויבען זיך אַן טוישען; אייניגע פערשווינדען אינגאַנצען און אַנ־דערע ווערען מיט אַ מין נעבעל איבערגעצויגען, געדענקען זיך אַמאָל און פאַרגעסען זיך באַלד. אָבער די פאַרגליווערטע שרעק אין די אוי־גען האַלט נאָך אַלץ אַן... און אַמאָל ווען ער, דער טאַטע, איז גאָר פערנומען אין זיינע עסקים, רעדט מיט אַ מענשען וועגען געשעפט, גיט זיך מיט אַמאָל דאָס האַרץ אַ צאַפּעל און אין קאָפּ גיט זיך עפּעס אַ ריהר: — געוועזן אַזאַ טהייער קינד... און יעצט איז עס שוין מעהר ניטאָ!...

און דער מענש, מיט וועלכען ער רעדט, שטאַרט אויף איהם אויס אַ פּאָאַר אויגען און קוקט איהם מאָדנע אַן:

— אייך איז עפּעס ניט גוט געוואָרען?... — — — — — — — —

וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ מעהר האָבען איהם די געדאַנקען פערפּאָלגט; אונגליקען, אייניגער גרעסער פאַר׳ן אַנדערען, האָבען זיך איהם פאַרגעשטעלט מיט אַלע וויכטיגע און ניט וויכ־טיגע איינצעלהייטען. ער אַליין האָט שוין כמעט ווי פאַרגעסען

פּאָר וואָס אָט די אַלע געדאַנקען זיינען איהם גראָדע יעצט אין קאָפּ אריין געקומען און געטראַכט האָט ער שוין גאָר, אַז בכלל איז דאָס לעבען און דער טויט נישט מעהר ווי אַ צופאַל...

מיט אַמאָל האָט ער זיך געגעבען אַ שטעל אָב, אין הארצען האָט איהם אַ טיאַכקע געטהאָן, גלייך ווי עפּעס וואָלט זיך דאָרט אָבגעריסען. אין די אויגען האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען און דער לינקער ווינקעל פון זיין מויל האָט אַזוי נערוועז אַ צוק געטהאָן, אַז איין באַק האָט זיך אינגאַנצען פערדרעהט אין אַ זייט און איין אויג האָט עפּעס מאָדנע אָנגעהויבען פינטלען... ווארט... עס קען דאָך זיין, אַז זיין אייגען קינד, זיין דבורה'לע, זאָל זיך אויסגליטשען אויף די שטיגען...

פון גרוים צוטומעלטקייט האָט ער אַליין נישט בעמערקט, ווי ער האָט אָנגעהויבען געהן פּאַמעלעך, ער האָט אפילו ניט בעמערקט ווי אייניגע פאַרבייגעהער האָבען אויף איהם עפּעס מאָדנע געקוקט, און ווען ער האָט דערזעהן, אַז ער איז שוין לעבען שאָפּ, איז ער נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען. אַלעס אין איהם האָט זיך עפּעס אַזאַ צאַפּעל געטהאָן, גלייך מען וואָלט איהם מיט אַמאָל מיט קאַלטע וואַסער אָבגעגאָסען; דאָס גערויש פון די מאַשינען, וואָס ס'האָט זיך פון אינוועניג געהערט האָט איהם גאָר אינגאַנצען די געדאַנקען צושלאָגען און ווי ער וואָלט איבער זיך אַליין גאָר קיין דעה ניט געהאַט איז ער שנעל אריינגעלאָפען אַ פערסאָפּעטער...

אין שאָפּ האָט מען איהם אויפגענומען אַזוי ווי אַלע מאָל; סעמקען דעם פּרעסער איז אַלץ ניט נמאס געוואָרען צום וויפיעלטען מאָל די זעלבע חכמה הויך אויפ'ן קול איבערצו'חזר'ן. דער בעל הבית האָט אונצופריעדען געוואָרטשעט, דער פאָרמאַן האָט מיט איין אויג אַ קוק געטהאָן אויף איהם און מיט'ן אַנדערען — אויפ'ן זייגער. אָבער ער, העררי, האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען דאָס; אין אַנדרודעלטער, ווי ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ער זיך ביי דער מאַשין אוועקגעזעצט, פונאַנדערגענומען די באַנדלעך, וואָס זיינען שוין פאַר

איהם געווען אַנגעגרייט און אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג אויף אימיצען אַ קוק צו טהאָן; אַלע זיינען איהם דאָ געווען נמאס.

די אַרבייט, וואָס מען האָט פאַר איהם צוגעגרייט, איז איהם שטאַרק ניט געפעלען געווען. ער איז געווען מעהר ווי זיכער, אַז דאָס האָט מען אויף צו להכעיס פאַר איהם די ערגסטע אַרבייט אויסגעקליבען. אין כעס האָט ער די פונאַנדערגענומענע באַנדלעך פון איין זייט אויף דער אַנדערער געדרעהט, זיי געוואָרפען אַהין און אַהער. נור פונדעסטוועגען ווען דער פאַרמאַן איז גראַדע דאָס מאָל צוגעגאַנגען צו איהם מעשה מענש און לייטיש אוועקגעשטעלט די גערעכטע טענה:

— נו, זאָגט אַליין, מיסטער פינקעל, איז דאָס אַ גאַנג? דאָ רייסט מען די אַרבייט פון די הענד און איהר קומט זיך אריין האַלבען טאָג!

דעמאָלט האָט ער געפיהלט, אַז ער מוז יעצט זאָגען אַ וואָזשנעם תירוץ. און ניט קלערענדיג קיין סך, האָבען זיך ביי איהם אַרויס־געכאַפּט די ווערטער:

— כ'ווייס... גראַדע איז היינט מיין קינד עפּעס ניט מיט אַלעמען... געמוזט רופען דעם דאָקטאָר גאַנץ פריה...

און נאָכדעם האָט ער שוין געקלערט דערפון, אַז ס'קען זיין, אַז דער אויסגעטראַכטער תירוץ זאָל גאָר זיין אמת אויך... ווייל — ס'קען דאָך טרעפען, אַז זיין אייגען קינד, זיין דבורה'לע, זאָל זיך אויף די שטיגען אויסגליטשען...

דאָס איז שוין פאַר איהם געווען גענוג. ער האָט זיך שוין קלאָר און דייטליך פאָרגעשטעלט ווי ער קומט אַהיים און טרעפט זיין פרוי אַ פערוויינטע און זיין דבורה'לע — אַ צו'הרג'עטע, אַ צוקאַליעטשעטע מיט אַ פערבונדען קעפּעלע. און נאָך אַהן אַ שיעור שרעקליכע זאַכען האָט ער זיך פאָרגעשטעלט... און ווי אויף צו להכעיס האָט איהם דער פאָרמאַן אַלע מאָל געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, ער זאָל מאַכען די אַרבייט וואָס שנעלער, ווייל ס'איז אַ גרויסער „ספּעשעל“ און דער בעל הבית האָט געהאַלטען אין איין וואָרטשען:

— וואָס דען... אַז ביינאַכט שלאָפט ער זיך ניט אויס... פערטיעפט אין די ביכער... דעם איט!...

---

צוועלף אַ זייגער איז ער אין איין אָטהעם געלאָפען אַהיים און ער איז ווירקליך געווען איבערראַשט צו טרעפען אַלעס ווי געווען: דער טיש געגרייט, די ווייב פערפּאַרעט, דאָס קינד שפּיעלט זיך — קיין זאַך ניט געשעהן.

פערוואונדערט האָט ער אויף אַלעם געקוקט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. אַזוי שטאַרק האָט זיך זיין קראַנקע איינבילדונג אין זיין מח אָבגעקריצט, אַז ער האָט שוין גאָר זיינע אייגענע אויגען ניט געקענט גלויבען...

אַ ווייל'ע איז ער אַזוי געשטאַנען און נאָך דעם האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דאָס קינד אויף די הענד און עס אָנגעהויבען קוש'ען.

— דבורה'לע, קינדעלע טהייערס!

ביי'ם עסען האָט זיך דבורה'לע דערמאָנט אַ קריוודע — דער פּאַפּאַ האָט איהר גאָר היינט קיין טשאָקאָלאַד ניט געבראַכט!

אויף דעם חשבון האָט זי זיך שוין אָנגעהויבען פּיעסטשען און ארויסגעוויזען איהרע קינדערשע קאַפּריזען: ניט געוואָלט עסען וואָס מען האָט איהר געגעבען און צום סוף זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל:

— אַי וואָנט טו גאָ דאונסטעירז!

— אָלרייט, נאָך'ן עסען וועסטו געהן. — האָט זי הערדי גע־פּרואווט איינגעהמען.

אָבער די מאַמע האָט דאָס ניט געוואָלט לײדען; אַליין ניט קיין געזונדטע, האָט זי ביי טאָג געמוזט שלאָפען כאָטש אַ שטונדע, און אַזוי ווי זי האָט איבער'ן קינד צופיעל געציטערט, האָט זי עס מורא געהאַט ארויסצולאָזען אַליין אין גאַס...

אָבער דבורה'לע האָט זיך געהאַלטען איינס:

אַי וואָנט טו גאָ דאונסטעירז.

הערדי האט פֿערשטאַנען, אַז דאָס קינד איז גערעכט; איבער דעם, וואָס מען ציטערט איבער איהר צופיעל, שפּיעלט זי זיך טאַקע וועניג אין גאַס, האָט ער אַ זאָג געטהאָן:

— נו, טאַקע, פאַרוואָס זאָל זי זיך ניט שפּיעלען אַביסעל מיט די קינדער אין גאַס? דו קענסט זיך לעגען שלאָפען און דאָס קינד וועט זיך דאָרט שפּיעלען.

— נעוועך מיינד, — האָט די פרוי געענטפערט — אַ קינד טאָר מען ניט לאָזען אַליין אין גאַס, אויף אַ קינד דאַרף מען גוט אַכטונג געבען...

— וואָס איז דען?! — האָט זיך הערדי אַ כאַפּ געטהאָן ניט אָהן שרעק, ווייל אין איהר טאָן האָט ער דערקענט, אַז עפּעס איז געשעהן.

— וואָס איז דען? — האָט זי געענטפערט — וואָס־זשע דו האָסט גאָר ניט געהערט, וואָס ס'האָט זיך היינט געטראָפען?

— וואָס???

— וואָס הייסט וואָס? אַ קינד איז היינט געפאַלען און אייס־געבראָכען אַ פיסעל....

— וואָס רעדסטו? וואו? אין דעם הויז? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן אין איינע שרעק און ארויסגעלאָזט דעם גאָפּעל פון דער האַנד.

— און אַז ניט פון דעם הויז, איז וואָס? גראָדע איז דאָס געוועזן אַ קינד פון'ם צווייטען הויז... אָבער וואָס איז דער חלוק? אויף אַ קינד דאַרף מען אַכטונג געבען...

— פון'ם צווייטען הויז... הם... הם... — איז דאָס, הייסט עס, ניט געפאַלען איבער'ן שפּיי...

עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז ער זאָל זיך בערוהיגען. אָבער באַלד איז איהם איינגעפאַלען, אַז עס קען דאָך זיין אַזוי אויך: דאָס קינד פון יענעם הויז איז זיך געגאַנגען שפּיעלען אַהער און דאָ אויף די שטיגען איז עס געפאַלען...

דאָס האָט איהם אַזוי געמוטשעט און געפייניגט, דאָס האָט

איהם אזוי צוטומעלט, אז ער האָט אַזש אַליין ניט בעמערקט מיט וואס פאַר אַ כעס ער האָט אַ פרעג געטהאָן:

— געשיקט זיך, אַז מען קען גאָר ניט וויסען, וואו דאָס קינד איז געפאַלען?!

זי האָט איהם אַנגעקוקט פערוואונדערט.

— מאָדנע, וואָס איז דיר אייגענטליך פאַר אַן אונטערשיעד וואו דאָס קינד איז געפאַלען?

זאָגען איהר דעם אמת האָט ער עפּעס מורא געהאַט, גלייך ער וואָלט אַ גרויסען פערברעכען זיינעם געמוזט פערבאָרגען. דאָס עסען איז איהם שוין ניט באַקומען, זיין געוויסען האָט איהם געפּלאָגט, דעם קינד'ס געוויין האָט איהם געערגערט, בילדער, איינע שרעקליכער פאַר דער אַנדערער, האָבען איהם פאַר די אויגען געשוועבט און געוואוסט האָט ער, אַז ער וועט זיך ניט קענען בערוהיגען, ביז ער וועט ניט אויסגעפינען וואו דאָס קינד איז גע־פאַלען...

און דערנאָך זיינען אַוועק טעג און טעג און ער איז אַלץ ארומגעגאַנגען אַ צוטומולטער און אַ פערזאָרגטער. צופיעל האָט ער זיך אויף דעם פרעמדען קינד נאָכגעפרעגט, פיעלע מאָל אַליין געוואָלט אריינגעהן געוואהר ווערען, וואָס דאָס קינד מאַכט און קיין מוטה ניט געהאַט, איהם האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ווי ער וועט נור אַהין אריינגעהן, וועט מען באַלד אויף זיין פּנים דער־קענען, אַז ער איז דאָ דער שולדיגער...

און איינמאָל, ווען ער האָט געזעהן, ווי מען האָט דאָס קראַנקע קינד מיט אַן אַמבולאַנס אַוועקגעפיהרט אין האָספּיטאָל, האָט ער לאַנג נאָכגעקוקט, און ווען מען האָט שוין דעם אַמבולאַנס מיט'ן אויג ניט געקענט זעהן און די געוויינען פון דער מוטער זיינען אונ־טער דער פערמאַכטער טיהר דערשטיקט געוואָרען, האָט ער עפּעס אַזוי ראַפּטאַם דעם דזשעניטאָר אָבגעשטעלט, איהם אַנגענומען פּאַר'ן לאַץ, מכבד געווען איהם מיט אַ סיגאַרעט כאָטש ס'האָט זיך גאָר יעצט ניט געפּאַסט, אַליין האָט ער אויך פאַררויכערט און זיך אַנגעהויבען קנייטשען.

— ס'איז דאָךווירקליך אַ מערקווירדיגע זאַך! קען אפשר ער, דער דזשעניטאָר, זאָגען: איז דאָס טאַקי ניט מעגליך געוואהר צו ווערען וואו דאָס קינד איז געפאַלען? — דאָ אין דעם הויז אָדער אין יענעם?...

און דער דזשעניטאָר האָט אריינגערוקט דעם גרויסען בעזים אונטער'ן אָרם, געצויגען מיט די אַקסלען און עפּעס ניט געקענט פערשטעהן.

— וואס איז דאָ אייגענטליך דער דיפערענץ, וואָס? דאָ אָדער דאָרטען! אַז ס'איז בעשערט אַן אונגליק, טרעפט עס אויפ'ן גלייכען וועג און דאָט'ס אָלל...

# צוליעב אַן אינטערעסאַנטע דאַמע.

יינע ווערטער:

א מענש, אַז ער לעבט אויף דער וועלט, דאַרף ער ניט זיין קיין פערשלאָפענער! ער דאַרף געהן אויף בעלער, אויף באַנקעטען און גלאַט אויף שמחה'לאַך...

וואָרים אויף יעדער שמחה'לע בעגעגענט מען זיך מיט נייע מענשען, פון יעדער שמחה'לע שפּאָרט מען אָב אַן אינטערעסאַנטע בעקאַנטשאַפט — אַ יונגע דאַמע, אָדער אַ מיידעל, מיט וועמען מען פערפיהרט אַ שטיקעל ראָמאַן און מען פערדרעהט זיך דעם קאָפּ אויף אַ פּאָאַר וואָכען...

און וואָס איז דען דאָס גאַנצע לעבען אויב ניט דאָס?!

אודאי...

און דאָ האָבען זיך נאָך עפּעס, ווי גאָר אונגעריכטערהייד, אָנגעהויבען אַזעלכע שעהנע פריהלינגס־טעג. שטעהסט אויף פּאַרטאָג און גיסט אַ קוק אין פענסטער — אַ ליכטיגע זון! אין מזרח זייט געהט זי אויף אַזוי פריה־מאָרגענדיג רוהיג און קוקט אַזוי געמיטהליך צו ווי די וועלט דערפרעהט זיך איבער איהר. דערפיהלסטו גלייך ווי זי פאַרמעסט זיך אויפצוטהאָן היינט אַ גרויסע זאַך — אויפצואוועקען אין אַלע מענשליכע הערצער דעם באַנעהר צו לעבען און בענקען...

אין אַזאַ פריה־מאָרגען איז דער סטודענט הענרי גילזער לאַנג געלעגען אויפ'ן בעטעל אין זיין צימער. אַן אַנגענעהמע פוילקייט האָט זיך איבער אַלע זיינע גליעדער צושפּרייט ווען ער האָט מיט

א באזונדער מין פערגעניגען געקוקט אויף דער ליכטיגער זונן, וואס האט דורכ'ן פענסטער צו איהם געשיינט, און דערביי איז איהם איינגעפאלען, אז עס איז זעהר גוט, וואס זיין פריינד, דער יונגער מאהלער נאאום געלער, פאהרט אוועק פון ניו יארק... עס הייסט, אז ער וויל טהוט איהם דוקא באנג, וואס נאאום פאהרט אוועק, ווייל נאך אלעמען איז ער א גאנץ וואוילער יונגערמאן אט דער נאאום, זעהר א לעבעדיגער און א פרעהליכער; מען קען מיט איהם גאנץ גוט פערברייינגען. אבער — ווי די זאך זאל ניט זיין — מען מאכט דאך א באנקעט לכבוד זיין אבפאהרען... און דאס וואס דער באנקעט פאלט גראדע אוים היינט אויף דער נאכט איז אודאי ווי געוואונשען. היינט גלוסט זיך איהם טאקע אביסעל א לעב טהאן...

א גאנצען טאג האט ער גאר ניט געקענט טהאן, קיין בוך איז האנד ניט געקענט נעהמען, כאטש עס איז איהם געבליעבען בלויז א קורצע צייט צו די לעצטע עקזאמענס אין קאלעדזש. ער האט גוט געוואוסט, אז ער האט נאך א מאסע מיט ארבייט אין דעם בוך, וואס ער האט אנגעהויבען שרייבען וועגען „שוואכזיניגע מענשען אלס א סכנה פאר דער געזעלשאפט", אבער ער האט איצט וועגען דעם ניט געקענט און ניט געוואלט קלערען; ער איז צופיעל געווען פערנומען מיט זיך אליין, מיט זיינע אייגענע גע־פיהלען און פערלאנגען, וועלכע האבען אין זיין הארצען אויפגע־וואכט א דאנק דעם אנקומען פון דעם פריהלינג...

און ווירקליך, ווי קען אזא יונגער מענש ווי ער זיך נעהמען עפעס טהאן ווען בוימער הויבען אן ווערען גרין און מיידלאך וויזען זיך שוין אין גאס מיט טופליעס און מיט זיידענע דורכזיכטיגע זאקען?... ווי קען ער אין זינען האבען שוואכזיניגע מענשען ווען טיהר און פענסטער עפענען זיך און אלעס, וואס ס'איז איבער'ן ווינטער געווען פארשטיקט, רייסט זיך ארוים אין גאס?...

אויף דער נאכט איז ער אוועק צום באנקעט. און ווי ער איז נאר אריינגעקומען אין דעם שעהנעם רעסטאראן, ווען מען האט דעם באנקעט געפראוועט, איז ער שוין געווארען פרעהליך. אזוי

פּיעל שעהנע יונגע פרויען! בעקאַנטע און אונבעקאַנטע. וועט שוין, הייסט עס, ניט זיין אומעטיג...

זיינע גוטע פריינד, וועלכע זיינען שוין געווען פרעהליך פון דעם וויין, וואָס זיי האָבען שוין אוספּייעט צו טרינקען, האָבען זיך גאָר דערפרעהט איבער איהם.

— אַט איז ער דאָך! — האָט איינער פרעהליך אויסגעשריען. און דאָס איז שוין געווען גענוג, אז איינינע זאָלען אָנהויבען אָפּ־לאָדירען.

א ברייטער שמייכעל האָט זיך אויף זיין פּנים פערשפּרייט און ער האָט גוטמוטהיג א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. דער־נאָך האָט ער די פּענסנע אויף דער נאָז צורעכט געמאַכט און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

באַלד נאָך דעם האָט איהם שוין באַנג געטהאָן פאַר וואָס ער האָט זיך דוקא דאָ אוועקגעזעצט, ווייל ביי דער אַנדערער זייט טיש האָט ער בעמערקט זעהר א שעהנע יונגע פרוי און ער האָט שוין חשק געהאַט בעקאַנט צו ווערען מיט איהר... עפּעס איז אין יענער פרוי געווען אַזעלכעס, וואָס רייצט און מאַניעט; אין איהר געזעלשאַפט האָט מען זיך ניט געקענט איינהאַלטען ניט צו זאָגען קיין קאָמפּלימענטען.

די גאַנצע צייט האָט ער פון איהר די אויגען ניט אראָבגענומען. ער האָט אויך געהאַלטען אין איין קוקען אויף דעם יונגען מאַן, וועלכער איז לעבען איהר געזעסען, און עס האָט איהם זעהר שטאַרק אינטערעסירט צו וויסען וואָס ער איז יענער יונגער מאַן— דער פרוי'ס מאַן, אָדער איהר געליעבטער?...

גלייך ס'וואָלט איהם טאַקע געגאַנגען אין לעבען דאָס צו וויסען.

שפּעטער, ווען די אָפּיציעלע זייט פון'ם באַנקעט איז שוין געווען געענדיגט און די מעהרסטע געסט האָבען שוין אויף איין אָרט ניט געקענט איינזיצען און זיך גענומען בייטען מיט די ערטער, האָט ער זיך אַזוי לאַנג געדרעהט ביז ס'איז איהם בלומרשט גראָדע אויסגעקומען זיך אוועקזעצען לעבען יענער פרוי.

פון צערעמאָניעס האָט ער ניט געהאַלטען. און אַזוי ווי דער־
צו איז ער נאָך געווען אַביסעלע בגלופינ'דיג אויך פון די עטליכע
גלעזער וויין, וואָס ער האָטביים טיש אויסגעטרונקען, האָט ער
זיך אַליין פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז גילזער. און ווי רופט מען אייך?

איהר איז זיין דרייסטקייט געפעלען געוואָרען און זי האָט
איהם מיט אַ ליעבליכען שמייכעל געענטפערט:

— און מיין נאָמען איז גליקער. אידא גליקער.

— אידא גליקער? אַ שעהנער נאָמען, אויף מיין עהרען־
וואָרט. זעהר אַנגענעהם אייך צו קענען!

זי האָט דערפיהלט זיינע בליקען אויף איהר טיעף דעקאָל־
טירטען האַלז און זי האָט בעמערקט ווי זיינע צוויי ברענענדיגע
אויגען גיבען אַ לויף איבער איהר גאַנצען קערפּער און שטעלען
זיך אָב ביים זוים פון'ם קלייד, האָט זי פערשטאַנען, אַז קיין סך
וועט ער ניט דאַרפען טראַכטען ביז ער וועט ביי זיך פועל'ען, אַז
ער מעג שוין אַרויפלעגען זיין האַנד אויף איהר אַקסעל. און זי
האָט זיך שוין בעוואָרענט געגען דעם.

— דאָס איז מיין מאַן — האָט זי איהם פאָרגעשטעלט פאַר
דעם יונגען מאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט לעבען איהר גע־
זעסען...

— זעהר אַנגענעהם! — האָט דער סטודענט געענטפערט,
און העפליך דערלאַנגט דעם יונגען מאַן די האַנד.

שטאַרק אַנגענעהם איז דאָס איהם דוקא ניט געווען, ווייל
איבער דעם איז ער געבליעבען שטעהן אָהן ווערטער און ניט גע־
וואוסט וואָס צו זאָגען... און וואָס קען ער טאַקע זאָגען ווען
דער מאַן זיצט דערביי? ער האָט איהר געוואָלט זאָגען דעם אמת,
אַז ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט ער זי די ערשטע בעמערקט,
אַז ער האָט פון איהר די גאַנצע צייט די אויגען ניט אַראָבגענומען;
אַז זי איז די שעהנסטע דאָ און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכען, פון
וואָס זי וואָלט זיך זיכער געפיהלט געשמייכעלט, כאָטש זי וואָלט

געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז זי וויל דאָס ניט ליידען. אָבער גאָה רייד ווען דער מאַן זיצט דערביי!...

האָט ער זיך אויסגעדרעהט אויף אַזאַ אופן:

— איהר זיינט מיר זעהר קענטליך... אייער פּנים דער־מאַהנט מיר איינע פון מיינע גוטע בעקאַנטע... אָבער טאַקע ווי איין טראָפּען וואַסער...

און באַלד האָט ער זיך פערכאַפּט צוריק, ווייל אין דער מינוט האָט ער זיך גראַדע דערמאַהנט, אַז יעדער נאַרישער בחור דרעהט זיך אוים אויף אַזאַ אופן: באַלד עפּעס איז — „איהר זיינט מיר זעהר קענטליך"...

אבי ניט צו בלייבען שטעהן ווי אַ נאַר אָהן ווערטער, האָט ער גערעדט ווייטער:

— איבריגענס, בין איך ניט זיכער אין דעם צי איהר זיינט טאַקע געראָטען אין יענער בעקאַנטער מיינער... ווען איך בין אין אַ גוטער שטימונג, דוכט זיך מיר אוים, אַז אַלע מענשען זיינען מיר קענטליך, אַז ערגעץ האָב איך זיי אַמאָל געזעהן. אָבער דאָס איז דאָך אין אַלגעמיין ניט וויכטיג, — איז ער מיט אַמאָל ארוים מיט זיין שטענדיגער אָפענהערציגקייט, — ווי די זאַך זאָל ניט זיין — אבי מיר זיינען שוין בעקאַנט...

ביי זיך האָט העגרי שוין בעשלאָסען, אַז איהר מאַן האָט ניט די ווערטה צו האָבען אַזאַ פרוי ווי זי איז. ווי קומט ער צו איהר?!

זי איז אַזאַ שעהנינקע, אַזאַ עדעלע: די מאַטעוועּ פאַרב פון איהר פּנים, די צוויי קאַרע אויגען און די געדיכטע שוואַרצע ברע־מען זיינען דאָך אַ זעלטענהייט; כּמעט דערקענט גלייך, אַז אָט די פרוי איז פול מיט לעבען און ליידענשאַפט... און ער, דער מאַן איהרער, קוקט אוים צו זיין ניט נאָר אַ פּשוט'ער מענשעל, נאָר אויך אַ קאַלטע בריאה: מען דערקענט דאָס אָן זיינע וואָ־סערדיגע תּמ'עוואַטע אויגען, וועלכע קוקען אַזוי פויל און פער־שלאָפען, אָן די צוויי שוואַרצע וואָנצעלאַך, וועלכע זיינען אַזוי פּינקטליך אונטערגעשאָרען און אָן דעם זיידענעם טיכעלע, וואָס שטעקט אַרוים פון'ם אויבערשטען קעשענקעלע... ער מוז זיין אַ

סיילסמאַן פֿון פּארפּיום. — האָט העגרי ביי זיך שוין בעשלאָסען.

אויף דעם חשבון האָט ער שוין ארויסגעוויזען זיינע קענטניסע דורך דעם, וואָס ער האָט פערפיהרט אַ געשפּרעך וועגען הויכע ענינים, וועגען וועלט זאַכען, און עס האָט איהם בפירוש הנאה געטהאָן, וואָס יענער, מרס. גליקער׳ס מאַן, מוז נעבאך זיצען און שווייגען, און ווען ער נעהמט זיך שוין אָן מיט קוראזש און גיט יאַ אַ זאָג עפּעס אַ וואָרט, קלעפּט זיך עס ווי אַן ארבעס צו דער וואנט...

דערנאָך, ווען ער האָט געזעהן, אַז ער נעהמט שטארק אוים ביי איהר מיט זיין ריידען, האָט ער בעשטעלט וויין, און נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ פּאָאר גלעזלאך, האָט שוין געפּאסט צו נעהמען נאָך אַ גלעזעל און מאכען צו איהר אזוי, מיט אַ וואַרימען שמייכעל:

— פאַר אייער געזונד!

ער האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו איהר, צוגעשפּארט זיין קניע צו איהרער און ריידענדיג מיט איהר האָט ער איהר אזוי טיעף אין די אויגען אריינגעקוקט, אַז זי האָט זיך אזש פאַרשעהמט...

עס האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג:

„און אַז דער רבי געהט,
און אַז דער רבי געהט,
געהען אַלע חסידים„...

באַלד איז געוואָרען לעבעדיג און פרעהליך. עס האָט זיך געהערט ווי מען קלאַפּט אָן די טישען, ווי מען טופּעט מיט די פיס און מען רייסט זיך די העלזער. און פֿון אַלע זייטען האָט מען זיך גענומען שפּאַרען צו דעם טישעל פֿון וואנען דאָס געזאַנג האָט זיך געהערט.

דער יונגער סטודענט און מר. און מרס. גליקער האָבען זיך אויך אַ לאָז געטהאָן צו יענעם טישעל אַלע דריי. אָבער עס איז

שוין אויסגעקומען אזוי, אז מר. גליקער איז אוועק פּאַראויס און דער סטודענט איז געבליעבען מיט דער שעהנער ווייבעל גאַר אין אַן אנדער זייט.

אבי ער האָט שוין דעם מאַן פאר זיך ניט געזעהן, איז איהם געוואָרען ליכטיגער אין די אויגען און ער האָט זי גלייך אָנגענומען אונטער'ן ארם און אָהן צערעמאָניעס א זאָג געטהאָן:

— ווי איז דאָס א ווייבעל אזוי שעהן!

— כאַ־כאַ־כאַ! איהר מיינט דאָס טאַקע ערנסט?

אַלס אַן ענטפער דערויף האָט ער זי פאר דער טאַליע ארומגענומען. און דאָס האָט געהייסען:

— צו וואָס דאָס פרעגען? פיהלט איהר דען ניט, אז איך בין שוין פערליעבט אין אייך?

זי האָט זיך כלומרשט אָנגע'ברוגז'ט, א קוק געטהאָן אויף איהם בייז און אראָבגענומען זיין האַנד פון איהר טאַליע.

— פערגעסט ניט וואו איהר זיינט, מר. גילזער...

— אָבער וואָס זאָל איך טהאָן, אז איהר געפעלט מיר פּאַרט?

— האָט ער געפרעגט אזוי, גלייך ער וואָלט געהאַט טענות צו איהר.

— וואָס איהר זאָלט טהאָן? — האָט זי געפרעגט קאָקעטיש און פאַרדרעהט די מאָרדעטשקע אַן א זייט. — האַלט אייך ווי א מענש...

ביי זיך אין הארצען האָט זי געלאַכט פון איהם. אזעלכע יונגע לייט ווי ער זיינען שוין ביי איהר קיין נאָווינע ניט געווען; ניט איינער אזא האָט זיך איהר אין ליעבע ערקלעהרט, און זי האָט דאָס קיינמאָל ערנסט ניט גענומען, כאָטש דאָס האָט איהר אַלע מאָל גרויס פערגעניגען פערשאַפט. זי האָט ליעב געהאַט צו זעהן ווי א יונגער מאַן פאַרדרעהט זיך דעם קאָפּ איבער איהר. און אזוי ווי זי איז איצט געווען זעהר גוט געשטימט און פרעהליך, האָט זי שטאַרק חשק געהאַט זיך א רייץ צו טהאָן אביסעל מיט דעם יונגען סטודענט... וואָס קען דאָס איהר אַרען? וועט צו־

קומען נאָך איין יונגער מאַן, וועלכער וועט זיך איבער איהר דעם קאָפּ פאַרדרעהען, און דערנאָך וועט זי איהם ניט דערקענען...

— ערלויבט אייך נאָר ניט צופיעל. — מאַכט זי צו איהם כלומרשט גאַנץ ערנסט. — איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען, אַז מיין מאַן איז זעהר אַן אייפערזיכטיגער...

דער טומעל אין דעם גרויסען צימער איז געוואָרען אַלץ שטאַר־קער. מען האָט געזונגען און געטאַנצט, און אין דעם טומעל האָט זיך דער סטודענט מיט דער שעהנער ווייבעל געדרעהט אַזוי, אַז עס זאָל איהם ניט אויסקומען זיך צו באַגעגענען מיט מר. גליקער.

ארומדרעהענדיג זיך מיט איהר איז ער שוין געוואָרען אַזוי היימיש, אַז ער האָט שוין מיט איהר גערעדט ווי אַן אַלטער גוטער פריינד, און ווען ער האָט ביי איהר דעם אַדרעס גענומען, האָט זי כלומרשט אין גרויס פערלעגענהייט איהם געזאָגט, אַז אויב ער וויל קומען צו איהר, זאָל ער קומען נאָר ביי טאָג...

— איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען, אַז מיין מאַן איז זעהר אַן אייפערזיכטיגער — האָט זי נאָך אַמאָל דאָס זעלבע געזאָגט.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט ווען הענרי גילזער איז געגאַנגען אַהיים פון'ם באַנקעט. אַ מיעדער און אַ צוטומעלטער האָט ער איבער דער צווייטער עוועניו געשפּאַנט, געטראַכט וועגען די לעצטע עקזאַמענס, וועגען דעם בוך, וואָס ער דאַרף שרייבען איבער שוואַכזיניגע מענשען אַלס אַ סכנה פאַר דער געזעלשאַפט, און אַלע מאָל זיינען איהם די געדאַנקען איבער־געריסען געוואָרען איבער דעם:

— נו, איז דאָס אַ ווייבעלע!

נאָך איצט איז איהם פאַר די אויגען געשטאַנען יעדע בעווע־גונג פון איהר שלאַנקען קערפּער; ווי זי גיט זיך אַ דרעה אַזוי ריהרעוודיג און לייכט, ווי זי פערוואַרפט אַזוי רייצענד אַ פוס איבער אַ פוס און ציהט אויס איין שיכעל אַזוי, אַז עס מוז זיך אַ וואַרף טהאָן אין די אויגען...

ער איז געווען זיכער, אַז אַט די בעקאַנטשאַפט וועט ניט אַוועק־געהן אומזיסט... אַז ער וועט זיך מיט דער מרס. גליקער נאָך

זעהן ניט איין מאָל, און אַז סוף כל סוף וועט עס קומען דערצו, אַז זי וועט זיך איהם איבערגעבען און אַלץ זאָגען, אַז מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל איהר מאַן איז זעהר אַן אייפערזיכטי־גער... אַט אַזוי זיינען שוין די מעהרסטע פון זיי...

און אויף דעם חשבון האָט ער ווידער אָנגעקוואָלען פון זיין מיינונג:

— אַ מענש, אַז ער לעבט אויף דער וועלט, טאָר ער ניט זיין קיין פערשלאָפענער...

ווען דאָס וואָלט ניט געווען פאַר די לעצטע עקזאַמענס, וואָלט ער מאָרגען בייטאָג שוין געווען געמאַכט אַ וויזיט ביי איהר. אָבער צו זיין גרויסען בעדויערען איז ער צו שטאַרק געווען פערנומען מיט'ן לערנען, און אַנשטאַט געהן צו איהר, האָט ער גאָר אַלע טאָג, נאָכ'ן קאָללעדזש, געמוזט זיצען אין דער גרויסער ביבליאָטעק עטליכע שטונדען נאָכאַנאַנד, זיך גריבלען אין דיקע ביכער און קלייבען מאַטעריאַל פאַר זיין בוך וועגען שוואַכזיניגע מענשען אַלס אַ סכנה פאַר דער געזעלשאַפט...

זיינען אַזוי אַוועק עטליכע וואָכען און ער האָט אַלץ ניט געהאַט די געלעגענהייט צו געהן צו איהר. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז אַפּטמאָל האָט ער גאָר אָן איהר פאַרגעסען.

ערשט ווען ער איז פּטור געוואָרען פון די עקזאַמענס, געוואָרען אַ פרייער מענש און אַ דאָקטאָר פילאָזאָפי, האָט ער אויסגעאַר־ביים אַ גאַנצען פּלאַן ווי אַזוי ער זאָל אַ שטיקעל צייט אַ לעב טהאָן גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן. און דאַן האָט ער זיך אָן איהר דערמאָהנט.

— נו, איז דאָס אַ ווייבעל!...

אָנגעטהאָן אין אַ ווייסען זומערדיגען אַנצוג, מיט אַ גוטער פּאַנאַמאַ־הוט און מיט אַ שטעקעלע אין האַנד, איז ער אַוועק צו איהר, און אויפ'ן וועג האָט ער געקלעהרט, אַז עס איז ווירקליך אַן עולה פון זיין זייט, וואָס ער איז ביז איצט אפילו איין מאָל ביי איהר ניט געווען... אַן עולה יאָק אַן עולה — אַ נאַרישקייט

געווים. ווארים אזעלכע געלעגענהייטען טאָר מען ניט פערלאָזען; ניט אַלע מאָל טרעפט זיך אזעלכעס...

א צופריעדענער, ווי א מענש וואָס קלייבט זיך צו מאַכען איינעם אַן אַנגענעהמע איבערראשונג, האָט ער ביי דער טיהר אַנגעקלונגען און באַלד האָט ער פון אינווענינ דערהערט אַ לייכטען שאָרך, ווי אימיצער וואָלט דאָרט מיט ווייכע שטעק־שיך איבער'ן פלאָאָר גענומען שפּאַנען.

— זי איז איינע אַליין אין הויז! — איז איהם אַ געדאַנק דורכגעלאָפען, און ער האָט מיט אונגעדולד געוואָרט, אַז זי זאָל שוין די טיהר עפענען.

אָבער מען האָט די טיהר ניט געעפענט. אנשטאט דעם האָט זיך פון אינווענינ דערהערט אַ ווייכע פרויען־שטימע:

— הו איז דהער?

— דאָס איז אַ מאַן. — האָט ער געענטפערט און אויף זיין פּנים האָט זיך אַ שמייכעל בעוויזען. — אייערער אַ בעקאַנטער...

— דהי לײדי איז דהי האוז איז נאָט אין. — האָט איהם די פרויען־שטימע פון אינווענינ געענטפערט און די טיהר אַלץ ניט געעפענט.

איז ער געבליעבען שטעהן עפּעס ווי ניט אהין און ניט אהער און ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט זיך. זיך אויס'טענה'ן מיט יענער הינטער'ן טיהר איז דאָך ניט קיין פּלאַן. און דאָ איז ער גאָר אין גאַנצען צוטומעלט און קען ניט בעשליעסען: — דוכט זיך, אַז ס'איז גאָר א י ה ר שטימע... און אפשר איז דאָס ניט איהר שטימע?...

איז ער געפאַלען אויף אַ שכל. ארויסגענומען זיינע אַ קארד און, אריינרוקענדיג זי אין שפּאַלט פון דער טיהר, האָט ער גע־בעטען יענע, פון אינווענינ, אַז זי זאָל זיין אַזוי גוט און דאָס איבער־געבען דער מרס. גליקער ווען זי וועט קומען.

געמיינט האָט ער, אַז דאָס איז טאַקע זי אַליין, אַז ווי זי וועט נור זיין קאַרד דערזעהן, וועט זי גלייך עפענען די טיהר און איהם אריינלאָזען. אָבער אַזוי ווי יענע האָט די טהיר דאָך ניט

געעפּענט, איז ער אַוועק אַז אומצופריעדענער, מיט'ן גע־דאַנק, אַז דאָס איז טאַקע געווען ניט זי, נור אַן אַנדערע, און ע־האָט פעסט בעשלאָסען, אַז וואָס ס'וועט זיין וועט זיין — ער מוז זי זעהן! מאָרגען קומט ער ווידער אַמאָל.

אויפ'ן וועג צוריק האָט ער זיך געהאַלטען אין איין ברעכען דעם קאָפּ. — וואָס קען דאָס זיין?! דוכט זיך אַז עס איז פּאָרט געווען איהר שטימע!... און אפשר איז דאָס ניט געווען א י ה ר שטימע? יאָ. און פאַרוואָס האָט זי זיך עפּעס אין אָנפאַנג יאָ גענומען פאָרען ביי דער טהיר, ווי זי וואָלט זיך געקליבען עפענען, און דאָך האָט זי די טהיר ניט געעפּענט... און דוכט זיך אַז זי האָט זיך גאָר ביי דער טהיר געפּאָרעט אין גרוים פערלעגענהייט עפּעס ווי איבערגעשראָען... זאָל עס זיין דערפאַר וואָס זי איז ניט געווען אַליין?... אפשר — אַ געליעבטער? נו יאָ. ס'קע דאָך זיין... דעם מאַן האָט זי דאָך זיכער ניט ליעב, און אַזעלכע פרויען מוזען זיך געפינען אַ געליעבטען... איז אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע געווען אַ גרויסע נאַרישקייט פון איהם וואָס ער האָט די געלעגענהייט פערנאַכלעסיגט... אודאי אַ גרויסע נאַרישקייט געווען...

אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען. אָבער די טהיר האָט מען איהם אַלץ ניט געעפּענט. דיזעלבע פרויען־שטימע האָט איהם פון אינווענינ געענטפערט, אַז די „ליידי און די האוז" איז ניטאָ.

— טאָ ווער זשע זייט איהר? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן און זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו ווערען בייז.

— איך בין דער מרס. גליקער'ס אַ שוועסטער.

— און וואו איז די מרס. גליקער?

— זי איז היינט אין דער פריה אַוועקגעפאָהרען.

— און ווען וועט זי קומען?

— אין אַ וואָך ארום.

— ערשט אין אַ וואָך ארום?

— יעס.

און אַלץ פון יענער זייט טהיר.

— אָבער פאַרוואָס ווילט איהר מיר די טהיר ניט עפענען?— האָט ער זיך בעליידיגט.

— ווייל איך בין ניט אָנגעטהאָן — האָט די פרויען־שטימע פון אינוועניג געענטפערט.

עס איז אויסגעקומען כאָטש נעהם און צוברעך די טהיר און זעה וואָס אינוועניג טהוט זיך.

ער איז אוועק אַ ברוגז'ער, און די גאַנצע געשיכטע איז פאַר איהם געווען אַ געהיימניס. וואָס קען דאָס זיין? — האָט ער זיך דעם קאָפּ געבראָכען. — איז דאָס א י ה ר שטימע, צי ניין?... און אויב עס איז ניט איהר שטימע, טו וואָס־זשע הייסט עס, וואָס אַ מיידעל אָדער אַ ווייבעל, צי דער שוואַרץ יאָהר ווייסט זי דאָר־טען וואָס זי איז, פּערשפּאַרט זיך אין הויז און וויל די טהיר ניט עפענען?! וואָס האָט זי מורא, מען וועט זי אויסכאַפּען? און וואָס איז זי עפּעס אַלץ ניט אָנגעטהאָן? מאָדנע!... ניט אַנדערש אַז דוקא נור איהם וויל מען ניט אריינלאָזען... זי האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איהר מאַן איז זעהר אַן אייפערזיכטיגער, נו, קען זיין, אַז נאָך פון יענעם באַנקעט אַן ליעגט ער איהר אין די ביינער, פאַרוואָס זי איז צו איהם געוועזען אַזוי צוגעלאָזט... אָט דאָס לעגט זיך אויפ'ן שכל!

און אבי עס איהם שוין איינגעפאַלען אָט דער געדאַנק, האָט זיך איהם שוין אַלעס געלעגט אויפ'ן שכל, און עס איז פאַר איהם געווען קלאָהר ווי דער טאָג, אַז איבער דעם וואָס ער האָט דאָ נעכטען איבערגעלאָזט זיינע אַ קאַרד, האָט זיך אויף דער נאַכט איז הויז אודאי געטהאָן חושך; ער, דער אייפערזיכטיגער מאַן, האָט זיך אודאי געקאָכט און געשריען; זי האָט זיך געוויס פער־ענטפערט, אַז זי ווייסט ניט פון עפּעס צו זאָגען, און אין דער זעלבער צייט געוואָלט אַז ער, העגרי, זאָל קומען ווען קיינער אויסער איהר זאָל אין הויז ניט זיין, כדי זי זאָל פאַר איהם איהר ביטער האַרץ קענען אויסרעדען; אָהן צווייפעל האָט זיך דאָרטען געטהאָן חושך. און דער סוף איז געווען אַז זי איז ברוגז געוואָרען

און איז אַוועק פון דער היים אויף עטליכע טעג צו איהרע עלטערן, אָדער צו איהרע אַ שוועסטער...

אַלעס איז אַזוי קלאָהר ווי דער טאָג...

דערפון האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק געשמייכעלט. איבער איהם, הייסט עס, איז פאָרגעקומען אַ סצענע, אַ שטיקעל טראַגעדיע. ער איז, הייסט עס, דער הויפּט שולדיגער אין דעם, וואָס זי האָט געמוזט אַוועק פון דער היים אויף אַ שטיקעל צייט. און דאָס איז גוט. אויסגעצייכענט גוט! ווייל ווער פערשטעהט דען ניט אַז דורך דעם וועט זי זיך שוין פיהלען נעהענטער צו איהם; עס וועט שוין אויסקומען אַזוי, אַז זי וועט מוזען קלערען וועגען איהם. און דאָס איז דאָך ווי געוואונשען!...

און אַט דערפאַר זאָגט ער טאַקע:

אַ מענש, אַז ער לעבט אויף דער וועלט, טאָר ער ניט זיין קיין פערשלאָפענער. ער דאַרף געהן אויף שמחה'לעך, ווייל פון יעדער שמחה'לע שפּאָרט מען עפּעס אָפּ... נו, יאָ.

אין אַ וואָך אַרום איז ער ווידער אַוועק צו דער מרס. גליקער, אַן אויסגעפּוצטער, אַ פרעהליכער און אַ נייגעריגער. דאָס מאָל האָט מען שוין פאַר איהם די טהיר ניט פערשפּאַרט. ווי ער האָט נור אָנגעקלונגען, האָט זיך פון אינוועניג דערהערט אַ פרויען־שטימע:

— קאָם אין!

ער איז אריינגעקומען און דערזעהן די מרס. גליקער, אָנגעטהאָן אין אַ שעהנעם באַטיסטענעם לייכטען פּיניואַר, און ער איז שוין געווען גרייט זיך צו דערפרעהען איבער איהר, און אַזוי היימיש און גוט־פריינדליך אַ זאָג טהאָן:

— העלאָו אידא!

אָבער בעמערקענדיג ווי זי קוקט אויף איהם עפּעס אַזוי מאָדנע קאַלט, ווי אויף אַ ווילד פרעמדען מענשען, איז ער געבליבען שטעהן עפּעס ווי ניט אַהין און ניט אַהער:

— איהר דערקענט מיך גאָר ניט?

אַ היבשע ווייל האָט אויף איהם די מרס. גליקער געקוקט,

מאכענדיג דערביי אזא מינע, גלייך ווי זי וואלט אנגעשטרענגט איהר זכרון אז עפעס זיך צו דערמאנען, און דערנאך האט זי א ציה געטהאן מיט די אקסלען ארויף, פערקנייטשט דעם שטערען און עפעס אזוי קאלט געזאגט:

— איהר זיינט מיר זעהר קענטליך, אבער איך קען זיך ניט דערמאנען וואו איך האב אייך געזעהן...

גילזער איז געבליעבען שטהן אזוי, גלייך מען וואלט פון אונטער זיינע פיס דעם באדען אוועקגענומען און איהם איבערגעלאזט הענגען אין דער לופטען... און ווען ער איז געגאנגען צוריק א צוטומולטער און א צודרעהטער, איז פאר איהם נאך א זאך געווארען קלאהר ווי דער טאג: — זי, די מרס. גליקער, איז טאקע א אינטערעסאנטע דאמע... געראטען אן איהם: זיך א שפיעל געטהאן אביסעל און דערנאך פערגעסען...

אט דאס הייסט אן אינטערעסאנטע דאמע!...

און דערפאר זאגט ער טאקע: „א מענש, אז ער לעבט אויף דער וועלט, דארף ער ניט זיין קיין פערשלאפענער! ו ער דארף געהן אויף בעלער, אויף קאנצערטען און גלאט אויף שמחה'לאך..."

# אַ חסרון.

געהייסען האָט ער גאָדעל סאָקאָלאָווסקי — אַ נאָמען ניט שעהנער און ניט מיאוס'ער פון טויזענדער אַנדערע נעמען; שעהמען זיך מיט איהם איז אַלענפאַלס ניט געווען וואָס. דאָך האָט ער זיין נאָמען זעהר ניט ליעב געהאַט, און ווי ער איז נור קיין אַמעריקאַ געקומען, האָט ער איהם גלייך אויף אַן אַנדערען פערביטען און זיך אָנגעהויבען רופען: בעני סאָלאָוו...

דער נייער נאָמען האָט איהם פערשפאָרט אַן אונאָנגענעהמליכקייט, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין פריהערדיגען נאָמען. און אַן אונאָנגענעהמליכקייט האָט ער געהאַט זעהר אַ גרויסע אַם מעהרסטענס דאַמאָלס, ווען מען האָט איהם פאַר אַ נייעם מענשען פאָרגעשטעלט. און ער, גראָד אַ שעהנער, יונגער בחור, האָט ניט געקענט אַרויסריידען שאַרף די בוכשטאַבען „ג" און „ק". יעצט האָט ער מעהר אַזאַ אונאָנגענעהמליכקייט ניט געהאַט, און ווען מען האָט איהם פאַר אימיצען פאָרגעשטעלט, האָט ער דרייסט זיין נאָמען געקענט אַרויסזאָגען: — סאָלאָוו!

אין אַמעריקאַ האָט ער גלייך אָנגעהויבען פאַרדיענען ניט שלעכט, ווייל ער איז נאָך פון דער היים געווען אַ גוטער בעל מלאכה און נאָך אַ האָראָפּאַשנער אַרבייטער דערצו. אָנגעטהאָן האָט ער זיך סטייליש, געווען איז ער אַלע מאָל גלאַט ראַזירט, אויגען האָט ער געהאַט שעהנע, שטענדיג פערטראַכטע, דערצו איז ער נאָך געווען אַ געוויקסיגער, מיט אַ פעסט־געבויטער, שלאַנ־

קער פיגור און מיט אין דער הויך אויפגעהויבענע גלייכע אקסלען, און ווען ער איז געגאנגען אין גאס, האבען איהם מיידלאך מיט די אויגען בעגלייט...

א קוק טהאן אויף איהם האט גאר קיינעם ניט געקענט איינ־פאלען, אז אט דער שעהנער יונגער מאן האט א חסרון. אבער ווי מען האט צו איהם נור א ווארט אויסגערעדט, האט זיך דער קאליער אין זיין פנים געביטען, די ליפען האבען גענומען ציטע־רען און אויסגעקוקט האט ער אזוי אמבעהאלפען, אין אזא שרעק־ליכער פערלעגענהייט, פונקט ווי אן עהרליכער מענש ווען מען כאפט איהם דאס ערשטע מאל ביי א ליגען...

אין די שפעטער וואו ער ארבייט, האט ער גרויסע צרות אויס־צושטעהן. די ארבייטער לאכען אפ פון איהם און דער בעל הבית נעהמט זיך אן פאר איהם, ווייל ער איז א גוטער בעל מלאכה, און דאס קרענקט איהם נאך מעהר; ער האט גרויס פערדרום וואס ער נויטיגט זיך אלע מאל אין א בעשיצער. עס קומט איהם אויס צו אפט איבערצוגעהן אין אן אנדער שאפ, ווייל ווען ער ארבייט לענגער אויף איין פלאץ, וויצלען זיך די ארבייטער אויף זיין חשבון, אדער זיי פערשאפען איהם די גרעסטע יסורים דוקא אין גוטען מוטה.

אין דעם נייעם שאפ סטארעט ער זיך ווי ווייט מעגליך זיך צו האלטען אזוי, אז קיינער זאל צו איהם ניט רעדען. אבער דעם פארמאן מוז ער דאך ענטפערען, ווען יענער פרעגט איהם עפעס וועגען דער ארבייט. וואס ער גיט איהם מאכען, ווערט ער טאקע רויט ביז איבער די אויערען, זיין גאנצער קערפער הויבט אן צו ציטערען נערוועז, זיין קאפ הויבט אן צו ארבייטען האסטיג; ער זוכט אזעלכע ווערטער, וואו עס געהן ניט אריין די בוכשטאבען „ג" און „ק", געפינט ער אבער ניט באלד אזעלכע און ער הויבט נאך אן צו שטאמלען אויך...

בלייבט דער פארמאן שטעהן איבערראשט; עס קומט ביי איהם אויס עפעס אזוי מאדנע, וואס אזא דערוואקסענער, גע־זונטער בחור רעדט ווי א קליין קינד און פארשעהמט זיך ווי א

קליין שטערטעלדיגע כלה־מיידעל, נעהמט ער איהם דורך מיט די אויגען און געהט אוועק מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. נאָך דעם ווייסט שוין דער גאַנצער שאַפּ וואָס פאַר אַ חסרון סאָלאָוו האָט.

די ערשטע עטליכע טעג שושקעט מען זיך בלויז צווישען זיך און שפּעטער געפינט זיך שוין אַ בחור אַ כוואַט, וואָס זיצט גראָדע לעבען סאָלאָוו'ן און ער הויבט אָן צו ריידען צו איהם וועגען וועטער, וועגען באָס און וועגען פערשיעדענע אַנדערע זאַכען; דערביי מאַכט ער דעם אָנשטעל, אַז ער איז קיין שלעכטס ניט אויסען; אָנגעבויגען איבער דער אַרבייט, לאָזט ער אַלע מאָל לויפען די מאַשין מיט דער פולער קראַפט און ווען ער שטעפּט אָפּ אַ נאָט ביז'ן סוף, גיט ער זיך אַזוי צופריעדען אַ וואָרף מיט'ן קאָפּ און מאַכט צו סאָלאָוו'ן אַזוי:

— וועלל, לאַנדסמאַן, ווי געפעלט אייך עפּעס אַמעריקא?

און ווען סאָלאָוו ענטפערט: „אָללרייט", איז יענער מיט'ן ענטפער ניט צופריעדען און שטעהט אַזוי לאַנג צו צו איהם ביז עס געלינגט איהם דאָך אַרויסצוקריגען פון איהם די ווערטער:

— אַמעריטאַ איז אָלל־רייט.

און אבי ער רעדט נור אַרויס אָט די ווערטער, הויבען אייניגע אָן צו לאַכען און אַנדערע, די סאָלידע, די סטאַטעשנע, ווערען כלומרשט ברוגז אויף דער חברה:

— אויך אַ שכל!... נעמען אַ מענשען און מאַכען פון איהם אַ בער... אויך אַ שכל!

און ווען מען ווערט מעהר צוגעוועהנט צו איהם, ליגט מען איהם גאָר אין די ביינער... יעדע חכמה זייערע קאָסט איהם געזונד און קריגען זיך מיט זיין קען ער ניט, ווייל ער שעהמט זיך, און חוץ דעם מאַכען זיי דאָס אָפּ אַזוי קונציג, אַז עס קומט גאָר אויס אַזוי אין גוטען מוטה און גוט־ברודעריש.

אין איין שאַפּ האָט מען איהם מיט די חכמה'לאָך אַזוי אַריינ־געבראַכט אין כעס אַריין, אַז ער האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען און געכאַפּט צו איינעם אַ שער; ער איז געווען גרייט אויף יענעם זיך אַרויפצוּוואַרפען און איהם מאַכען פאַר אַן הרוג, האָ־

בען אָבער אַלע אין מיטען דערינען אויסגעשאָסען א געלעכטער, ווייל האַלטענדיג די שער אין האַנד, האָט ער זיך צופיעל גע־קאָכט און געהאַלטען אין איין שרייען:

— איך וועל איהם דעם טאַפּ צושפּאַלטען!

און דאַמאַלט איז שוין אויסגעקומען אזוי — כאָטש גיה שלאָג זיך מיט'ן גאַנצען שאָפּ! — און דאָ איז ער פון גרויס אויפרעגונג אזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, אז הענד און פיס האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען, האָט ער א פאַל געטהאָן צו דער מאַשין און גענומען בייסען די ליפּען ביז בלוט...

אָט אַזעלכע צרות האָט ער איז שאָפּ. און אין דער היים אזוי איהם אויך ניט בעסער; ווען ער קומט אריין צו זיך אין צימער, פערמאַכט ער גלייך די טהיר, רוקט א סך און דאָס הארץ קלאַפּט איהם: ער איז שטענדיג אין דער מורא אימיצער זאָל נאָך אין זיין טהיר ניט אָנקלאַפּען; ער איז זעהר ניט צו־פריעדען, ווען אימיצער קומט צו איהם, ער וויל בעסער זיין אַליין.

זעצט ער זיך אוועק ביים פענסטער און קוקט ארויס אין גאַס, זעהר ער — מיידלאָך... זיי וואַרפען זיך איהם אַם מעהר־סטען אין די אויגען; ווינטער מיט די אָנגערויטעלטע באַקען און זומער — מיט די טיעף אויסגעשניטענע דעקאָלטעס...

שטונדען לאַנג קען ער אָבזיצען ביים פענסטער און קוקען, און ווען עס ווערט שוין שטיל אין גאַס און די נאַכט געדענקט זיך שוין עפּעס צו לאַנג, באַגלייט ער מיט זשעדנע בליקען יעדער פּאָרעל, וואָס געהט פארביי, און יעדער פּאָרעל, וואָס געהט שטיל אריין אין א פינסטערען האַלל... ער ווערט אין גאַנצען צומישט; זיינע אויערען כאַפּען מעהר ניט אויף דאָס רעווען פון אַן אויטאָמאָביל און דאָס קלאַפּען פון א קאר, וואָס טרעפט דער נאַכט־שטילקייט אין הארצען אריין — ער הערט בלויז דאָס שטילע פליסטערען פון פערליעבטע פּאָרלאָך, פון דער פינסטערניש כאַפּט ער אויף זייערע בעוועגונגען, זייערע אומ־ארמונגען, און ער ווערט אזוי צורייצט, אז ער קען אויף איין אָרט ניט איינזיצען; ווי א קאַץ גיט ער א ציה אויס די אויבערשטע

העלפט פון זיין קערפער און שטרענגט אן די אויגען, ווי ער וואלט מיט זיי די פינסטערניס געוואלט דורכשטעכען און אריינדרינגען אהין, אין דעם פינסטערען האלל... און נאך דעם ווען ער ליעגט שוין אין בעט מיט פערמאכטע אויגען שטעלט ער זיך פאר אהן א שיעור מיידעלשע פנים'ער, וועלכע ער האט אמאל געזעהן...

ניט שלאפען א נאכט און אלץ קלעהרען וועגען זיין חסרון און וועגען מיידלאך איז ביי איהם א גאנץ געוועהנליכע זאך. און עס טרעפט אמאל ווען ער באשליסט: וואס עס וועט זיין וועט זיין — מען מוז פערפיהרען א נאהענטע בעקאנטשאפט מיט א מיידעל! אבער דאס געלינגט איהם קיין מאל ניט; קיין מיידעל קען מיט איהם קיין נאהענטע בעקאנטשאפט ניט פער־פיהרען איבער דעם גרויסען חסרון...

דאס צורייצט איהם שרעקליך, און וואס מעהר די צייט געהט אוועק, אלץ טיעפער קריכען די אויגען אונטער'ן שטערן און דאס פנים זיינס ווערט בלייכער...

און ווי אויף צו להכעיס וואהנט ער נאך ביי א שעהנער, יונגער מיסעס, וועלכע גלייכט א שטיעף צו טהאן מיט איהם.

— מיסטער סאלאוו, — קען זי איהם א זאג טהאן אזוי אין א שפאס — זאגט דעם אמת: וואלט איהר געוואלט האבען אזא שעהנע טאלע (כלה) ווי איך בין?

און ווען ער פארשעהמט זיך, שטעהט זי נאך מעהר צו איהם צו:

— זאגט, זאגט, שעהמט אייך ניט. איא, איהר וואלט גע־וואלט, הא?

זי מיינט חלילה קיין שלעכטס ניט, די יונגע וויבעל, פאר־קעהרט, זי האלט גראד פון איהם; איהר געפעלט ער זעהר, דערפאר, וואס ער איז אזא שטילער און איז שטענדיג פער־טראכט; זי וואלט מיט איהם אמאל געוואלט פלאפלען א ביסעל, אבער אזוי ווי ער האלט זיך אלע מאל פון דער ווייטענס, מאכט זי גלאט אזוי מיט איהם א שפאס...

ווען אן אנדערער וואלט מיט איהם אזא שפאס געמאכט,

וואָלט דאָס איהם פאַרדראָסען, אָבער אויף איהר איז ער ניט בייז, אויף איהר קען ער ניט זיין בייז, ווייל נאָך דעם ווי זי מאַכט מיט איהם אַ שפּאַס, געהט זי צו צו איהם, לעגט אַרויף די האַנד אויף זיין אַקסעל און קוקט איהם אַריין אין די אויגען אַריין:

— אָבער איהר זייט ניט ברודז (ברוגז) מיסטער סאָלאָוו, האַ? און איהם איז דאָס זעהר אַנגענעהם...

— אַך, ווען ניט דער חסרון — קלערט ער מיט פאַרדרוס— וואָלט דאָך געווען גאָר עפּעס אַנדערש! מיט אַזאַ לעבעדיגער ווייבעלע קען מען זיך ערלויבען אַמאָל אַ שטיף צו טהאָן, אָבער געה שטיף, ווען עס איז אַ בזיון אַ וואָרט אויסצורייד׳ען! — ער וואָלט איהר אַמאָל געזאָגט אַ גלייכווערטעל, ער פיהלט אַמאָל, ווי זי ביים ערשטען נאָמען אַנצורופען, אָבער געה ריהר זיך אָהן לשון, און זי הייסט נאָך, ווי אויף צו להכעיס, קיידי...

און דאָ הערט ער נאָך אין שאַפּ אַלע טאָג אַזעלכע רייד, וואָס צורייצען נאָך מעהר זיין קראַנקע פאַנטאַזיע!... ווערען די בלויע צייכענס אונטער זיינע אויגען גרעסער, די באַקען — בלייכער, און עס טרעפען שוין טעג, ווען ער פיהלט זיך אַזוי שוואַך, אַז עס איז איהם שווער ביי דער אַרבייט צו זיצען... ער קוקט אויף די מיידלאַך וואָס זיצען ווייטער אַ ביסעל לעבען אַ שמאָלען, לאַנגליכען טישעל און ער ווערט רויט ביז איבער די אויערען; די מאַשינען קלאַפּען און רוישען, און אין דעם גערויש צולאָזט זיך איינער מיט אַ ליעדעל:

„פון וואַנען נעהמט זיך אַ ליעבע?
פון ריידען און פון שמועסען און פון לאַכען...“

פלעכט זיך אַריין דער אומעטיגער נגון אין דעם שאַפּ־טומעל, גראַבט זיך טיעף אין הערצען אַריין און נאָגט...

---

און סוף כל סוף איז געקומען א טאג, ווען סאלאוו האט זיך אין מיטען דער ארבייט אויפגעהויבען, געזאגט דעם פארמאן, אז ער פיהלט עפּעס זעהר שלעכט און ער איז אוועק אהיים.

געווען איז דאס תחלת אסיען. אין דרויסען האט געמאַראקעט, א דריבנער רעגענדעל, דער הימעל, א כמארנער, ווי פון איין אויסגוס, האט אפילו דעם מינדעסטען פארשפּרעכען ניט געוואלט געבען, אז ער וועט זיך ווען עס איז אויסלייטערען, און א צודרינגליכע נאסקייט האט אלע גליעדער דורכגענומען און אויפגעוועקט אין הארצען אלטע בענקענישען און לאנג פערגעסענע שווערע איבערלעבונגען: וואו א וועה און וואו א וואונד האט זיך יעצט אין הארצען אפּגעפרישט און וואו נור עפּעס א שווערער געדאנק, וועלכער האט אמאל, שוין לאנג צוריק, שלאפען ניט געלאזט, איז יעצט אויפ׳ן זכרון ארויפגעשוואומען...

איבער דעם שלעכטען וועטער איז סאלאוו יעצט געווען נאך אומעטיגער ווי אלע מאל, און דאס אוועקגעהן פון דער ארבייט אין מיטען העלען טאג דערפאר וואס ער איז ניט געזונד, האט זיך איהם יעצט פארגעשטעלט ווי אן אנפאנג פון א שרעקליכען סוף... — און וואוהין געהט ער יעצט? וואס וועט ער טהאן דארטען, אין דעם קליינעם צימעריל זיינעם? וועמען וועט דאס דען אארען, אויב ער וועט אפילו דארטען אויסגעהן ווי א ליכט? ווער וועט זיך אויף איהם אומקוקען? און קיידי? זי וועט, ווי שטענדיג, מאכען שפּאס און וועט איהם אודאי פרעגען: — וואס, איהר זייט טראנט?

און קלעהרענדיג אזוי איז יער געקומען צום בעשלוס, אז איידער האבען אזא חסרון איז גלייבער גאר ניט געבארען ווערען אויף דער וועלט...

אריינגעקומען איז הויז אריין איז ער א צר-וועהטאגטער, א צוקנייטשטער, און מיט אזא רחמנות׳דיגער מינע אויפ׳ן פּנים, גלייך ער וואלט זיך שוין פון אלעם מיאש געווען. די מיסעס זיינע האט זיך דערשראקען ווען זי האט איהם דערזעהן:

— וואס איז אייך, מיסטער סאלאוו? ניט געזונד?

— יא, עפּעס פיהל איך זיך ניט אמבעסטען...

— איהר קוקט טאַקע אויס זעהר שלעכט, אפשר רופען א דאָקטאָר?

— איך ווייס? אפשר. — האָט ער געענטפערט און געקוקט אויף איהר מיט די פערטראַכטע אויגען, וועלכע האָבען אהן ווער־טער געבעטען:

— „באַטש יעצט לאָכט ניט אָפּ פון מיר!“

און איהר איז יעצט אפילו אין זינען ניט געלעגען פון איהם אבצולאַכען; מיט'ן גאַנצען הארצען האָט זי איהם ארויסגע־וויעזען אמת'ע פריינדשאפט; געבראַכט א דאָקטאָר, און ווען דער דאָקטאָר האָט איהם אונטערזוכט, איז זי געשטאַנען פון דער ווייטענס, די הענד פארלעגט אויף דער ברוסט און מיט מיטלייד געקוקט אויף איהם.

די געטריישאַפט, וואָס זי האָט איהם יעצט ארויסגעוויעזען איז פאר איהם געווען אן אנגענעהמע איבערראשונג. דאָס האָט איהם גרויס פערגעניגען פערשאַפט, און ווי דער דאָקטאָר איז נור אוועק, האָט ער גאָר אין גאַנצען אָן זיין קראַנקהייט פאר־געסען און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט:

זי איז זיין פרוי... ער איז א לאַנגע צייט אין דער היים ניט געווען און זי האָט נאָך איהם שרעקליך געבענקט... יעצט איז ער געקומען פון א ווייטען וועג; איז ער מיעד, ניט אויסגעשלאָפען— האָט ער זיך מעשה בעל הבית צוגעלעגט כאָפּען א דרעמעל, און זי פאָרעט זיך אָרום איהם...

ער האָט פערמאַכט די אויגען און געוואָלט קלעהרען וועגען דעם נאָך און נאָך, און מיט אמאָל האָט ער דערפיהלט א וואַרימע האַנד אויף זיין שטערן, און די געדאַנקען האָבען זיך איבערגע־ריסען. זי איז געשטאַנען אָנגעבויגען איבער איהם און געהאַלטען די האַנד אויף זיין שטערן.

— איהר האָט היץ...

אין דעם מאָמענט האָט ער זי שיער־שיער ביים נאָמען אָנ־גערופען: — קיידי! אָבער ער האָט זיך בעצייטענס פערכאַפּט,

בלויז אן עפען געטהאן דאס מויל און באלד שטייף צונויפגעפרעסט די ליפען...

עטליכע טעג האט ער זיך אין דער היים אבגערוהט און זי האט די גאנצע צייט אזוי אכטונג געגעבען אויף איהם, גלייך ער וואלט געוועזן איהרער אן אייגענער ברודער; אלע אין דער פריה האט זי איהם צום בעט א ווארימע גלאז מילך דערלאנגט און געקאכט פאר איהם ספעציעלע יוכלאך, ווי פאר א חולה.

* *
*

און נאך דעם, ווען ער איז געזונד געווארען און איז ווידער אוועק ארבייטען אין שאפ, האט ער שוין רוהיג ביי דער ארבייט ניט געקענט איינזיצען און ניט אויפגעהערט קלעהרען פון דער געטריישאפט, וואס זי האט איהם ארויסגעוויזען.

דער סיזאן איז שאפ האט דאמאלס געהאלטען אין רעכטען ברען, די ארבייט האט מען פון די הענד געריסען און ער איז געזעסען ביי דער מאשין א צוטומולטער, א צודרעהטער און אזוי קלאהר גדעדענקט דעם מאמענט ווען זי האט די האנד אויף זיין שטערן געהאלטען... — וואלט כאטש ניט געווען אזוי ביזי, וואלט ער זיך ווידער פערגונען צו זיין קראנק נאך א פאר טעג!...

די טעג אין שאפ זיינען געווארען לענגער און אין דער היים האבען זיך ווידער אנגעהויבען דיזעלבע אויף־דער־נאכטען. קיידי האט איהם שוין מעהר קיין געטריישאפט ניט ארויסגע־וויעזען, ווי פריהער האט זי זיך גענומען חכמה'נען אויף זיין חשבון, און זיצענדיג ביים סאפער האט זי ליעב געהאט צו מאכען אזא שפאס:

— דו ווייסט, וואס דער דאקטאר האט געזאגט וועגען מר. סאלאוו? — פלעגט זי א זאג טהאן צו איהר מאן — אז די בעסטע רפואה פאר איהם וואלט געווען — חתונה האבען...

און צו סאלאוו'ן אליין:

— יאָ, יאָ, מיסטער סאָלאָוו, אויב איהר וועט חתונה האָ־בען וועט איהר זיין אַלל־רייט אין אַמעריקאַ, און אויב ניט, וועט איהר לידען אין דער ערד און באַטען ביידעל...

איהרע חכמות, איהר מאַכען שפּאַס מיט איהם האָט ער יעצט שוין אַנדערש אויפגענומען: עס האָט איהם געדרייצט... איבער דער פריינדשאַפט, וואָס זי האָט איהם ארויסגעוויזען אין דער צייט ווען ער איז געווען קראַנק, האָט ער אויף איהר גאָר אַנדערש אַנגעהויבען קוקען און ער האָט ניט געוואָלט לײדען, אַז זי זאָל איהם אַזעלכע יסורים פערשאַפען; ער האָט זיך שוין יעצט גע־פיהלט צו איהר נאָהענט און פריינדליך און ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל דאָס זעלבע פיהלען...

אַזוי האָט ער אַ שטיק צייט געליטען, געשוויגען פערביסען און מיט אונגעדולד געוואַרט, אַז דער סיזאָן זאָל זיך ענדיגען.

און ענדליך איז געקומען אַ טאָג, ווען אין שאָפּ איז קיין אַר־בייט ניט געווען, איז ער אין מיטען העלען טאָג אהיים געקומען און זיך געקלאָגט פאַר דער בעל הבית'טע, אַז ער איז קראַנק.

— וואָס? שוין ווידער קראַנק? — האָט זי געפרעגט.

— שוין ווידער. — האָט ער זיך געקנייטשט און זיך גע־ריבען מיט דער האַנד דעם שטערן.

און ווען ער האָט יעצט אויפגעכאַפּט אין איהרע אויגען דעם וואַרימען, פריינדליכען בליק, אויף וועלכען ער האָט אַזוי לאַנג ארויסגעקוקט, האָט ער זיך אַזוי פערלאָרען, אַז ער האָט זי גע־געבען אַ כאַפּ ארום און אָנגעהויבען קושען...

זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, זיך מיט אַלע כחות אַ ריס געטהאָן פון איהם און איהם געגעבען אַ שטויס אָפּ פון זיך...

— איהר?! שעהמט אייך! שוין זאָלט איהר ארויסגעהן פון דאַנען!

ווען אַ גרוב וואָלט זיך אונטער זיינע פיס געעפענט וואָלט איהם געווען אַ סך ניחא'ר; מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז ער געשטאַנען און הענד און פיס האָבען איהם געציטערט; ניט נור ווי אַ בעליידיגטער מאַן האָט ער זיך יעצט געפיהלט, נור

אויף ווי אַ קנעכט, וואָס פיהלט, אַז ער האָט זיך צופיעל ערלויבט צו זיין נאָהענט מיט זיין בעל הבית... שטיל האָט ער די טהיר געעפענט און איז אַוועק. וואוהין ער זאָל יעצט געהן, האָט ער אַליין ניט געוואוסט, ווייל דאָס וואָס עס האָט נור וואָס פּאַסירט צווישען איהם און זיין יונגער מיסעס, האָט איהם אַזוי צוטומעלט, אַז ער האָט גאָר פון קיין אַנדער זאַך ניט געקענט קלעהרען, נור:

— אַ מענש מיט אַזאַ חסרון דאַרף גאָר ניט לעבען אויף דער וועלט!...

# א מענש מיט פלענער...

עטליכע שטונדען נאכאנאנד איז בארים דאניס ארומגעלאפען פון איין בעקאנטען צום צווייטען. געוואלט האט ער ביי וועמען ס'ניט איז כאפען א גמילת־חסד אויף א פאאר וואכען, אבער אומעדום האט מען איהם אלץ דעם זעלבען תירוץ געגעבען:

איהם, בארים'ן, וואלטען זיי אודאי ניט געוואלט אבזאגען, אבער ער מעג זיי גלויבען אויפ'ן עהרן ווארט, אז זיי קענען פשוט ניט, ווייל די צייט איז יעצט זעהר שלעכט...

אט דער תירוץ, וועלכען ער האט אייגענטליך אליין ערווארטעט, האט איהם דאך אזוי געערגערט, אז ער איז נישט איינמאל געווען גרייט צו זאגען יענעם*אפענהערציג און דרייסט, אז ער איז א גרויסער ליגנער און א שלעכטער מענש. אבער אנשטאט דעם האבען זיך גאר ביי איהם ארויסגעכאפט פון מויל אט אזעלכע אלט־אויסגעדראשענע טרויסט־ווערטער:

— נישט־קשה, אבי מען לעבט, לעבט מען אלעם איבער...

אין איינע דאגות און שטארק ארבגעפאלען ביי זיך האט ער זיך איבער די רוישיגע גאסען ארומגעדרעהט, ניט אהן קנאה האט ער געקוקט אויף די שעהן־געקליידעטע יונגע לייט, וועלכע זיינען אזוי פעסט און זיכער זייער וועג געגאנגען און ס'האט איהם שטארק אינטערעסירט צו וויסען מיט וואס אט די אלע מענשען בעשעפטיגען זיך...

— ס'איז דאָך מערקווירדיג! — איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק. — לעבען זיך מענשען אויף דער וועלט, געהען שעהן אָנגעטהאַן, האָבען אַ בעשעפטיגונג, לויפען, האָווען און ס'איז דאָך מעהר ווי זיכער, אַז דעם קאָפּ איבער דער פּעני דאַרפען זיי זיך ניט דרעהען... און ער, באַרים דאַנים, וועלכער איז אַהן צווייפעל, אַ אינטעליגענטנער מענש, אַן אָרענטליכער מענש, און טאַקי ניט קיין נאַר אויך, — ער איז אַ קבצן, אַן עני ואביון, און דאַרף ערשט האָבען אַ ישוב צי זאָל ער געבען פּעררינכטען די שיך מיט די אויסגעריבענע אָבצאַסען, צי זאָל ער נאָך געהן אַזוי...

— אַ פּאַסקודנע וועלטעל! — האָט ער עטליכע מאָל מיט פערביטערונג ביי זיך אין געדאַנק איבערגעחזר'ט.

אָבער דערמאָנענדיג זיך, אַז אָט די פּראַזע איז שוין אויך אַן אַלטע און אַן אויסגעדראָשענע, האָט ער זיך פערשעהמט פאַר זיך אַליין. און גלייך אימיצער וואָלט איהם גע'מוסר'ט און ער וואָלט זיך שוין געמוזט פערענטפערען, האָט ער מיט אַ מין אויפגערייצטער דרייסטקייט אָנגעהויבען קלעהרען, אַז ער וועט טהאָן אַלעס אין דער וועלט אַבי זיין אַ מענש מיט לייטען גלייך; און טאַקי: טויזענדער און טויזענדער מענשען מאַכען אַ לעבען, נו, וועט ער אויך מאַכען אַ לעבען; ער וועט עפענען אַ קענדי־סטאָר, אַ סטיישיאָנערי סטאָר, פּייפערס וועט ער טראָגען, כל עבודת פּרך וועט ער טהאָן, אַבי ניט האָבען אַ פּנים ביי יענעם ווי חוזק איבער דעם וואָס ער מוז אַלע מאָל ארומלויפען לייהען אַ פּאָאַר דאָלאַר... אין שאָפּ ארבייטען — דאָס איז ניט פאַר איהם. אָבגעאַרבייט זעקס יאָהר אין שאָפּ — גענוג! יעצט מוז ער פּרואַווען זיין מזל אין ביזנעס!

און ס'קען טאַקי זיין, — האָט ער ווייטער געקלעהרט — אַז זיינע פאַרמעגליכע פריינד וואָלטען גאַר בעסער געוואָרען ווען ער וואָלט ביי זיי געבעטען געלד אויף אַ ביזנעס! נו־יאַ, ס'פערשטעהט זיך: ביזנעס איז גאַר עפּעס אַנדערש...

און טאקע באלד, גלייך אימיצער וואלט איהם געיאגט, האט ער בעשלאסען צו צוגעהן צו דזשאו סאראקער, זיינעם א פריינד נאך פון דער היים, און אבגעמאכט האט ער ביי זיך אזוי: קדם כל וועט ער מיט איהם פערפיהרען א פריינדליכען געשפרעך וועגען די אמאליגע יאהרען, וועגען די שעהנע, לעבעדיגע גימנאזיסט־קעס, מיט וועלכע זיי פלעגען אין די זומערדיגע פארנאכטען, ארומשפאצירען אין'ם גרויסען שטאדט־פארק, ביים ברעג ים, און אגב וועט ער איהם דערצעהלען דעם גאנצען אמת, ווי ער מוטשעט זיך די לעצטע צייט, ווי זיין פרוי און קינד ליידען גאנץ אפט הונגער, טאקי אין דעם פשוט'ען זינן פון ווארט; האלטען וועט ער זיך שטאלץ, קיין רחמנות פנים, קיין בעטען, און אהן צערע־מאניעס וועט ער איהם א זאג טהאן:

— אלזא יאסעל, זיי א גוטער ברודער און קריג פאר מיר א צוויי־דריי הנודערט דאלאר אויף א ביזנעס!...

אט אזוי וועט ער איהם זאגען, און ס'איז גאר קיין פראגע ניט, אז יאסעל וועט איהם טהאן די טובה...

אבער ווען ער איז צוגעקומען צום הויז וואו סאראקער האט געוואהנט, האבען זיך זיינע געדאנקען גאר אינגאנצען איבער־געביטען, דעם מוטה און די האפנונג האט ער פערלארען, אריינ־געהן אין הויז אריין האט ער קיין חשק ניט געהאט, און שטע־הענדיג א ווייל אין גרויס פערלעגנהייט, האט ער שוין גאר ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי עס האט איהם גאר געקענט איינפאלען אזא נארישער געדאנק: — זיך ווענדען צו יאסלען? ביי יאסלען בעטען א טובה? נארישקייטען! אז יענער — ווי ער דערזעהט איהם נאר, הויבט ער באלד אן ריידען וועגען דער שלעכטער צייט און וועגען א וועלט מיט צרות, וואס ער, אלס ביזנעס־מאן, האט אויסצושטעהן...

— ניין, זיך נאריש מאכען ביי יענעם — דאס ניט! — האט ער זיך אליין אבגעשלאגען. און געהענדיג צוריק איז שוין ביי איהם גאר אויסגעקומען אז אין דער אמת'ען איז איהם אפשר גאר ניט אזוי שלעכט, ווייל נאך אלעמען: וואס איז דא

אַזוינס, וואָס? אין שאָפּ איז יעצט ניטאָ קיין ארבייט, טו וואָס זשע איז דאָ פאַר אַזאַ געוואַלד? ניט אייביג וועט דאָך זיין אַזוי: נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך, אמהעכסטען — נאָך אַ מאָנאַט, סוף כל סוף וועט זיך דאָך אָנהויבען דער סיזאָן... ס'איז ניט מעהר: יעצט איז ניט גוט, אָבער ס'איז ניט געפעהרליך; ער וועט זיך אויסדרעהען ווי ס'איז. פאַר אַ נויט — זעצט ער זיך אַוועק אויף דריי־פיער אויף דערנאַכטען און זעצט איבער אַ גוטע פּיעסע און פערקויפט זי פאַר'ן אידישען טהעאַטער... בנאמנות, ס'איז אַ געדאַנק! ס'איז איהם נאָר אַ וואונדער פאַר וואָס ער איז ביז יעצט דערויף ניט געפאַלען... און ווירקליך: ווען ער וועט למשל איבערזעצען הויפטמאַנ'ס „די פערזונקענע גלאָקע". ס'וועט דאָך מאַכען אַ געוואַלדיגען רושם, אַ פּוראַר וועט דאָס מאַכען! צו די אַקטיאָרען וועט ער זאָגען אַזוי:

— וואָס ווייסט איהר, וואָס ווייסט איהר! ווען דער בעריהמטער שוישפּיעלער באַגראָוו האָט געשפּיעלט „די פערזונקענע גלאָקע" אין אדעס, איז גאַנץ אדעס געגאַנגען כאַדאַראָם!

לאַנג האָט אָבער אָט די גוטע שטימונג זיינע ניט אָנגעהאַלטען, וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ אומעטיגער איז איהם אויפ'ן הארצען געוואָרען, און געקלעהרט האָט ער שוין פון דעם, וואָס זיין פרוי, אַ שוואַכע און אַן אויסגעמוטשעטע פון צרות און פון שטענדיגע קאָפּ־דרעהנישען, ווערט אַלץ חושך'ער פון טאָג צו טאָג; זי איז קראַנק און קורירען זיך איז ניטאָ מיט עפּעס. זיין קינד, אַ מיידעלע פון פינף יאָהר, ווערט אַלץ בלאַסער און קאַפּריזנער... און וואָס וועט טאַקי זיין דער סוף? פאַר די לעצטע זעקס יאָהר זינט ער איז אין אמעריקא, האָט ער נאָך קיין גוט שטיקעל צייט ניט געהאַט... שטענדיג האָרעוועט ער, וואַרפט זיך אין אַלע זייטען, אָבער וואָס קען ער טהאָן, אַז אָהן געלד קען מען זיך ניט ריהרען פון דאַנען אַהין?! וואָלט ער ניט געווען פערהייראַטה, וואָלט ער זיך ווידער גענומען צום לערנען, ער וואָלט געענדיגט אויף דאָקטאָר אָדער אויף דענטיסט — ער וואָלט געוואָרען אַ מענש, מוז ער דאָך אָבער שוין מאַכען אַ לעבען פאַר

א פאמיליע, קומט דאס הייסט עס אוים אזוי: ער, בארים דאנים, דער מענש וואס האט אמאל אזוי פיעל געהאפט און געשטרעבט צו שטייגען אלץ העכער און העכער — ער מוז אז אלעם פערגע־סען און פועל'ן ביי זיך, אז אזוי וועט ער שוין אבקומען אלע זיינע יאהרען... און עס קען נאך זיין אזוי אויך: ווען זיין ראזעטשקע וועט אונטערוואקסען, וועט זי, אזוי ווי אנדערע ארימע קינדער, מוזען פערקויפען צייטונגען אין די גאסען...

אט דער געדאנק האט איהם געריהרט ביז טרעהרען, און ווי ער האט ווייטער פון דעם ניט געוואלט טראכטען, האט זיך דאך געטראכט: און אפשר... אפשר וועט זי מוזען שטעהן נעבען אן עלעוויטעד-סטיישאן מיט א קעסטעלע קענדי אין האנד און מיט א רחמנות'דיגען קול'כעל בעטען די פערהאוועטע פארבייגעהער:

— קענדי, טשואינגאם, טשאקאלאד! קענדי, טשואינגאם, טשאקאלאד! — אזוי אהן אן אויפהער, עטליכע שטונד'ען ככדר, פונקט ווי אט די אויסגעבלייכטע מיידעלע אויף די שטיעגען. קוקט יעדען פארבייגעהער אזוי נעבעכדיג אין די אויגען אריין און פער־לויפט דעם וועג:

— קענדי, טשואינגאם, טשאקאלאד! קענדי, טשואינגאם, טשאקאלאד!

אין דער מינוט האט ער זיך דערפיהלט אויף אזוי פיעל עלענד, אז ס'איז ביי איהם גאר קיין ספק ניט געווען, אז ער איז דער אונגליק־ליכסטער מענש אין דער גאנצער וועלט, און אין דער זעלבער צייט איז ער געווען בייז אויף זיך אליין — פארוואס זאל ער ניט קענען טהאן עפעס אזא זאך, וואס זאל זיין שלעכטע לאגע פער־בעסערען?! און אז נישט קיין דאקטאר, און אז ניט קיין דענ־טיסט? לעבען דען ניט קיין מענשען אהן קיין פראפעסיעס? און אז מען קען ניט קריגען קיי געלד אויף א ביזנעס, איז וואס? ווייניג אנדערע פרנסות זיינען דא? מען דארף נאר זיין פעהיג... פעהיג דארף מען זיין...

דער טומעל און די היץ אין גאס איז געווען אונערטרעגליך. אלעמענס פנים'ער האבען געגלאנצט פון היץ און פון שוויים. שווערע וואגענס האבען געקלאפט מיט די רעדער איבער'ן גע־ברוקירטען שאסעע און געמאכט דעם גערודער נאך גרעסער. פאר־קויפער פון ביליגע ארטיקלען האבען נעפילדערט, געליארעמט, און רק געוואלט איבערשרייען איינער דעם אנדערען. אייניגע האבען זיך אויפ'ן האלז אנגעטהאן אהן א שיעור בייטשלעך קרע־לען און פאטשערקעס פון פערשיעדענערליי העללע קאלירען, אנ־דערע — שוין עלטערע אידען, אדער גלאט אזוי קאליקעס — הא־בען אויף די הענד אויפגעהאנגען א סך שיך־בענדלאך און שטיל, אהן ווערטער, ווי געקריוודעטע פון גאט און פון לייט, געשטאנען אין א ווינקעל און זשעדנע ארויסגעקוקט אויפ'ן נראשענדיגען פדיון. אין איין קארנער, צווישען א גאנץ רעדעל מענשען, איז געשטאנען א יונגער־מאן, א רויטער, א פערשוויצטער און מיט א הייזעריגער שטימע האט ער אויפ'ן קול געשריען און געלויבט אין טאג אריין עפעס א נייעם פראשעק, וואס נעהמט ארויס פלעקען. אלעס איז געווען בעשעפטיגט, פערטהאן, מען האט גע־קויפט און פערקויפט נויטיגע און ניט קיין נויטיגע ארטיקלען, מענשען האבען זיך ווי א לעבעדיגע כוואליע בעוועגט אין די גאסען און ארימע אידישע קינדער האבען זיך געפלאנטערט פאר די פיס און מיט אלע כחות געשריען:

— טו סענטס א הענדקערטשיעף! טו סענטס!

ביי באריס'ן האט די גאנצע שטאדט יעצט א פנים געהאט ווי א שלאכט־פעלד, וואו מענשען קעמפפען משוגענערווייז, און אויף דעם סמך איז איהם שוין איינגעפאלען אט אזא פילאזאפיש־קלוגער געדאנק:

— אמאל, מיט יאהרען צוריק, האט אזא מענש ווי ער, בא־ריס דאניס, געהאט א סך געלעגענהייטען אין אמעריקא ארויפ־צוארבייטען זיך. יעצט אבער זיינען אזעלכע געלעגענהייטען נישטא; דער צוג לויפט צו־שנעל, ווער עס איז געשיקט און ריהרעוודיג, דער כאפט זיך ארויף, און ווער ס'קען זיך ניט ארויפ־

כאַפּען מוז זיך פּלאָגען און אָבקומען אַלע יאָהרען... און עס זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע, וואָס קענען זיך ניט ארויפכאַפּען, זעהר אַ סך...

אַט דער געדאַנק איז פאַר איהם ניט געווען ניי, פיעלע מאָל האָט ער דאָס איבערגערעדט מיט זיין פרוי און אויך מיט זיינע בעקאַנטע. און איינמאָל אין אַזאַ געשפּרעך האָט ער אפילו ארויס־געזאָגט אַזאַ מיינונג:

— אַזעלכע מענשען ווי איך, — האָט ער דעמאָלט געזאָגט כלומרשט אין שפּאַס — האָבען פאַר זיך צוויי וועגען: אָדער אָנהויבען שיכור'ען און שפּייען אויף דער גאַנצער וועלט, אָדער — בעגעהן זעלבסטמאָרד, און די גאַנצע וועלט זאָל שפּייען אויף זיי...

לאַנג האָט ער זיך אַזוי ווי אַן איבעריגער איבער די גאַסען ארומגעדרעהט. דער געדאַנק, אַז ער וועט היינט קומען אַהיים מיט גאָרניט, האָט איהם ניט געלאָזט רוהען; אַלע מאָל האָט ער זיך געוואָלט לאָזען געהן צו אַן אַנדער בעקאַנטען לייהען אַ פּאָאַר דאָלאַר, אָבער געגאַנגען איז ער אין ערגיץ ניט.

— כאַפּט זיי דער וואָטענמאַכער! — האָט ער זיך געטראַכט — אַלע זיינען זיי זאַטע, אָנגעפרעסענע חזירים! — און ער האָט זיך געלאָזט געהן אַהיים.

אריינגעקומען אַהיים איז ער כלומרשט אַן אויפגעלעגטער און אַ פרעהליכער. מיט אַ וואָזשנעם שטעל, ווי אַ מענש, וואָס האָט היינט אַ סך אויפגעטהאָן, האָט ער געגעבען אַ נעהם ארויס דאָס שטיקעל טשאָקאָלאַד, וואָס ער האָט פאַר די לעצטע צוויי סענט געקויפט, און עס דערלאַנגט דעם קינד. און בעמערקענ־דיג דעם נאָכפאָרשענדען בליק וואָס זיין פרוי האָט אויף איהם געוואָרפען — דעם האָפנונגסלאָזען, יאוש'דיגען בליק — האָט ער גלייך מיט געמאַכטער התפעלות אַ זאָג געטהאָן:

נו, בין איך היינט געפאַלען אויף אַ פּלאַן! — אַן אויסגעצייכנעטער פּלאַן, זאָג איך דיר!

און נאָך איידער זי האָט איהם געפרעגט אויף וואָס פאַר אַ פּלאַן ער איז געפאַלען, האָט ער איהר דערצעהלט, אַז ער האָט פעסט בעשלאָסען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל — לייהען געלד און געהן אין ביזנעס!

— פערשטעהסטו מיך, — מאַכט ער צו איהר אַזוי מעשה ערפאַהרענער מענש — ביזנעס איז גאָר עפּעס אַנדערש; אין ביזנעס, אַז ס'הויבט אָן געהן, ארבייט מען זיך ארויף איינס און צוויי...

— נו, און געלד? — האָט זי אַ פרעג געטהאָן און אויף איהר פערכמורעטען פּנים האָט זיך אַ פאַרביטערטער שמייכעל בעוויזען.

זיינע טויזענדטערליי פּלענער זיינען איהר שוין געווען גענוג באַקאַנט, אין דעם נייעם פּלאַן האָט זי אויך וועניג וואָס בטחון געהאַט, און דאָך איז איהר געווען שווער ניט צו שמייכלען דער־ביי, און איהם איבערפרעגען נייגעריג:

— און געלד?

— ס'איז אָלל־רייט! — האָט ער געענטפערט — ס'וועט זיין געלד אויך, די הויפּט זאַך — מען דאַרף זיין פעהיג און וויסען ווי אַזוי אַנצוגעהן מיט די ביזנעס...

ער האָט איהם הפּנים שוין געוואָלט ארויסווייזען ווי ריהר־עוודיג און פעהיג ער איז, האָט ער אָנגענומען אַ מינע פון אַ זעהר פאַר'עסק'ענטען מענשען, זיך אָנגעהויבען אַרומדרעהען הין און צוריק מיט אַ סיגאַרעט אין מויל און דערביי האָט ער איהר שוין אויסגעמאָהלט וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכען ער וואָלט אויפ־געטהאָן ווען ער וואָלט געהאַט למשל אַ... אַ בוך סטאָר; אי וואָלט ער געוואוסט ווי אַנצוגעהן מיט אַזאַ ביזנעס! קודם כל וואָלט ער איינגעאָרדענט אַ לעזע־צימער... ס'קומט אַריין אַ מענש, דאַרף מען איהם ניט לויפען אַקעגען: — „מיסטער, וואָס ווילט איהר?“ ניין, זאָל זיך דער מענש אוועקזעצען אין לעזע־צימער, זאָל ער לעזען אַ צייטונג אָדער אַ בוך. אויף אַזאַ מין אופן וועט פּאַמעלאַך ווערען אַ צענטר, וואו פיינע מענשען

טרעפען זיך, און דערנאך וועט מען לייזען געלד, א־א וועט מען לייזען געלד!

ער איז אריין אין אזא התפעלות ריידענדיג וועגען בוך־סטאר, אז עס האט שוין ווירקליך געפאסט צום רומעל א פרעג צו טהאן אין איינע איילעניש, טאקע מעשה ביזנעס־מאן:

— יא, איך האב גאר פערגעסען — איז היינט עפעס געווען מיט דער פאסט?

— געווען, — האט זי געענטפערט מיט א זיפץ, קוקענדיג אלץ אנגעבמורעט פאר זיך, — א לעטער פון דער געז־קאמפאניע איז געווען... שוין דער לעצטער נאטיס, אויב מען וועט ניט בעצאהלען אין דריי טעג ארום, וועט מען צומאכען די געז...

ער האט שוין מעהר פון זיין פלאן ניט געקענט ריידען. א פערזארגטער האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, אנגעשפארט דעם קאפ אןביידע הענד און נערוועז זיך געפאטעלט די האאר. די לינקע ברעהם זיינע, וועלכע איז אין דערמיט געווען שפיציג און פעררייסען ארויף, האט זיך יעצט נאך מעהר אויפגעהויבען, און דאס האט נאך שארפער געמאכט די אנשטרענגונג אויף זיין פנים. אליין ניט באמערקענדיג האט ער די אונטערשטע ליפ געביסען, און ווען זיין מיידעלע איז געראדע יעצט צוגעשטאנען צו איהם, ער זאל זי נעהמען אויף די הענד, האט ער זיך אויף איהר צובייזערט און געהאט טענות צו איהר ווי צו א גרויסער:

— וואס דרעהסטו מיר א מח?! זעהסט דאך, אז איך בין אזוי מיעד, אז דאס העמד איז אזש אויף מיר נאס!

דאס קינד האט אנגעהויבען פכינקען, האט די מאמע עס גענומען אויף די הענד, צוגעטוליעט צו זיך און געגלעט איבער'ן קעפעלע:

— שא, דו נאריש ציגעלע, שא־שא!

אבער דאס קינד האט ניט געקענט מוחל זיין די קריוודע און געהאט א גערעכטע טענה:

— פאר וואס־זשע, — מאכט זי אזוי נאאיוו מיט טרעהרען

אין די אויגלאך — דו מיר געזאגט, דער פאפא וועט קומען, סא מאכט ער מיר „קויפט א זעקעלע מעהל?"...

באריס'ן האבען דעם קינד'ס טענות פערקלעמטביים הארצען, ווי ער וואלט זיין אייגענע שולד אנערקענט, איז ער צוגעגאנגען, א קוש געטהאן דאס קינד, און כאטש ער איז יעצט געווען פער־זארגט און צוטראגען, איז ער דאך שוין געווען גרייט א כאפ צו טהאן דאס קינד אויפ'ן אקסעל און ארומשפאנען איבער דער שטוב — „קויפט א זעקעלע מעהל!" האט אבער גראדע אין דעם מאמענט זיין פרוי א זאג געטהאן:

— מיינסט דאך אפשר, אז ער איז דא היינט ווידער אמאל ניט געווען?

— ווער? — האט ער איבערעפרעגט און שוין גאר פערגעסען, וואס ער האט נאר וואס געוואלט טהאן.

— דו ווייסט ניט ווער? — האט זי געענטפערט — דער לענדלארד.

— זאל ער געהן צום טייוועל! — איז באריס געווארען בייז — וואס כאפט דאס איהם דארט אוועק, וואס? נישקשה, דער רוח וועט איהם ניט נעהמען, ער מעג ווארטען!

— דיר איז גוט צו זאגען „ער מעג ווארטען" — האט זי ניט אהן פארוואורף געענטפערט, — דו געהסט זיך אוועק אויף גאנצע טעג און ווייסט פון גארניט, אבער איך...

דערויף האט באריס גאר ניט געענטפערט; ער האט גע־וואוסט וויפיעל עגמת נפש זי האט די לעצטע צייט אלץ איבער אזעלכע לפנים קליינינקע אונאנגענעהמליכקייטען, ער האט גע־וואוסט, אז ניט איין מאל פערשליסט זי זיך מיט'ן קינד אין שטוב און ענטפערט ניט ווען מען קלינגט אן ביי דער טהיר... — און עס איז דאך אויף איהר ווירקליך א גרויסער רחמנות! זי, אזא עדעלע, אזא וואוילע, מוז נעבאך אויסשטעהן יסורים און בזיונות אהן א שיעור איבער דעם, וואס מען קען ניט בעצאהלען אין דער צייט דעם לענדלארד, דעם מילך־מאן, דעם בוטשער און דעם גראסערי־מאן... און איהר גאנצער לעבען דא אין אמעריקא!

עלענד, קיין שוועסטער און ברידער, קיין קרובים, קיין פריינד; פערוואָרפען פון פערמעגליכע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבען איהר געגעבען וואוילטאָג און פערגעניגען און געוואָלט דערלעבען נחת אין איהר דורך דעם, וואָס זי וועט חתונה האָבען מיט אַ דאָקטאָר אָדער מיט אַן אַדוואָקאַט; איבערגעריסען אַ קאַריערע, אַוועק־געוואָרפען דאָס לעהרנען אויף די קורסען און אַוועק מיט איהם קיין אַמעריקאַ... און וואָס? פון טאָג צו טאָג ווערט זי נער־וועזער איבער די צרות, וואָס זיינען שוין ניט אַריבערצוטראָגען. אין איהר פּנים אין שוין נישטאָ קיין טראָפּען בלוט, צו אָפט קרענקט זי, קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס, צייטענווייז דרעהט זי זיך אַרום אין שטוב ווי אַ שאָטען, רעדט ניט אַ וואָרט, פון איהרע גרויסע, בלויע אויגען קוקט אַרויס די פערצווייפלונג אַליין, איהר פּנים איז פערקרימט ווי זי וואָלט יעצט געליטען אַ שאַרפען וועהטאָג. אַלע מאָל הויבט זי אָן הוסטען, כאַפּט זיך אָן פאַר די איינגעפאַלענע ברוסט און סאָפּעט אַזוי שווער ווי עס וואָלט איהר אויסגעפּעהלט אָטהעם. שטענדיג איז זי פאַר־דאגה'ט, פער'מרה'שחורה'ט; שוויגט פערביטערט און האָפ־נונגסלאָז און ווען דאָס קינד דערקוטשעט איהר שטאַרק, גיט זי אַ געשריי פון'ם הארצען אַרויס און זעצט זיך גלייך אַוועק אַזאַ בלאַסע, אַזאַ אויסגעמוטשעטע, גלייך די כחות וואָלטען איהר אויס־געגאַנגען...

איהם האָט זיך יעצט געגלוסט צוצוגעהן צו איהר נאָהענט, זי טרויסטען, בערוהיגען, און דאָך האָט ער זיך אָבגערופען מיט אַ געמאַכטען מוסר טאָן:

— אויף מיין וואָרט, איך קען גאָר ניט פערשטעהן וואָס פאַר אַ מענש דו ביזט! מילא, אַז מען דאַרף אַמאָל איבערלעבען אַ שלעכט שטיקעל צייט, דאַרף מען זיך שוין אַזוי פיעל נעהמען צום הארצען? און ווירקליך: אַז מען צאָהלט רענט ניט אַזוי פּינקטליך צו דער מינוט, געהט שוין די וועלט אונטער? — און כדי צו מאַכען דעם איינדרוק נאָך שטאַרקער איז ביי איהם גע־ווען רעכט צו דערצעהלען אַזאַ מעשה:

— אין שטאָדט איז יעצט אַ הונגער, אַ שרעקליכער הונגער; הונדערטער טויזענדער מענשען געהען אַרום אָהן אַרבייט און האָבען ניט קיין ביסען ברויט אין הויז... וואָס וויסטו, וואָס וויסטו, וואָס אין שטאָדט טהוט זיך! און נאָך אַמאָל:

— נישטקשה, ער קען וואַרטען דער לענדלאָרד, דער רוח וועט איהם ניט נעהמען!

אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי געזאָגט. איהם אַליין האָט זיך שוין געדרעהט דער קאָפּ און ער האָט גאָר ניט געקענט צוקלעהרען ביי וועמען ער וואָלט געקענט לייהען אַ פּאָאר דאָלאַר— אויב ניט אויף ביזנעס, איז כאָטש אויף צו בעצאָהלען פאַר אַ האַלבען מאָנאַט רענט און די גאַז־ביל...

ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער, געקנייטשט דעם שטערן, נערוועז געקנאַקט די פינגער פון די הענד, און אָנגע־שטרענגט, גלייך ער וואָלט יעצט ערוואַרטעט עפּעס אַן אויסער־געוועהנליכע זאַך צו דערזעהן, האָט ער אין גאַס אַרויסגעקוקט.

פון דער גאַס האָבען זיך געהערט שטיפערישע, קינדערשע קולות, ניט ווייט האָט אַ שאַרמאַנקע אויסגעשפּיעלט עפּעס אַ היימישען, טרויעריגען ניגון, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ בלינדען בעטלער, אַ קאַליקע, וואָס געהט אַרום פון טהיר צו טהיר מיט אַ פערקרימטען רחמנות פּנים און שטרעקט אויס די האַנד — „שענקט, גוטע מענשען, אַ נדבה!" און פון דעם געגענאיבער־דיגען פענסטער האָט אַ פאָנאָגראַף אַרויסגעזונגען אַ האַרציגען, ימים נוראים'דיגען ניגון.

ס'האָט זיך געקלעמערט:

די מענשען, וואָס וואָהנען דאָרט זיינען אודאי פּשוט'ע מענשען, מיט קליינע השגות; מיט פּרנסה זיינען זיי פערזאָרגט, קומען צו זיי געסט, פאַרשפּרייט מען אַ ווייס טישטוך אויפ'ן טיש, מען דערלאַנגט סעלצער־וואַסער, מען רעדט פון שעפער און פון באָסעס, און ווען אַלע געשפּרעכען נעהמען זיך אויס און דער עולם הויבט אָן געניצען פון לאַנגוויילינקייט, דרעהט מען אָן דעם פאָנאָגראַף און:

— על חטא שחטאנו לפניי־י־ד־ך, באור־נ־ס וברצון :...

דעמאלט ווערען אלעמענ'ס פנים'ער מיט א לעבערליכען, נאַרישען ערנסט איבערגעצויגען, קליינשטעטעלדיג לייטיש שפּיצט מען אויף די אויערען און מען גאפּט:

— אי גוט! צוקער זיס!

און איינער א בחור מיט געלע שיך און קאליערטע זאקען, וואס קען אהן דעם וואָרט „סעי" ניט אויסקומען פון דאנען אהין, זאגט ארויס זיין מבינות אויף אזא שטייגער:

— סעי, האט ער א געמבע — א רעגעלער לייב!

— באָרים! — האט זיין פּרוי איהם איבערגעשלאגען די געדאנקען — האסט היינט אין ערגעץ גאר ניט געקראגען?

— ס'איז אללרייט! — האט ער געענטפערט — זאלט זיך גאר ניט זארגען.

א ווײלע איז ער אזוי געשטאנען און געקלעהרט, וואס ער זאל יעצט טהאן און באלד איז איהם איינגעפאלען א געדאנק.

— איך געה שוין צו לואיס לאדיזשענסקי — האט ער א זאג געטהאן ענטשלאסען — און אט וועסטו זעהען ווי נאך היינט אויף דער נאכט וועט זיין געלד!

זי האט איהם געוואלט געבען עפּעס אבעסען, אבער ער — ווי ער וואלט מורא געהאט אז דעם געדאנק גוט ארומצוקלעהרען, ער זאל נאך אליין באלד קיין חרטה ניט האבען — האט זיך שטארק געאיילט און גלייך אוועק צו לאדישענסקי'ן.

געמיינט האט ער, אז ווי ער וועט נאר אהין אריינקומען, וועט ער מאכען דעם אנשטעל, ווי ער וואלט יעצט געווען זעהר שטארק פארנומען, און גלייך אהן צערעמאניעס וועט ער א זאג טהאן קורץ און שארף:

— קען איך אפשר ביי אייך כאפּען א פופצעהן־צוואנציג דאלאר אויף א צוויי־דריי וואכען? — און אויב ס'וועט זיין בעקוועם — האט ער ווייטער געקלעהרט — וועט ער איהם גאר דערצעהלען דעם גאנצען אמת אין וואס פאר א לאגע ער געפינט זיך יעצט, און, ס'פערשטעהט זיך, אז דערביי וועט ער איהם בעטען,

ער זאָל פאַר איהם קריגען געלד אויף ביזנעס... ער, לאַדריזשענסקי, ער זאָל נאָר װעלען, קען ער איהם טהאָן די טובה... און טאַקי: א איד אַן עושר, האָט אַן אייגענע הויז און אַ גרויסע, גוטע ביזנעס... ער זאָל נאָר װעלען, קען ער עפּעס טהאָן...

אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט ער דאָרט געטראָפען עפּעס אַן אונבעקאַנטען מענשען, װעלכען ער האָט דאָרט קיינמאָל ניט געזעהן און חוץ דעם האָט מען גאָר דאָרט געראָדע יעצט די הויז איבערגעפּיקסט.

אין שטוב איז אַלעס געווען צו־וואָרפען און איבערגעקעהרט אָרען־קאָרען. זיצען האָט מען געמוזט אין קיך. צו וואָס מען האָט זיך צוגעריהרט, האָט מען זיך גלייך אויסגעשמירט אין פּאַרב. די װענט זיינען געווען אָבגעריסען און דאָס מעבעל, אין איין ווינקעל אָנגעשטעלט, איז געווען מיט ווייסע ליילעכער בע־דעקט. די פּלאָרס זיינען געווען מיט ווייסע ליים פּאַרפּאַטשקעט און ערטערווייז אויפגעריסען. די פראָנט־צימער איז אין גאַנצען געווען צוגעשלאָסען, און ווענען אָט דעם צימער האָט לואיס לאַ־דריזשענסקי געהאַלטען אין איין ריידען און מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט אויסגעמאָהלט, וואָס פאַר אַ שעהנע, טהייערע אָר־נאַמענטאַלס מען װעט בּאָרט מאַכען. — ווייל פערשטעהט איהר מיך — האָט ער דאָס ערקלעהרט גענויער — איך וויל, אַז די פראָנט־רום זאָל זיין געמאַכט אין׳ם סטיל פון לודוויג דעם זעכ־צעהנטען...

דער גאַסט האָט זיך מיט אַ געשפּאַנטער כונה איינגעהערט און אַלע מאָל צוגעגעבען זיין הסכמה אויף:

— אַ, יעס, דאָס וועט זיין פיין, זעהר פיין!

— און נאָך אַ זאַך — האָט די מיסעס לאַדריזשענסקי ער־קלערט לודוויג דעם זעכצעהנטען׳ס סטיל נאָך גענויער — אויף די אָרנאַמענטאַלס וועט געמאַכט ווערען אַ פּאַקעל און אַ בלום, אַ פאַקעל און אַ בלום. אזוי וועלען זיי געמאַכט ווערען...

ריידען יעצט וועגען אַ גמילת חסד, האָט בּאַרים שוין נישט געקענט. ס׳האָט איהם שוין גאָר באַנג געטהאָן, פאַר וואָס ער איז

אהער געקומען. און געדוכט האט זיך איהם, אז לאדיזשענסקי אליין שטויסט זיך גאר אן וואס ער איז מיט זיין קומען אהער אויסען געווען, און דערפאר טאקי גיט ער איהם אלע מאל אנ־צוהערעניש, מיט אט דער פיעל באדייטענדער בעמערקונג:

— אבער געלד וועט דער רעמאנט קאסטען — א געוואלד!

ער האט שוין אנגעהויבען קלעהרען וועגען פרואווען זיין מזל ערגעץ אנדערש און שוין געוואלט אוועקגעהן. אבער געראדע אין דעם מאמענט האט זיך לאדיזשענסקי געווענדעט צו איהם מיט זעהר א וויכטיגער פראגע:

— איהר, מיסטער דאנים — מאכט ער צו איהם אזוי פריינד־ליך און אויפגעלעגט — איהר זיינט דאך עפעס א מענש מיט געשמאק; ווי דענקט איהר, וואס פאר א קאליער זאל איך מאכען די בעד־רומס? און טאקי גלייך האט ער איהם דער־לאנגט א ביכעלע, אויף וועלכען ס'זיינען געווען אויפגעקלעפט פאפיערלאך פון פערשיעדענערליי קאליערען — אט זאל ער אויס־קלייבען א שעהנעם קאליער, לויט זיין געשמאק!

ניט ווילענדיג האט באריס גענומען בלעטערען דאס ביכעלע, געמאכט דעם אנשטעל, ווי ער וואלט זיך טאקי שטארק פער־טיעפט אין די קאליערען. אין דער אמת'ן אבער האט ער גאר בשעת מעשה געקלעהרט פון'ם לענדלארד, וואס איז זעהר פינקט־ליך און קומט מאהנען געלד צו דער מינוט, פון דער גאז קאמ־פאניע, וואס וויל פון קיין חכמות ניט וויסען; פון זיין שווא־כער פרוי, וואס האט שוין לחלוטין די האפנונגען פארלארען צו לעבען ווען ס'איז אזי ווי זי וואלט געוואלט, און נאך וועגען אהן א שיעור זאכען האט ער געקלעהרט. און ווען ער האט שוין געהאלטען דערביי, אז זיין לעבען איז גאר קיין לעבען ניט, האט ער פון יוצא וועגען אנגעוויעזען מיט'ן פינגער אויף א שטי־קעל פאפיער.

— אט דער קאליער איז דער שעהנסטער!

נאך דעם האט איהם לאדיזשענסקי געוויזען די אויבערשטע צימערען און דערביי האט ער איהם מיט התפעלות אויסגעמאהלט

ווי דאָס הויז וועט זיין שעהן, וועו אַלעס וועט זיין געענדיגט. באָרים'ען איז די גאַנצע מעשה גאָר אין קאָפּ ניט געקראָכען: ער האָט געוואָלט, אַז ס'זאָל זיך שוין וואָס גיכער ענדיגען און ער זאָל אַוועק פון דאַנען. אָבער דער גאַסט, הפנים אַליין אויך אַ בקי אין בעל־הבית'ישקייט, האָט זיך אָבגעשטעלט בעטראַכטען יעדער קלייניגקייט, אויף אַלעס האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגען און אין האַל האָט ער בעמערקט גאָר אַ געוואַלדיג גרויסען פעהלער: דער גרויסער שפּיעגעל, וואָס איז געווען איינגעמויערט אין דער וואַנט, אין אַ זייט, האָט לויט זיין מיינונג, גאָר געדאַרפט איינגעמויערט ווערען נעבען די שטיגען פּונקט אַנטקעגען, אַזוי אַז ווען מען געהט אַרויף, זאָל מען זיך אין גאַנצען אָנזעהן...

— אי וואָלט דאָס געווען שעהן, וואונדערבאַר שעהן!

— טאַקי, טאַקי — האָט לאַדיזשענסקי צוגעגעבען און זיך גאָר ניט געקענט מוחל זיין פאַר וואָס ער אַליין איז דאַרויף ניט געפאַלען — אַזאַ פעהלער מאַכען! און — ווי דענקט מיסטער דאַנים, ווי אַזוי למשל וואָלט מען דאָ געקענט איבערפיקסען? עפּעס איז ער דאָך אַ מענש מיט געשמאַק...

— האָ? וואָס? — האָט זיך באָרים אַ כאַפּ געטהאָן — דעם שפּיעגעל? אַ, יעס... דעם שפּיגעל... נו געוויס... געוויס... ס'איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז דער שפּיגעל דאַרף שטעהן דאָ... ובפרט נאָך אויב מען וועט איינפיקסען צוויי עלעקטרישע לעמפּעלאָך פון ביידע זייטען, וועט דאָס גאָר זיין שעהן... אויסערגעוועהנליך שעהן...

וועגען געלד האָט ער שוין גאָר ניט דערמאָהנט. אוועקגעהן אַצינד האָט ניט געפּאַסט, האָט ער ניט ווילענדיג געמוזט אויסהערען אָהן אַ שיעור קלייניגקייטען, וואָס האָבען איהם גאָר ניט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען. און פאַר'ן אוועקגעהן האָט ער נאָך געמוזט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער איז מיט זיין יעצטיגען וויזיט גאָר ניט אויסען געווען און דערפאַר טאַקי האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו דערמאָהנען:

— די הויפּט זאַך—מאַכט ער שוין שטעהענדיג ביי דער טהיר

— דעם שפּיגעל! פּערגעסט ניט איבערצושטעלען דעם שפּיע־געל און איינפּיקסען צוויי עלעקטרישע לעמפּעלאַך פוןביידע זייטען!...

ס'איז שוין געווען שפּעטלעך ווען ער איז צוריק אַהיים גע־גאַנגען מיט גאַר ניט. טרויעריג און שטאַרק פאַרטיפט אין גע־דאַנקען האָט ער פאַמעלאַך איבער דער שטילער גאַס געשפּאַנט און אין דעם מאָמענט איז פאַר איהם געווען קלאָהר: געלד אויף אַ ביזנעס וועט איהם קיינער פון זיינע פריינד נישט לייהען; צופיעל זיינען זיי אין זייער אייגען לעבען פערטהאָן... ארבייטען אין שאַפּ איז ניט קיין תכלית... — טו, וואָס זשע וועט פאָרט זיין? ער איז אַליין עקשנות'דיג און פערביטערט צוגעשטאַנען צו זיך. און באַלד האָט ער שוין געהאַט אַ שפּאָגעל נייעם פּלאַן:

— דאָס בעסטע פאַר אַזאַ מענשען, האָט ער ראַפּטאַם בעשלאָסען

— ווערען אַ ביזנעס איידזשענט אין אַ יוניאָן! און ווירקליך: אַ אינטעליגענטנער מענש איז ער, ריידען קען ער, פערשטעהן אַן עניו, פערשטעהט ער, נו, פאַר וואָס טאַקי ניט?! און ער האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט: איבער אַ יאָהר אין דער צייט וועט ער שוין געווים זיין אַ ביזנעס איידזשענט אין אַ יוניאָן, קריעגען וועט ער פינף און צוואַנציג — דרייסיג דאָלאַר אַ וואָך, אָנגע־טהאָן וועט ער געהן שעהן און פיין, דעם קינד וועט ער אַלע מאָל קויפען נייע שפּיעלכעלאַך, האָבען וועט ער אַ גרויסע לייברערי־רום מיט אַ סך, אַ סך ביכער, און אין אַ הייסען פאַרנאַכט וועט ער צווישען אַ גאַנצער קאָמפּאַני ביזנעס איידזשענטס זיצען אין אפיס, פערלעגט אַ פוס אויף אַ פוס, די פּאַנאַמאַ העט אַרויפ־גערוקט, מיט אַ שטעקעל אין האַנד, און ווען אימיצער וועט זיך אָנהויבען קלאָגען אויף די אונערטרעגליכע הייסע טעג, וועט ער זיך פערדרייכערן אַ גוטען סיגאַרעט און אַ זאָג טהאָן ברייטלאַך:

— מיינע — אַזוי וועט ער זאָגען מיינענדיג זיין פרוי — מיינע איז יעצט אין קאַנטרי — איז זי יעצט...

# א לעב געטהאָן.

פאר די זעקס יאָהר וואָס דער דראגיסט הערדי שטיין איז פערהייראטה, איז ער אַזוי ארייננעצוואונגען געװאָרען אין דעם עול פון פרנסה, אז ער האָט גאָר ניט בעמערקט ווי ער ווערט דערווייטערט פון אַלע זיינע אַמאָליגע פריינד און בעקאַנטע. פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געווען פערשפּאַרט אין דראָג סטאָר און ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט פארגינען צו פארברייננען מיט מענשען אזוי ווי אין די אַמאָליגע בחור'שע יאָהרען.

אין יענע יאָהרען ווען ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין אייגענעם דראָג סטאָר און קיין ווייב מיט קינדער, איז ער גאָר אַן אַנדער מענש געווען; ער איז געווען אַ לעבעדיגער, אַ פרעהליכער בחור, קיינמאָל צו זיך קיין דאגות ניט צוגעלאָזט און ער האָט געפיהלט, אז ער לעבט אויף דער וועלט.

זומער האָט ער זיך אָפט געבאָדען אין ים און געלערענט מיידלאַך שווימען. ווינטער האָט ער זיך געגליטשט אין וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק און געוויזען אויפ'ן אייז אַזעלכע קונצען, וואָס קיינער האָט ניט געקענט נאָכמאַכען; און פון בעלער איז שוין אָבגערעדט — אויף אַ באָלל האָט ער זיך געפיהלט ווי אַ פיש אין וואַסער. און אַם מעהרסטען האָט ער ליעב געהאַט צו געהן אויפ'ן באָל פון די רוסישע סטודענטען; דאָרטען איז ער גאָר געווען אַן אייגענער מענש, דאָרטען האָט ער געהאַט אַ וועלט מיט בעקאַנטע און מיט אַלעמען האָט ער געקענט ריידען רוסיש וויפיעל זיין הארץ האָט געגלוסט. היינט די מיידלאַך וואָס האָבען זיך

דאַרטען געדרעהט ארום איהם! — אַלע אַזעלכע לעבעדיגע, שעה־ נינקע. וואָס האָט איהם דעמאָלסט געפעהלט!

ובפרט נאָך ווען ער האָט אויסגעטרונקען עטליכע גלעזלאך ווייז, איז ער גאָר געווען אוויפ'ן זיעבעטען הימעל; אַלעמען האָט ער געזאָגט „דו", אויסגעזונגען אַלע אידישע און מאַלאָרוסישע ליעדלאך, וואָס ער האָט געקענט, גערעדט פאַר פייער און פאַר וואסער, און די מיידלאך האָבען גאָר אַנגעקוואָלען פון איהם, זיי האָבען איהם זעהר ליעב געהאָט ווען ער איז געווען אביסעל שכור'לאך.

און איהם האָט מען טאַקי געקענט ליעב האָבען ווען ער פלעגט ווערען גאָר פרעהלאך. זיין אָפענהערציגקייט איז דאַמאָלסט גע־ ווען אָהן אַ גרענעץ. וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אויפ־ ריכטיג און ערנסט געמיינט, דער בליק פון זיינע גוטע, קאָרע אויגען איז געווען ליעבליך און ווארים און מען האָט געזעהן בחוש ווי ער איז גרייט פאַר אַלע גוטע פריינד דאָס האַרץ צו עפענען — נאַ!

ווער וואָלט זיך גאָר גערעכט, אַז אַט דער לעבעדיגער בחור וועט ווערען אַ סאָלידער בעל הבית'על און ווי אַן ארעסטאַנט זיין פערשפאַרט אין זיין דראָג סטאָר!

און דאָך איז ער דאָס געוואָרען.

שולדיג אין דעם איז געווען זיין פרוי. זי איז געווען פונקט דער היפוך פון איהם; אַזוי ווי ער איז געווען אַ לעבעדיגער יונג, אַזוי איז זי געווען אַ שטילע און בעל הבת'ישע טאָכטער. צום יאָהר האָט זי אַ קינד געבאָרען און מיט צוויי יאָהר שפעטער — נאָך איינס. מיט דער הויז ווירטשאַפט האָט זי זיך צופיעל אָבגעגעבען, אַלעס אין שטוב האָט געמוזט זיין ריין און ציכטיג און אין דער בעסטער אָרדנונג; זי איז אַליין זעלטען ווען ערגעץ נעגאַנגען און איהם אויך אין ערגיץ ניט געלאָזט געהן, און אַזוי ווי ער איז בטבע געווען זעהר אַ גוטער מענש, האָט ער איהר קיין יסורים ניט געוואָלט פערשאַפען און ער איז געוואָרען אַ סאָלידער בעל הבית'על...

גרינג איז איהם דאָס ניט אָנגעקומען. די ערשטע צייט האָט ער זעהר געבענקט נאָך יענע יאָהרען, ווען ער איז נאָך געווען פריי און ניט פערפליכטעט צו קיינעם. אבער זי האָט שוין גע־זעהן, אז ער זאָל אָן יענע יאָהרען פארגעסען, שוין צו אָפט האָט זי איהם געקלאָפּט אין קאָפּ אריין ווי נויטיג עס איז אָבצושפּאָרען אַ פּאָאָר דאָלאַר, ווייל ווי אַ זאַך מאַכט זיך איז אלע מאָל גלייכער ווען מען האָט אַ פּאָאָר דאָלאַר אין די בענק. האָט ער ביסלעכוויינ געגומען פיהלען אויף זיך דעם שווערען עול פון פרנסה און די פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען און אומ־בעמערקטערהייט איז ער געוואָרען צוגעבונדען צו די ביזנעס.

אזוי זיינען אַוועק גאַנצע זעקס יאָהר.

אין דעם הינטער צימער פון'ם דראָג סטאָר, וואָס רופט זיך מיט דעם קלינגענדיגען נאָמען „לאַבאָראַטאָריע“, האָט ער זיך שטענדיג געפּאָרעט מיט גרויסע און קליינע פלעשלאַך. אויף אויס־ווענינ האָט ער שוין געוואוסט וואָס אין יעדער פלעשעלע געפינט זיך, ער האָט שוין די אויפשריפטען ניט געדאַרפט לעזען און די נעמען פון די אלע סם'ען און גיפטען האָבען זיך איהם שטענדיג געבאָמבעלט אין קאָפּ...

קיין נאָהענטע פריינדשאפט האָט ער יעצט מיט קיינעם ניט געפיהרט. זעלטען ווען איז איהם אויסגעקומען אַ פריינדליכען געשפּרעך צו פיהרען, ער האָט אלץ גערעדט מיט קאָסטאָמער, וואָס קומען אריין עפּעס קויפען און געהען זיך אַוועק; און איז שוין יאָ אַמאָל אין אַ יובל געקומען צו איהם אַ גוטער באַקאַנטער פון אַמאָל, האָט ער זיך פאר יענעם אי געשעהמט אי זיך געפיהלט שולדיג, און שוין צופיעל מאָל זיך באַקלאָגט:

— אַ פאסקודנע ביזנעס אַ דראָג סטאָר! פערפוילט קען מען דאָ ווערען!

און ווען יענער פלעגט מיט איהם אָנהויבען ריידען וועגען די אַמאָליגע יאָהרען, פלעגט ער שוין נאָך דעם עטליכע טעג נאָכאַ־נאַנד זיין צוטראָגען און בייז, פיינד געהאַט אלע קאָסטאָמער

ווי בלוטיגע שונאים, און אבגעמאכט ביי זיך איין מאל פאר אלע מאל:

— ביי א געלעגענהייט דארף מען זיך ארויסכאפּען און אביסעל א לעב טהאן!

האבען זיך געראדע געמאכט פיעלע געלעגענהייטען, אבער ער האט זיי ניט אויסגענוצט, ווען ער האט זיך געוואלט „ארויס־כאפען", האט זי איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז עס איז גאר קיין שכל ניט אוועקצוגעהן זיך אמוזירען און איבערלאזען דעם סטאר אויף פרעמדע הענד.

און זי האט דאס איהם בעוויזען מיט א חשבון:

צונעהמען א קלוירק אויף א טאג דארף קאסטען פיער דאלאר, הא? ווי וועט דער קלוירק ניט אראב'גנב'ענען קיין צוויי־דריי דאלאר, איז שוין זיעבען דאלאר; ביי איהם אליין וועט אוועק־געהן א דריי דאלאר, איז שוין א חשבון פון צעהן דאלאר. נו, ווי־זשע איז מען דאס אזא אויסברענגער?

אט אזעלכע חשבונות האט זי איהם געמאכט און ער האט זיך ווילענדיג ניט ווילענדיג אונטערגעגעבען.

דער חשק א לעב צו טהאן האט איהם אבער ניט געלאזט רוהען ביז ער האט איינמאל בעשלאסען, אז וואס עס וועט זיין וועט זיין — ער וועט געהן צום סטודענטען באלל!

כדי צו זיין זיכערער, אז זי וועט איהם דאס מאל ניט שטערן, האט ער דאס געזאגט צו א בעקאנטען אין איהר אנוועזענהייט...

כאטש ער האט ניט געוואלט, אז זי זאל אויך געהן מיט איהם, האט ער זי דאך, פון יוצא וועגען, געבעטען, אז זי זאל ערגעץ איבערלאזען די קינדער און אויך געהן צום באל. האט זי איהם געענטפערט, אז די קינדער קען זי בשום אופן אויף קיינעם ניט איבערלאזען און עס איז געבליבען אז ער זאל געהן אליין.

דער געדאנק, אז ער וועט זיך סוף כל סוף אברייסען פון די ביזנעס און אביסעל פערברייגגען מיט זיינע אמאליגע פריינד אויפ'ן באל האט איהם גאר לעבעדיגער און אינגער געמאכט, ער האט זיין ארבייט אנגעהויבען טהאן שנעלער, מיט מעהר חשק;

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי גוט ער וועט דאָרט פערברייגגען און ווי אנגענעהם עס וועט איהם זיין צו זעהן אזוי פיעל בעקאַנטע.

אָבער איהר האָט ער דאָס ניט געזאָגט אויס מורא, ער זאָל דערמיט ניט ערגער מאַכען, בלויז אין זיך האָט ער זיך געפרעהט ווי אַ קליין קינד — נו, וועט ער דאָס אַ לעב טהאָן!

איידער ער איז אוועק צום באַל האָט ער איהר געמוזט צוזאָגען, אַז קומען אהיים וועט ער ניט שפּעטער ווי איינס אַ זייער ביינאַכט. און ער האָט טאַקע געדענקט צו האַלטען וואָרט אָבער ווען ער איז געקומען אויפ'ן באַל און דערזעהן אזוי פיעל בעקאַנטע, וועלכע ער אהט שוין לאַנג ניט געזעהן, האָט ער גאָר ניט בעמערקט ווי די צייט איז אוועק.

ווען מען האָט איהם דערזעהן אויפ'ן באַלל האָט מען זיך גאָר דערפרעהט איבער איהם. אַלע מאָל האָט איהם אַן אַנ־דערער אָבגעשטעלט:

— העללאָ, שטיין! וואָס מאַכט איהר עפּעס? וואו זיינט איהר געווען אין די גרויסע פרעסט?

און ער האָט זיך געוויצעלט אויף זיין אייגענעם חשבון:

— וואָס זאָל איך מאַכען? איך מאַך רעצעפּטען. אַ דראָ־גיסט...

דאָס וואָרט „דראָגיסט“ האָט ער ארויסגעזאָגט אין אזא טאָן אַז עס האָט געקענט הייסען:

„אַ פערפאַלענער מענש, וואָס איז דאָ וואָס צו ריידען, וואָס!“...

שטיין האָט גאָר ניט געוואוסט מיט וועמען זיך פריהער אָב־צושטעלען, מיט וועמען לענגער צו פערברענגען. אַלע מאָל איז ער געזעסען ביי אַן אַנדער טישעל און עס האָט זיך איהם אַלץ געדוכט, אַז דאָ דאַרף ער לאַנג ניט זיצען, דאָ דאַרף ער לאַנג ניט פערברייגען; ער דאַרף געהן ווייטער, זוכען נאָך בעקאַנטע, וועלכע וועלען אפשר זיין פאַר איהם נאָך אינטערעסאַנטער, מיט וועמען עס וועט איהם זיין נאָך אנגענעהמער צו פערברענגען. און ווירקליך: אַז ער האָט זיך שוין יאָ פאַר די אַלע זעקס יאָהר

איינמאָל ארויסגעריסעו, דארף ער דאָך עפּעס א לעב טהאָן! אפשר זיינעו דאָ פאַראַן נאָך גוטע פריינד!...

דער האָל איז געווען גרויס,ביידע פלאָארס זיינען געווען געפּאַקט מיט מענשען. איז ער געלאָפען פון איין פלאָאָר אויפ'ן אַנדערן, געוואָרפען די אויגען אין אַלע זייטען און אַלץ געזוכט אַליין ניט וויסענדיג ווען און וואָס...

דער חשק אַנצוויאַגען דאָס, וואָס ער האָט אזוי לאַנג דורכ־געלאָזט, האָט איהם אויף קיין אָרט ניט געלאָזט איינזיצען. דער רעש אין האָל, דאָס שפּיעלען פון דער מוזיק און דאָס טאַנצען פון די פּאַארלאַך האָט איהם צוטומעלט; ער האָט אַלעם געוואָלט מיט איינמאָל איינשלינגען, און ערשט ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אז די צייט געהט אוועק און עס ווערט שוין שפּעטלאַך, האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביי א טישעל מיט עטליכע גוטע פריינד און בעשטעלט צוויי פלעשער וויין.

— אז מיר האָבען זיך שוין יא אזא לאַנגע צייט ניט געזעהן — האָט ער א זאָג געטהאָן מיט א שמייכעל און א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד — דאַרף מען יעצט א הוליע טהאָן ווי אַמאָל, אין יענע צייטען! געהט עס, הא?

אויסגעטרונקען די צוויי פלעשער וויין, האָט מען בעשטעלט נאָך און נאָך וויין, און עס איז געוואָרען פרעהלאַך.

שטיין האָט געטרונקען מעהר פון אַלעמען און דאָס טרינקען האָט איהם גאַר לעבעדיג געמאַכט. ביי דער פינפטער־זעקסטער גלאָז וויין האָבען שוין זיינע קאַרע אויגען גאַר אַנדערש געגלאַנצט, און ווער עס איז געזעסען לעבען איהם האָט אַלע מאָל געקראָגען א קלאַפּ אין דער פּלייצע:

— ביזט א מאַלאַדיעץ, ווי איך בין א איד! איך גלייך דיך!

צו די דאַמען, וואָס זיינען ביים טישעל געזעסען, איז ער אויך געוואָרען צוגעלאָזענער. איינער האָט ער געזאָגט, אז זי טהוט זיך אָן מיט געשמאַק, א צווייטער האָט ער געמאַכט א קאָמפּלימענט, אז זי האָט מערקווירדיג אויסדרוקספאַלע אויגען, א דריטער — אז זי האָט זעלטען שעהנע געדיכטע ברעמען. און

ווען ער איז געוואָרען גאַר פרעהלאך, האָט ער אַלע מאָל אַן אַנ־
דער דאַמע די הענד אויף די אַקסלען ארויפגעלייגט און זי אַנ־
גערופען ביים ערשטען נאָמען... זי איז דאָך געווים ניט געגען
דעם, וואָס ער רופט זי ביים ערשטען נאָמען, האַ? צו וואָס די
איבעריגע אָפיציאַליטעט — „מיסעס"? איז דען ניט שעהנער:
ווען מען זאָגט אַ שטייגער: פעני, מאַניא, רחל, פייגעלע!
דאָס רעדט צום הארצען! און קוקען אויף איהם דאַרף זי אויך ניט
אַזוי מאָדנע; טאָמער איז ער אַביסעל שכור'לאך? נו, איז
וואָס־נַשע? איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט, צום טייוועל
זאָל עס געהן! און די דאַמע, אויף וועמענס אַקסלען ער האָט
די הענט געהאַלטען, האָט געפיהלט ווי ער בריהט זי מיט זיין
אָטהעם און נעהמט זי דורך און דורך מיט די אויגען...

אַזוי פרעהלאך איז ער שוין דאַמאָלסט געווען און אַזוי גוט
אויפ'ן הארצען איז איהם שוין דאַמאָלסט געווען, אַז ער האָט
אויסגעטרונקען פאַר'ן געזונד פון אַלע דאַמען און מיידלאך, וואָס
זיינען ביים טישעל געזעסען, איין מאָל און צוויי מאָל. ער איז
דאָ געוואָרען דער צענטער, איהם האָט מען דאָ געשענקט מעהר
אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען, ווייל אַלעס, וואָס ער האָט גע־
זאָגט, איז ביי איהם ארויסגעקומען וואַרים און הארציג...

די אידישע און מאַלאָרוסישע ליעדלאך, וואָס ער האָט אַליין
געזונגען און אויך געצוואונגען אַלעמען צו זינגען האָבען ביי איהם
ארויסגערופען אַ שטורם פון געפיהלען; יעדער ליעדעל האָט איהם
אַנאַנדער געליעבטע דערמאָנט. דער פולס פון לעבען, וואָס מען האָט
אין איהם איינגעשלעפערט, האָט יעצט אויפגעוואַכט און ווי אַ
וואַסער־פערפלייצונג זיך פון די ברעגעס געריסען. ער האָט קיין
איין מינוט ניט גערוהט.

אין די אויגען האָט איהם געשווינדעלט און ער האָט געזעהן
אַלץ פערפלאָמטע פנים'ער. די אַלע פנים'ער האָבען איהם אויס־
געקוקט בעקאַנט און היימיש, גלייך ווי אַלע וואָלטען געווען מענ־
שען פון איין גרויכער משפחה. ער האָט זיך געפיהלט פריי, אונ־
בעגרענעצט; האָט ער געוואָלט, האָט ער אָבגעשטעלט איינעם

אין מיטען גאַנג, אָדער אין מיטען טאַנץ און אַ זאָג געטהאָן גלאַט אַזוי אַ וואָרט, אַבי עפּעס צו זאָגען. ווער קען איהם דאָ עפּעס פערוועהרען? אַט וויל ער, גיט ער אַ כאַפּ אַ גלעזעל וויין פון אַ צווייטען טיש און — טהו איהם עפּעס!

איינע, אַ יונגע ווייבעל האָט איהם געזאָגט, אַז ער טרינקט שוין צופיעל, האָט ער דאָס ניט געוואָלט ליידען. — נאָר קיין מוסר זאָל מען איהם דאָ ניט זאָגען! ער האָט שוין ווער עס זאָל איהם זאָגער מוסר... דאָ וויל ער זיין פּרעהלאַך! ווער קען דאָס ליעדעל „טרינקט זשע, טרינקט זשע“? קיינער ניט, האַ? טו, זאָל מען זינגען „העי, נוטיע, כלאָפּצי“! אַלע איינס — אַבי זינגען!

ער איז שוין געוועזן גוט שכור און זעהר הייזעריג, אָבער אונטערגעגעבען האָט ער זיך ניט — ער האָט געהאַלטען אין איין זינגען.

ווען ער איז געוואָרען שרעקליך מיעד האָבען זיך איהם אין מיטען דערינען גענומען באָמבלען אין קאָפּ אַזעלכע זאַכען, וואָס ער האָט איצט ניט געוואָלט געדענקען: „קאַסטאָריע אויל“, „העדיג פּוידער“, „קאָרן קיור“...

האָט ער זיך געריסען דעם האַלז, געקאָמאַנדעוועט מיט דער האַנד און אַלע מאָל אָנגעהויבען זינגען אַן אַנדער ליעדעל, אַבי ער זאָל אָן אָט די זאַכען ניט גע־דענקען, אָבער ווי אויף צו להכעיס זיינען איהם אין קאָפּ אריינ־געקראָכען נאָך און נאָך זאַכען: „בראָמאָ סעלצער“, „פּייגען סעראָפּ“, „טאַלקום פּוידער“, „10 סענט סטעמפּס„ — טפוי, צום טייפעל זאָלען זיין געהן! און ער האָט זיך געבעטען ביי אַלעמען:

— זינגט! זינגט, איך בעט אייך. זאָל ניט זיין אומעטיג!

דער קרייז ארום דעם טישעל, וואו שטיין האָט פערבראַכט איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער; זייטיגע מענשען האָ־בען דערזעהן ווי פרעהלאַך דאָ איז, האָבען זיי זיך אויך צוגערוקט אַהער. און כאָטש שטיין'ס אויגען זיינען שוין געוועזן פערגאָסען און רויט און אין קאָפּ האָט זיך ביי איהם אַ ווינט־מיהל געדרעהט,

האט ער דאך בעמערקט א סך יונגע פרויען מיט שעהנע סימפּאַ־טישע פּנים'ער; אהן צערעמאָניעס האט ער זיך מיט זיי באַ־קאַנט און איינינע האט ער גלייך ביי די ערשטע נעמען גערופען...

ער האט זיך אזוי צוהוליעט, אז ער האט גאָר ניט באַמערקט ווען דער טומעל אין האל איז געוואָרען קלענער און די מוזיק האט אויפגעהערט צו שפּיעלען...

און ווי האט ער דאס טאקע געקענט בעמערקען, אז דער גאַנ־צער טומעל איז געווען אין איהם און ארום איהם! ניט קוקענדיג דערויף וואס ער איז געווען שכור, האט ער דאך געזעהן און גע־פיהלט ווי ער נעהמט אוים ביי אלעמען און ווי אלע גלייכען איהם. ווארים און פריינדליך האט ער מיט יעדען איינעם גערעדט; דעם האט ער געגעבען דעם אדרעס, דער — דעם טעלעפאָן נומער, און מיט'ן גאַנצען הארצען געבעטען:

— רופט מיך אמאל אב אויפ'ן טעלעפאָן, וועלען מיר גלאַט אזוי אביסעל פּלאַפּלען...

ביז פינף אזייגער פארטאָג האט ער אזוי אבגעזשומעט און ווען ער האט מיט פארגאַסענע אויגען בעמערקט ווי דער עולם ארום זיין טישעל ווערט אלץ קלענער און קלענער, און מענשען קוקען שוין צו אפט אויפ'ן זייגער, איז איהם שרעקליך שווער געוואָרען. דער גאַנצער טומעל פון קאפּ האט זיך ראפּטאם ארויס־געריסען, און שווער איז דער קאפּ געוואָרען, אזוי שווער גלייך פודען בליי וואלטען דאָרט געלעגען. אויף די פיס איז איהם שווער געווען זיך צו האלטען, אין מויל און אין האלז האט איהם געטריקענט, עס האט זיך איהם אלץ געגלוסט עפּעס א זויערע, א קאלטע זאך — א געזויערטע אוגערקע, אדער א טאָמייטאָ. האט אימיצער דערמאָנט דאס ווארט „וויין", האט דאס איהם גע־עקעלט, און ווען מען האט איהם דעם קאפּ מיט דער קאלטער וואסער געריבען, האט ער אונטער דער נאָז געבורטשעט:

— אזא פּאַדליעץ!... צוגעזאָגט צו קומען אהיים ניט שפּעטער ווי איינס א זייגער!... אזא פּאַדליעץ!...

אהיים פאהרען אליין האט ער ניט געקענט און א בעקאנטער האט איהם געמוזט אהיים פיהרען...

אין סאבוויי האט ער זיך געפיהלט זעהר שלעכט, זיין פנים איז געווען בלאס ווי די וואנט, זיין גאנצער קערפער האט גע־ציטערט גלייך מען וואלט איהם נאר וואס מיט אלקאהאל אויס־געשמירט, און עטליכע מאל האט ער דעם בעקאנטען געשטעלט די פראגע:

— נו, און אז מען זשומעט אמאל אב א נאכט, איז דאס דען טאקע אזא פערברעכען? הא?...

עס איז איהם געווען שווער צו ריידען און דאך האט ער גע־רעדט:

— שטענדיג רעצעפטען און רעצעפטען... אט א דא ליגען זיי מיר שוין די רעצעפטען... מען איז דאך ניט מעהר ווי א לעבעדי־גער מענש. וואס, ניט אזוי?... נו, האב איך זיך איינמאל ארויסגעריסען... פאסקודנער וויין געווען! כא־כא! אלע מייד־לאך און ווייבלאך ביי די ערשטע נעמען גערופען... נו, איז וואס־זשע? הם... יענע בלאנדע מיט די צוויי לאנגע צעפ איז נאך א מיידעל צו זי איז שוין פערהייראטה? הא? קוק ניט אויף מיר אזוי. מיינסט טאקע, אז זי ליעגט מיר שטארק אין זינען?... גאר ניט, גלאט אזוי זיך. א מענש איז א מענש... הם... גלויב מיר, אז איך וואלט ניט אויסגעביטען איין ליעבליכען בליק פון מיין פרוי, איין שמייכעל פון מיינע קינדער פאר יענע אלע מייד־לאך און ווייבלאך... נאר גאר ניט — א מענש איז א מענש... רעד־זשע אבער מיט איהר, מיט מיין שרה'קען... נו, גוטער ברו־דער, קיין צרות וועלען שוין ניט פעהלען... געדארפט קומען אהיים איינס א זייגער... ווי שטעפט איז יעצט, הא?...

אהיים געבראכט האט מען איהם זעקס א זייגער אין דער פריה. ווי ער האט נאר די טהיר געעפענט און דערזעהן ווי די עלעקטריק ברענט אין אלע צימערען און זיין פרוי, א פערוויינטע און אן אויסגעמאטערטע, דרעהט זיך ארום איבער דער שטוב מיט'ן קלענסטען קינד אויף די הענד און דאס עלטערע קינד ביים

קליידעל, האָט ער זיך גלייך אויסגעניכטערט און, ווי אַ שולדיג אינגעל, אַ קוק געטהאַן אויף איהר...

ריידען אַ וואָרט האָט ער ניט געוואַגט, איז ער שטיל צוגעגאַנגען צו איהר, פאַרזיכטיג און צערטליך זי אַ גלעט געטהאַן איבער'ן קאָפּ און געוואָלט צונעהמען ביי איהר דאָס קינד פון די הענט. ער איז זאָגאַר גרייט געווען איהר צו די פיס פאַלען און זיך בעטען ביי איהר, זי זאָל איהם ענטשולדיגען, אָבער זי האָט איהם פון זיך מיט כעס אָוועקגעשטויסען און גלייך גענומען טענה'ן און שרייען, ביז זי האָט בעקומען היסטערקע...

עס איז איהם אָנגעקומען זעהר שווער זי צו דערמינטערען, ווייל ער האָט זיך אַליין קוים אויף די פיס געהאַלטען. און נאָך דעם האָט ער זיך ווי אַ קליין קינד געבעטען ביי איהר און צוגעזאָגט, אַז מעהר וועט אַזוינס ניט געשעהן. און זי האָט איהם אַלץ געטריבען פון זיך:

— אוועק פון מיר!

דעם גאַנצען טאָג איז ער געשטאַנען אין דראָג סטאָר ווי צומישט און ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. אָברוהען זיך האָט ער ניט געקענט, און זי איז אַלץ געווען ברוגז אויף איהם.

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט זי מיט איהם ניט גערעדט, און אפילו, ווען זי האָט זיך סוף כל סוף מיט איהם איבערגעבעטען, האָט זי איהם ביי יעדער געלעגענהייט געזאָגט, אַז אַזאַ פערברעכען וועט זי איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין...

און ער האָט געהאַט איין טענה:

— אַז אַ מענש זשומט אַמאָל אָב אַ נאַכט, דאַרף מען אַזוי איינלעגען די וועלט?!...

# אן אייביגער פלעק.

אלע בעקאנטע רופען איהם בנימין, אדער מיסטער בורלין, נור זי רופט איהם וועניא.

איז איהר זעהר אנגענעהם צו רופען מיט אזא פערצוויגענעם און צערטליכען נאמען, איהם דעם הויכען, געזונטען און שעהנעם יונגענמאן, פאר וועמען אלע בעקאנטע האבען גרויס אבשיי און רעכנען זיך מיט זיינע שכל'דיגע מיינונגען, וועלכע ער זאגט ארויס מיט פעסטקייט און איבערצייגונג.

— וועניא! וועניא! — חזר'ט זי מיט גרויס הנאה פאר זיך, אין געדאנק — א שעהנער נאמען. א קליין קינד, א צורבאלעוועטעס רופט מען אויך אזוי, און זי רופט איהם — וועניא...

ער האט זי אויך זעהר ליעב געהאט און זיך געפיהלט גע־שמייכעלט און שטאלץ מיט דעם, וואס זי, די שעהנע לעבענס־לוסטיגע קאטיא, וועלכע האט געהאט אזוי פיעל פערעהרער און געליעבטע, האט איהם אויסערוועהלט פון אלע און איז זיינע. כאטש אמאל ווען ער פערטראכט זיך וועגען איהר פערגאנגענהייט, וואס זי האט איהם אליין דערצעהלט, טהוט איהם דאך באנג פארוואס ער איז ביי איהר ניט דער ערשטער...

אנדערע האבען געקושט זיין קאטיא'ן און געוועזן אזוי אינ־טים מיט איהר... — קלערט ער זיך מיט פארדרוס — און ווער ווייסט! אפשר האט זי איהם נאך ניט אלעס דערצעהלט; פרויען זיינען דאך בעשיידען און פערבארגען אזעלכע זאכען, עס בלייבט ביי זיי א שטענדיגע געהיימניס... און ער האט דערפון גרויס עגמת נפש...

ווען ער קושט זי, פרעגט ער אַלץ:

— אַ יאָ, קיינער האָט דיך ניט געקושט אַזוי שטאַרק ווי איך?...

— קיינער ניט, קיינער ניט, — ענטפערט זי ניט גערן און קוקט איהם אין די אויגען אריין פערשעהמט און נאָכפאָרשענד. דערביי בעט זי איהם, אַז ער זאָל מעהר ניט דערמאָהנען „יענע צייטען"; זי אַליין האָט שוין אַלעמען פערגעסען און האָט נור איהם אַליין ליעב...

פערהייראַט זיינען זיי ערשט אַ יאָהר. דאָך טרעפט שוין, אַז זיי צוקריעגען זיך איבער אַ קלייניגקייט. זי ווערט ברוגז, זעצט זיך אוועק ביים פענסטער און קוקט גלאַט אַזוי אין דרויסען ארויס, דוכט זיך איהם אויס אַז זי קלערט וועגען איהרע אַמאָליגע געליעבטע... הויבט ער זיך אָן ארומדרעהען איבער דער שטוב אַ צוטראָגענער, בייסט די אונטערשטע ליפּ, די נעגעל פון די פינגער, קנייטשט דעם שטערן און קוקט אַלע ווייל אויף איהר... זי פיהלט זיינע שאַרפע בליקען און פערשטעהט וואָס ער קלערט יעצט געהט זי צו און הויבט איהם אָן צערטלען.

— נאַרישער! — פּליסטערט זי שטיל — קלערסט שוין ווידער...

זיי בעטען זיך באַלד איבער און נאָכהער שעהמען זיי זיך אַליין, וואָס זיי שענקען אויפמערקזאַמקייט אַזעלכע „נאַרישקייטען"; טאַקע פאַרוואָס פערבאָמערען דאָס לעבען איבער אַזעלכע נישטיגע זאַכען!... זיי זיינען דאָך עפּעס אינטעליגענטע מענשען, וועלכע שטעהן העכער פון דעם — אַזוי מוסר'ן זיי זיך אַליין און בע־שליסען, אַז מעהר וועט אַזוי ניט זיין, נור ווען עס געהט אַוועק אַ לאַנגע צייט, פערגעסען זיי...

באַקאַנטע האָבען זיי זעהר אַ סך, כמעט די גאַנצע רוסיש־אידישע קאָלאָניע אין ניו יאָרק קען זיי און ס'איז גאָר ניטאָ דער אָבענד, אַז ביי זיי זאָל ניט זיין קיין קאָמפּאַניע, און אַלע פיהלען זיך דאָרט פריי, היימיש ווי ביי זיך אין דער היים.

קומט אַמאָל צופאָהרען אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, ברענגט מען איהם באַלד צו די בודלינס, מען פערוואַרפט איהם מיט

פראגען און וואס ער דערצעהלט, הערט מען אוים מיט א מין ציטערדיגער כונה און מען שלינגט יעדעס ווארט... נאכהער רעדט מען וועגען דער רוסישער ליטעראטור; גרויסע שרייבער ווערען נאך גרעסער און קליינע ווערען דא אויך גרוים... מען רעדט וועגען רוסישען טהעאטער, יעדער איינער דערצעהלט, וועל־בע „טהעאטראלנע סילא׳ס„ ער האט געזעהן און ווי גרויסארטיג זיי האבען געשפיעלט, און ווען איינינע זאלען זיך פון צייט צו צייט ניט בעקלאגען אויפ׳ן „היגען לעבען“, וואלט מען געקענט מיינען, אז די חברה וואהנט ניט אין ניו יארק, נור — אין אדעס אדער אין בארקאוו...

קאטיא מיט בנימין׳ען זיינען העכסט צופריעדען מיט זייערע בעקאנטע: יעדען בעגעגענען זיי שטענדיג מיט א פריינדליכען שמייכעל. האט אימיצער א פערביטערט הארץ פון ארבייטס־לאזיגקייט, אדער פון שווערער ארבייט, דערצעהלט ער עס אוים פאר זיי, זיי טרייסטען, לייהען אמאל אוים א פאאר דאלאר — אמת׳ע פריינד.

נור פון איין בעקאנטען — גרישא האט ער געהייסען — איז בנימין ניט צופריעדען און ער וואלט גערן געוואלט, אז ער זאל אויפהערען אריינקומען...

עס פאלט איהם אמאל אפילו איין, אז ס׳איז ניט ארענטליך און טאקע קליינליך אזוי צו קוקען אויף זיינעם אן אלטען גוטען פריינד, מיט וועלכען ער האט זיך יאהרען לאנג געטהיילט מיט אלע איבערלעבונגען, אבער ווען ער דערמאהנט זיך די מעשיות, וואס גרישא פלעגט איהם דערצעהלען איידער ער, בנימין, האט חתונה געהאט, רוקט זיך עפעס אן א שווערער געדאנק און הא־מערט איהם אין קאפ א מורא׳דיגער שווערקייט און ער פיהלט זיך אין אזא לאגע, ווי ער וואלט ערווארטעט דאס אנקומען פון אן אונפערמיידליכען אונגליק...

און ווען ער הויבט אן נאכדענקען וועגען זיין אמאליגער פריינד־שאפט מיט גרישא׳ן קומט ער צום בעשלוס, אז זי איז ניט געווען קיין ערנסטע, וועלכע שטאמט ארוים פון א ריינע הארץ; אפשר

האָט ער פּשוט ליעב געהאַט זיין שטענדיגע פרעהליכקייט, זיין שטאַרקען גלויבען אין זיך זעלבסט, וואָס ער, בנימין באַזיצט דאָס ניט אין אַזאַ גרויסער מאָס; אָדער אפשר—פאַלט איהם איין— האָבען איהם טאַקע פּשוט אינטערעסירט גרישאַ'ס פּיקאַנטע מעשיות.

און ער דערמאָנט זיך ווי ער פלעגט איהם אַמאָל כלומרשט מוסר'ן: „אַך, אַלטער בחור, ביי דיר זיינען שוין קיינע היילינ־קייטען נישטאָ“. און טיעף אין הארצען, אין געהיים, האָט ער איהם מקנא געווען; ער לעבט און געניסט... אָבער יעצט, פיהלט ער, האָט זיך זיין נשמה געלייטערט און ער איז זיכער, אַז ער איז יעצט ווייט־ווייט אַוועק פון גרישאַ'ן און דאָס בעסטע וואָלט געווען — אין גאַנצען איבעררייסען די פריינדשאַפט... ער קען איהם דאָך גאַנץ גוט און ער ווייסט דאָך ווי אַזוי ער קוקט אויף פרויען... איינמאָל האָט ער איהם דאָך אַליין געזאָגט, אַז עס איז גאָר ניט פאַראַן די פרוי אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכע מען זאָל ניט קענען האָבען... די הויפּטזאַך איז — מען דאַרף נור וויסען וועלכע מיטלען אַנצואווענדען און דער ערפאָלג איז זיכער...

היינט וויפיעל מעשיות ער האָט איהם אַנדערצעהלט פון זיין איינענער ערפאַהרונג מיט פערהייראַטע פרויען!

איינמאָל — געדענקט ער — האָט ער איהם דערצעהלט מיט אַ ציניזשען שמייכעלע ווי איהם איז געלונגען אָבצונאַרען זיינעם אַ גוטען פריינד און פיהרען אַ ליבקע ליעבע מיט זיין פרוי. וועלכע אַלע האָבען געהאַלטען פאַר אַן „אונשולדיגען מלאך“.

און ווען ער האָט איהם געפרעגט צי זיין געוויסען פּלאָגט איהם ניט, וואָס ער האָט אָבגענאַרט אַ פריינד, האָט ער זיך צו־לאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ! מאָראַליסט מיינער! איך זעה אין דעם קיין שלעכטס ניט; לעב ווייל עס לעבט זיך, ווייל געניסען קען מען נור דאַן, ווען מען לאָזט פריי די געפיהלען און מען בעפרייט זיך אינגאַנצען פון דער אָנגענומענער מאָראַל...

ער קען נאָך יעצט ניט פערגעסען ווי גרישאַ האָט אַנגעקוואָלען פון דעם גוטען מיטעל, וואָס ער האָט אויסגעקלערט אום צו האַבען ערפאָלג ביי אינטעליגענטע פרויען: קודם כל סטאַרעט ער זיך צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ הויז־פריינד. נאָכהער קומט און מאַכט זיך ווי ער וואָלט גאָר ניט אויסען געוועזען מיט דעם; ער קומט אַ פּאָאָר מאָל אַריין ווען דער מאַן איז ניטאָ אין דער־הייש גלאַט אַזוי, הייסט עס, אַריינגעקומען פאַרבערענגען אַביסעל... ער הויבט אָן רעדען וועגען מאַן און לויבט איהם אין טאָג אַריין, ער דערצעהלט איהם, אַז איהר מאַן איז זיין בעסטער פריינד; ווי ליעב ער האָט איהם, און אַגב זאָגט ער איהר, אַז איהם איז זעהר אַנגענעהם צו זיין באַפריינדעט מיט זיין בעסטען פריינד'ס ווייבעל... ער מיינט, חלילה, גאָר ניט מיט דעם, נור פּשוט אַזוי... אַזוי עטליכע מאָל, ביז זי ווערט צוגעוועהנט צו זיינע וויזיטען. און ווען ער בעמערקט אַז זי הויבט אָן קוקען אויף איהם מיט חשד, בעליידיגט ער זיך כלומרשט און ערקלערט איהר, אַז עס פּאַסט ניט פאַר איהר אַזוי צו דענקען... דאַן קען מען זיך שוין נעהמען די רעכט צו ווערען אַביסעל נעהנטער: אַננעמען אַמאָל איהר האַנד גלאַט אַזוי זיך, פון גוט־פריינדשאַפט וועגען, און דוקא ביי אַזאַ געשפּרעך וואָס האָט גאָר קיין שייכות ניט מיט אַזעלכע זאַכען... אויב זי בעליידיגט זיך, שטעלט מען אָן אַ פּאָר אויגען און מען וואונדערט זיך: זי זאָל אַזוי שמאָל קוקען אויפ'ן לע־בען!... זיך ניט גערינגבט אויף דעם!... באַשר זי איז אַ פרוי, טאָר ער ניט אַננעהמען איהר האַנד? ער איז דאָך פאַרט איהרער אַ גוטער פריינד און פריינדליכע געפיהלען קען מען, נאָך זיין מיינונג, בלויז אויסדריקען מיט אַ גלעט און אפילו מיט אַ קוש... וואָס איז?... און נאָכהער הויבט ער אָן פּרעדיגען, אַז אינטע־ליגענטע מענשען דאַרפען ניט קוקען אויפ'ן פאַמיליען־לעבען אַזוי בעגרענעצט און קורצזיכטיג; מען דאַרף זיך פיהלען פריי און ניט מיינען, אַז די פאַמיליען־נעסט איז שוין אַזוי הייליג, אַז יעדע קליינינגקייט הייסט פערראַטה... און די הויפּטזאַך איז, וואָס ווען ער רעדט מיט איהר וועגען אַזעלכע זאַכען, לאָזט

ער ניט אראב די אויגען ווי א שעהמעוודיגער גימנאזיסטעל, אזוי, אז זי זאל מיינען, אז עפעס אויסערגעוועהנליכעס דארף געשעהן; ער רעדט מיט איהר וועגען דעם ווי פון א גאנץ געוועהנליכער זאך, קוקט איהר גלייך אין די אויגען און גאפט ממש, וואס זי, אזא אויפגעקלעהרטע פרוי, שעהמט זיך גאר ניט צו דענקען אנדערש....

„פערשטעהסטו, — דערמאהנט זיך בנימין גאנץ אפט גרישא'ס ווערטער — איך מאך דערפון א מאדערנעם אידעאל און אינטעליגענטע פרויען האבען א שוואכקייט צו אידעאלען...“

„ער איז א מיאוס'ער ליגנער! — זידעלט יער איהם אין געדאנק — ניט אלע פרויען זיינען דאך אזוי. אט א שטייגער זיין קאטיא! — מאכט ער זיך הארץ — ווען גרישא זאל נור וואגען א קוק טהאן אויף איהר מיט זיין צינשער חוצפה, וואלט ער שוין גלאט ניט אבגעשניטען; זי האט מיך דאך אזוי ליעב!...

„אבער זי האט דאך אנדערע אויך ליעב געהאט!... — גיט איהם א געדאנק א שטאך ווי אן אנגעברענטע שפיזז — און ער קען זיך ניט בערוהיגען; עפעס שרעקט ער זיך...

---

איינמאל אין אן אויף דער נאכט, ווען אלע בעקאנטע זיינען אוועק און גרישא, וועלכער פלעגט שטענדיג זיין דער לעצטער ארויסצוגעהן, איז שוין געווען פון יענער זייט טהיר, האט בנימין פערשלאסען די טהיר פון אינעווייניג, שטארק א קלאפ געטהאן מיט'ן שליסעל, ווי ער וואלט זיך מיט דעם געוואלט נוקם זיין אן גרישא'ן; זאל ער כאטש הערען ווי ער פערשליסט זיך מיט קאטיא'ן און ער, דער אלטער בחור געהט אהיים, וועט זיך לעגען שלאפען אליין אויף א פרעמדען קישען און קלערען פון איהם מיט קנאה... זאל אין איהם די גאל צושפרונגען ווערען!...

ער האט ווילד הנאה געהאט פון דעם אויפטהו און פאר גרויס שמחה האט ער אינגאנצען פערלאשען די גאז, זיך אוועקגעזעצט מיט קאטיא'ן ביים אפענעם פענסטער. ער האט זי פעסט ארומ־

גענומען אוןביידע האָבען זיי געקוקט געמיטהליך אין גאַס אריין, וואו דער טומעל פון קינדערשע קולות און לויפענדע קאַרס איז געוואָרען אַלס שטילער, זעלטענער און איהם האָט זיך זעהר גע־וואָלט, אַז גרישא זאָל זעהן ווי ער זיצט מיט קאַטיאַ'ן אין דער פינסטער, ווי זי לאַסטשעט זיך צו איהם און — זאָל ער וויסען ווי היים זי ליעבט איהם!...

מיט אַמאָל פאַלט איהם איין אַ געדאַנק, אַז אינאַנצען אויפ־הערען צו ליעבען איז לחלוטין אונמעגליך, ווייל די ליעבע פער־שאַפט אָפטמאָל אַזעלכע זיסע, אנגענעהמע מאָמענטען, וועלכע שמעמפלען זיך אַזוי שטאַרק אָב אין מח און אין הארצען, אַז פערגעסען זיי קען מען בשום אופן ניט, אפילו דאַן, ווען די לי־בענדע פערזאָן פערשאַפט אַ סך יסורים... ער דערמאָהנט זיך די אויסגעשטערנטע זומער־נעכט, ווען ער פלעגט, נאָך אין דער היים, זיצען מיט קאַטיאַ'ן אויפ'ן באַלקאָן ביז העט שפעט. זי פלעגט זינגען „וו'גלובאקאי טיעסניניע דאַריאַלאַ„ און ער פלעגט אַקאָמפּאַנירען אויף אַ גיטאַרא, און די טענער האָבען קאָנוואולסיוו געוויברירט אין דער נאַכט־שטילקייט, און פּלוצים פלעגט קאַטיאַ'ס פאָטער ארויסרוקען דעם קאָפּ דורכ'ן פענסטער און אַ זאָג טהאָן מיט אַ בייזער: „קאַטיאַ! מעגסט שוין געהן שלאָפען; גענוג געזונגען.“ און אויף איהם פלעגט ער אפילו קיין קוק ניט טהאָן... נאכהער פלעגען זיי זיך אָנהויבען געזעגענען; זי פלעגט אַלץ זאָגען: „נו, נאָך איין קוש און — געה אַהיים“. אַזוי אָהן אַ שיעור מאָל...

— נו, אַזעלכע מאָמענטען קען מען דען פערגעסען? — שטעלט ער זיך אַליין די פראַגע — געוויס ניט!... ובפרט אַ פרוי פערגעסט אודאי ניט, ווייל אַ פרוי איז מעהר געפיהלפול, מעהר סענטימענטאַל, און די ליעבע פילט אוים איהר גאַנצען לעבען“. ער האָט דאָס דאָך בפירוש געלעזען ביי מאַקס נאָרדאַו'ן...

ער האָט אָנגעהויבען גלעטען איהרע האָר און פּלוצים האָט זיך איהם שטאַרק פערגלוסט אַ שטיף צו טהאָן און ער האָט כלומרשט אַז איבערגעשראָקענער אַ זאָג געטהאָן:

— קאַטיאַ! דער טאַטע גיהט!

צוערשט האָט זי זיך טאַקע אויף אַן אמת דערשראָקען; זיך אַ וואָרף געטהאָן און באַלד האָט זי זיך צולאַכט:

— משוגענער! ער האָט זיך דערמאָהנט...

— אָבער יעצט זיינען זיי מיר פריי! — האָט ער אָנגעקוואָלען — אַליין אין שטוב, אין דער פינסטער, און קיינער שטערט ניט; קוש וויפיעל דאָס הארץ געלוסט, טהו, וואָס דו ווילסט — אַ חיות...

זי האָט אַ צופריעדענע געשמייכעלט.

— און ווי געפעלען דיר אונזערע בעקאַנטע? — האָט ער פון דער העלער הויט אַ פרעג געטהאָן, און האָט זיך באַלד באַ־דענקט, אַז עס איז נאַריש איבער־אַ־נייעס צו פרעגען וועגען אַזעלכע בעקאַנטע, וועגען וועלכע זיי האָבען שוין אָהן אַ שיעור מאָל גערעדט...

— אַלע זיינען גאַנץ פיינע מענשען, אונזעריגע. — האָט זי געענטפערט קורץ און האָט זיך צערטליך געטוליעט צו איהם.

— נו, און ווי געפעלט דיר עפּעס גרישאַ? — האָט ער ווייטער ווי אַ געצוואונגענער געפרעגט נייגעריג.

— ער איז אויך אַ גאַנץ וואוילער יונגערמאַן, און דערצו נאָך אַ לעבענסלוסטיגער. איך האָב ליעב לעבענסלוסטיגע מענ־שען. — האָט זי צוגעגעבען, גאָר ניט מיינענדיג מיט דעם.

— יאָ, ער איז טאַקע אַ וואוילער. — האָט ער אָנגעהויבען שטאַמלען — אָבער...

— וואָס אָבער? — האָט זי עפּעס פערוואונדערט געפרעגט, אריינקוקענדיג איהם שאַרף אין די אויגען...

ער האָט איהר געוואָלט דערצעהלען וואָס פאַר אַ ציניקער גרישאַ איז, און וואָס פאַר אַ מעשיות ער פלעגט איהם דערצעה־לען, נור עפּעס האָט ער זיך געשעהמט צו רעדען אויף זיין אַלטען פריינד; זי וועט נאָך דענקען, אַז עס איז קליינליך. חוץ דעם וועט ער אַליין אויך אַרונטערפאַלען אין איהרע אויגען און זי וועט שוין מעהר ניט קוקען אויף איהם ווי אויף אַן אונשולדיגען מלאך... זי וועט איהם חושד זיין אין ווער ווייסט וואָס און זי וועט זיך

מעהר ניט פיהלען שולדיג געגען איהם איבער איהר פערגאנגענ־הייט. ער האט געענטפערט פארלעגען:

— יא, ער איז טאקע א וואוילער, אבער... ער איז שוין אן אלטער בחור, צום שווארצען יאהר...

— כא־כא־כא!—האט זי זיך צולאכט ווי דאס וואלט ביי איהר געווען א נייעס — אן אלטער בחור און דאך אזא לעבענסלוסטי־גער... א מערקווירדיגע זאך! און ווייסטו גאר וואס? — האט זי זיך אנגעהויבען וויצלען — לאמיר איהם גאר רעדען א שדוך... צווישען אונזערע בעקאנטע וועלען מיר אויסקלייבען א „פאאר" פאר איהם, אט, למשל, קלארא'ן... כ'לעבען, א גלייכער שדוך...

— ווי געוואונשען! — האט ער מסכים געווען אויפ'ן שדוך, און דערביי האט ער געקלערט, אז ווען גרישא זאל חתונה האבען, וואלט אפשר טאקי געווען בעסער...

פון יענעם אבענד אן איז בנימין נאך אונרוהיגער געווארען; קאטיא'ס ווערטער זיינען איהם גאר פונ'ם קאפ ניט ארויס: „ער איז א לעבענסלוסטיגער. איך האב זעהר ליעב לעבענסלוסטיגע", און בכלל האט זיך איהם געדאכט, אז זי האט גערעדט וועגען גרישא'ן עפעס ווי ניט גלייכגילטיג... ער האט אפילו פערשטא־נען, אז זי האט גאר ניט געמיינט מיט דעם. וואס האט זי דען געזאגט? ווען זי זאל דאס זאגען וועגען אן אנדערען, וואלט איהם ניט געארט, אבער — גרישא...

ער האט אנגעהויבען זוכען מיטלען ווי איהם געבען אנצוהער־רענים, אז ער זאל אויפהערען קומען. אבער זאגען איהם פשוט: „גוטער ברודער, זיי אזוי גוט און זייַ אין דער היים, און פארוואס, דארפסטו שוין אליין וויסען" — איז דאך עפעס ניט; ער וועט דאך קוקען אויף איהם ווי אויף א פייגלינג און ווי אויף א ניעדער־ריגערען פון זיך, א סימן — ער האט מורא פאר איהם, און דאס איז איהם ניט אנגעשטאנען און חוץ דעם, האט ער זיך געשעהמט פאר קאטיא'ן...

איז ער געפאלען אויף אן אנדער המצאה: ווען די גאנצע חברה פלעגט וועגען וואס־עס־איז רעדען און גרישא האט, פערשטעהט

זיך, אויסגעשפּראָכען זיין מיינונג, האָט בנימין געמוזט זאָגען פאַר־קעהרט...

אָפּטמאָל, ווען בנימין פלעגט קומען אהיים און טרעפען א גאַנצע קאָמפּאַניע, האָט ער יעדען ווארים דערלאַנגט די האַנד, נור גרישא'ן, וועלכער פלעגט שטענדיג זיצען אויף'ן דיוואַן אין א ווינקעל, האָט ער כלומרשט ניט דערזעהן...

— סלאַנאַ ניע זאַמיעטיל. — פלעגט גרישא א זאָג טהאָן אין שפּאַס און גראַציעז א הויב טהאָן דעם קאָפּ אַזוי, אַז צוויי לאָקען פון זיינע שווארצע לאַנגע האָר זיינען שעהן אראָבגעפאַלען פון ביידע זייטען שטערן.

— איך האָב דיך גאָר ניט געזעהן. — פלעגט בנימין ענטפערען און פערלעגען צוגעבען:

— דו ביזט גאָר ניט אזא העלפאַנט ווי דו מיינסט...

דערביי האָט ער שטענדיג בעמערקט ווי א נייעס, אַז גרישא האָט טאַקע אין דער־אמת'ען צוויי שעהנע אויגען און ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט אזא ערפאָלג ביי פרויען...

— וואָס דען בין איך? — פלעגט גרישא פרעגען מיט א שמייכעל.

— פּשוט א גאָרניט...

אַלע פלעגען זיך צולאַכען: גוט געטראָפען; זאָל ער זיך ניט איבערנעהמען...

— פאַרוואָס בעליידיגסטו אַלעמאָל גרישא'ן? — האָט איהם קאַטיא איינמאָל געפרעגט.

— ווייל איך האָב איהם פיינד. — האָט ער געענטפערט ניט גערן.

— ער איז דאָך דיינער א פריינד? — האָט זי זיך געוואונ־דערט.

— אַמאָל איז ער געווען מיין פריינד, אָבער יעצט איז ער מיר נמאס. — האָט ער געענטפערט מיט גיפט און איהם האָט שטאַרק בעאונרוהיגט, וואָס זי נעהמט זיך אַז גרישא'ס קריוודע...

— פאַרוואָס?

— ווייל — האט ער אנגעהויבען רעדען מיט כעס — כ'האב פיינד די צוקנייטשטע אינטעליגענטען, וועלכע קומען קיין אמעריקא און וואלטען וועלען אז געבראטענע פויגעלעך זאלען זיי אריינפליהען גלייך אין מויל אריין. באשר וואס, אין רוסלאנד איז ער געווען א עקסטערן, געהאט א פאר גראשענדיגע אוראקען' געפאהרען צו עקזאמענס, געשפאציערט מיט מיידלעך און — גע'חלום'ט וועגען אן אוניווערזיטעט... אט בין איך דאך אויך געווען אזא יחסן אין דער היים, האט ער א זאג געטהאן באריהמעריש — טו, איז וואס־זשע! פארוואס פלאפעל איך ניט וועגען דעם, אז „דאס היגע לעבען איז עפעס אהן א זאפט, אהן א נשמה און אהן א אידעאל"... מאדנע ברואים! האבען אויסגע'חזר'ט שעהנע פראזען און ווארפען זיי צי מען דארף, צי מען דארף ניט... שטענדיג בענקען זיי נאך „יענעם לעבען", מען פעדעלט מיט בענקענים, מיט הארץ־ברעכעניס און מיט אנדערע סענטימענטאלע' געפיעטשטשעטע צרות... ס'הויבט דאך אן עקלען פון אזעלכע ברואים, ווי אינטעליגענט זיי זאלען ניט זיין און... איך האס זיי.

— פון איין זייט איז דאס אפילו ריכטיג, — האט זי איהם נאכגעגעבען — אבער ער איז דאך ניט דער איינציגער צווישען אונזערע באקאנטע; עס זיינען דאך פאראן אסך אזעלכע, און אפשר האבען זיי טאקע העכערע פאדערונגען און קענען זיך טאקע בשום אופן ניט צופאסען צום היעגען לעבען און זיי פיהלען זיך פרעמד...

— וואס העכערע פאדערונגען! — האט דאס איהם שוין פערדראסען — זיי זיינען פשוט לא־יצלח'ס גרויסע, מענשען מיט צוריסענע נשמות!... און פיהלענדיג זיך שולדיג פאר'ן אייגענעם געוויסען, שפיעלען זיי א ראלע פון מארטירער... אבער גאנצע מענשען אמת'ע אינטעליגענטען דארפען קענען לעבען אומעדום אין אלערליי אומשטענדען!

איינמאל, ווען בנימין איז פארנאכט אהיים געקומען, האט איהם קאטיא דערצעהלט, אז בייטאג איז דא געווען גרישא...

— נו? — האט ער א פרעג געטהאן א צוטומולטער און האט

מיט איבערגעשראקענע אויגען געקוקט אויף איהר — ער איז דא לאנג געזעסען?

— א שטונדע אונגעפעהר. — האט זי געענטפערט, און האט ניט געקענט פערשטעהן פארוואס ער האט זיך אזוי דערשראקען.

— וואס האט ער געזאגט?

— ער האט זיך געקלאגט פאר מיר, פארוואס דו ביזט געווארען צו איהם אזוי קאלט ווי א ווילד־פרעמדער און ער ווייסט ניט פאר־וואס, און אז עס טהוט איהם הארציג באנג, וואס דו, זיין בעסטער פריינד' וועמען ער האט אזוי ליעב' קוקט עפעס אויף איהם ווי אויף א שונא...

בנימין איז געבליעבען שטעהן א צוקאכטער; די פינגער פון די הענד האבען זיך ווי פון זיך אין שטארקע פויסטען צונויפגע־פרעסט, די בלוט האט האסטיגער גענומען לויפען אין די אדערען, א כעס'דיגער געפיהל האט זיך ווי הייסער שטראם צוגאסען אין הארצען, און די אויגען זיינען געבליעבען שטעהן ווי פערגליווערטע, נור געקוקט האבען זיי אזוי בייז ווי אט־אט וועט ער זיך אויף אי־מיצען ארויפווארפען ווי א ווילדער...

— אזא ציניקער! — האט ער פון אויפרעגונג געקריצט מיט די צייהן, און בשעת מעשה איז ער געווען זיכער, אז גרישא וויל שוין אנהויבען פיהרען א לינקען ראמאן מיט זיין קאטיא'ן...

— וואס איז מיט דיר? — האט זי זיך דערשראקען און האט זיך געפונען בעליידיגט...

— וואלט ער אינגאנצען אויפגעהערט אריינקומען, וואלט ער גלייך געטהאן... אזא ציניקער! — האט ער זיך אלץ געערגערט.

— פארוואס איז ער ערגער פון אנדערע? — האט זי געפרעגט פארזיכטיג ניט אראבנעהמענדיג די אויגען פון איהם — עס קומט דאך אמאל בייטאג אריין סאלאמאן אויך און אנדערע בעקאנטע יונגע לייט און עס ארט דיך גאר ניט....

בנימין האט א ווייזע געקלערט; עפעס האט ער זיך גע־שעהמט דערצעהלען קאטיא'ן, פארוואס ער איז אויף גרישא'ן אזוי אויפגעטראגען, ענדליך האט ער בעשלאסען און געזאגט:

— איך האָב איהם פיינד, ווייל דער ציעל פון זיין אריינקומען איז בלויז צו פערפיהרען מיט דיר אַ ליבקען ראָמאַן; ער איז אַ ציניקער און מעהר גאָר ניט... איך קען איהם גוט...

— נאַרישער! — האָט זי זיך צולאַכט און האָט איהם אָנ־געהויבען בערוהיגען — מאַלע וואָס ער איז אויסען... און איך האָב שוין גאָר קיין דעה ניט... אַ געלעכטער, כ'לעבען...

בנימין האָט זיך אַליין בערוהיגט, נור באַלד האָבען גרישאַ'ס אַמאָליגע מעשיות זיך ווידער גענומען יאָגען און זיין געדאַנק ווי די בייזע טייוואָלים און האָבען איהם געשראָקען. ער האָט אָנגעהויבען קלערען וועגען קאַטיאַ'ס פערגאַנגענהייט, וועגען איהר כאַראַקטער, וועגען פרויען בכלל און אַזוי פיעל געדאַנקען האָבען זיך כאַאָטיש געמישט אין קאָפּ:

...„פרויען זיינען אימער געטריי אין ליעבע... פרויען זיינען לייכטזיניג... פרויען זיינען אייביגע געהיימניסע... פרויען האַל־טען ניט קיין סוד...„

— צום טייפעל! ס'אַרא פּלאָנטער! אַ וועלט מיט ביכער איבער פרויען־פּסיכאָלאָגיע, און קיינער הויבט ניט אָן וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי די פרויען אין די געדאַנקען און אין הארצען... יעדער געלעהרטער האָט גענומען זיין פרוי אַלס ביישפּיעל און האָט געשריעבען וועגען פרויען־פּסיכאָלאָגיע... היינט גיי דערגעה אַן עק! ווער קען אַ שטייגער וויסען, וואָס זיין קאַטיאַ דענקט?... זי איז אַ ליידענשאַפטליכע, דאָס ווייסט ער...

מענשען דערעסט זיך די איינפאַרביגקייט... דאָס ווייסט ער אויך, אַט געהט ער אַליין אַמאָל אין גאַס און באַוואונדערט די שעהנע פרויען, וואָס געהען פאַרביי... זיינע אויגען שטעלען זיך אָב אויף די בולט'ע ליניען פון די שעהנע פרויען־קערפּערס... ער רעדט זיך איין, אַז דאָס מאַכט ניט... אפשר נאַרט ער זיך און פרויען האָבען זיך פיינד צו נאַרען ווען זיי האָבען די געלעגענ־הייט... דאָס בעסטע וואָלט געווען — איז ער ענדליך געקומען צום בעשלום — אַז גרישאַ זאָל אויפהערען אריינגעהן!...“

ער האָט געבעטען קאַטיאַ'ן אַז זי זאָל איהם זאָגען, אַז זי וויל

ניט ליידען זיינע וויזיטען, האָט זי איהם ערקלערט, אַז ס'איז ניט שעהן אַזוי צו האַנדלען; ער האָט זי דען בעליידיגט? און חוץ דעם וועט ער דאָך קוקען אויף איהר ווי אויף אַ קליינשטעדטעלדיגער בעל־הבית'טע... און מיט רעכט... ער אַליין וועט איהם אודאי ניט זאָגען; יענער וועט זיך נאָך נאָכהער באַריהמען, אַז ער, בנימין, דער העלד, האָט מורא געהאַט פאַר איהם, ער וועט איהם מאַכען צו שפּאַט, און אַלע וועלען קוקען אויף איהם ווי אויף אַ קליינליכען מענשען, ווי אויף אַ נאַר. דאָס פּאַסט ניט.

— דאָך זאָלסטו זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט איהם! — האָט ער איהר געראָטהען און אין זיין שטימע האָט זיך געפיהלט געבעט...

אַ קורצע צייט איז אַוועק. גרישאַ פּלעגט אַלע בייטאָג אַריינקומען צו קאַטיאַ'ן פערברענגען אביסעל מיט איהר, אַלע מאָל האָט ער אויסגעזוכט עפּעס, וועגען וואָס זיך צו עצה'ן מיט איהר ווי מיט אַ נאָהענטען פריינד, וועמען מען פערטרויט אַלע סודות און פּאַמעלעך האָט ער אָנגעהויבען אָנווענדען זיין שטענדיגע טאַקטיק...

קאַטיאַ איז מיט דער צייט צוגעוועהנט געוואָרען צו זיינע וויזיטען, און ווייל בנימין האָט איהר פריהער דערצעהלט דעם ציעל פון גרישאַ'ס וויזיטען, האָט זי אַלע מאָל, רעדענדיג מיט איהם, עפּעס ערוואַרטעט... אַ שטאַרקע נייגעריגקייט האָט אַרומגעכאַפּט איהר גאַנצען וועזען, און גאָר ניט באַמערקענדיג פאַר זיך אַליין, האָט זיך די נייגעריגקייט שפּעטער פערוואַנדעלט אין אַ שטילע, שעמעוודיגע בענקעניס...

זי האָט זיך מעהר אָנגעהויבען איינקוקען אין גרישאַ'ן, ווי ער וואָלט טאַקע אין דער אמת'ען זיין אַן אויסערגעוועהנליכער מענש... עס האָט איהר אָנגעהויבען געפעלען דער ענערגישער אויסדרוק פון גרישאַ'ס פּנים, ווי דאָס וואָלט געווען ביי איהר אַ נייעס, פון זיינע אויגען — האָט זיך איהר געדוכט — קוקט אַרויס עטוואָס פערבאָרגענעס און זי האָט בעקומען אַ שטאַרקען חשק

צו וויסען אַלעס... וואָס? — דוכט זיך גאָר ניט דאָס, וואָס בנימין האָט איהר דערצעהלט, נור עפּעס אַזעלכעס, וואָס אַמאָל ווייסט זי ניט און אַמאָל האָט זי עפּעס מורא עס אָנצורופען מיט'ן ריכטיגען נאָמען...

אין אָבענד פלעגט גרישא קומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער חברה, אַזוי ווי אַלע מאָל... בנימין האָט געוואוסט פון גרישאַ'ס בייטאָגעדיגע וויזיטען, קאַטיא אַליין פלעגט איהם אַלע טאָג דער־צעהלען, און כאָטש זי האָט איהם פערזיכערט, אַז זי האַלט זיך אַזוי, אַז גרישאַ קען גאָר אויף איהר אַנדערש ניט קוקען ווי נור אויף אַ פריינד, דאָך פלעגט ער בייטאָג שטעהן ביי דער ארבייט, ווי אַ צוטומעלטער און זיין פאַנטאַזיע, וועלכע האָט זיך שטענדיג גע־טראָגען ארום דעם איינעם געדאַנק, האָט איהם פאָרגעשטעלט אַזעלכע בילדער, אַז ער אַליין האָט זיך געשעהמט צו קלעהרען אַזוי וועגען זיין קאַטיא'ן...

— אַזאַ לעדיג געהער! — האָט ער זיך געבייזערט אין גע־דאַנק — געהט זיך ארום פוסט־און־פּאַס און האָט אין זינען דער רוח ווייסט וואָס... ער ארבייט דאָ אַזוי שווער, און יענער זיצט זיך דאָרט מיט זיין קאַטיא'ן...

— און ווער ווייסט? — לויפט איהם איבער אַ געדאַנק — אפשר דערצעהלט איהם קאַטיא ניט דעם אמת... און ליידענשאַפט איז דאָך אַ זאַך, וואָס פער'שכור'ט דעם פערשטאַנד... ובפרט נאָך קאַטיא... אַזאַ ליידענשאַפטליכע ווי זי איז!... אַמאָל איז זי גאָר ברוגז אויף איהם איבער אַ נאַרישקייט, קען זי פּשוט פאַר פערדרוס און אוים צולהכעיס ארויסווייזען גרישאַ'ן מעהר פריינדשאַפט, און דאַן... דאַן איז דאָך געגוג, אַז זי זאָל אויף גרישאַ'ן נור אַ קוק טהאָן צו מילד, וועט ער באַלד אָנהויבען פרע־דיגען זיינע אידעען און — פאַרטיג...

— אַ פאַלשע וועלט! — האָט ער געקלערט מיט פערדרוס — דאָס פּאַסט ניט צו טהאָן און דאָס איז ניט שעהן צו טהאָן; שטענדיג איז מען געפּענטעט אינ'ם עטיקעט... אָט יעצט, וואָלט ער דאָך גאָר געדאַרפט לויפען אַהיים, אַריינקומען אין שטוב אַריין אַ בייזער,

אַ טופּע טהאָן מיט'ן פּוס און אויסשרייען מיט רציחה אויף גרי־שאַ'ן: „וואָס פון דאַנען!" און — פּטור...

און אפשר וואָלט ער טאַקע יעצט, ווען זיי זיינען ביידע אַליין אין שטוב, דערקענט אינ'ם אויסדרוק פון זייערע פּנים'ער, אַז קאַטיאַ נאַרט איהם אָב?...

אָלע פאַרנאַכט, ווען בנימין קומט אַהיים אַ מיעדער, איז זיין ערשטע פראַגע:

— נו, וואָס האָט עפּעס גרישאַ היינט געזאָגט?

— גאָר ניט. — האָט קאַטיאַ די לעצטע צייט אָנגעהויבען ענטפערן מיט אַ געמאַכטער אונשולד — ער איז געזעסען אַביסעל גערעדט פאַרשיעדענעס און איז אַוועק...

און איינמאָל האָט זי איהם גאָר, מיט אַ ניט־זיכערען טאָן, געענטפערט, אַז היינט איז גרישאַ ניט געווען... ביי בנימין'ען איז דאָס אויסגעקומען חשוד'דיג; איהם האָט זיך געדוכט, אַז זי הויבט שוין אָן פערלייקענען, און וויפיעל ער האָט זיך ניט געסטאַרעט זיך איינרעדען, אַז קאַטיאַ איז ריין פון פאַרראַטה, האָט ער דאָס ניט געקענט. און די הויפּטזאַך, וואָס האָט איהם אַי־בערצייגט, אַז זיין חשד איז ניט אומזיסט, איז געווען דאָס, וואָס קאַטיע איז די לעצטע צייט געוואָרען עפּעס צופיעל צוגעלאָזט צו איהם... זי צערטעלט איהם שוין צופיעל; ניט אַנדערש, נור זי פיהלט זיך אודאי שולדיג געגען איהם...

און ווען גרשאַ האָט אינגאַנצען אויפגעהערט אריינקומען, איז ער נאָך אונרוהיגער געוואָרען:

דאָס איז אַ שלעכטער סימן...

און איינמאָל, ווען ער האָט גרישאַ'ן בעגעגענט אין גאַס, האָט זיך יענער פאַר איהם שוין עפּעס צו העפליך אַ נויג געטהאָן און זיינע אויגען האָבען נצחון'דיג געקוקט אויף איהם, ווי ער וואָלט זיך מיט איהם גערייצט: „אָבער איך האָב מיינס אָבגעטהאָן; קאַטיאַ איז ניט נור דיינע..."

פון דאָן אָן האָט זיך די אייפערזוכט נאָך מעהר צוברענט אין

איהם. טאָג ווי נאַכט האָט ער געקלערט וועגען דעם, און ער האָט געפיהלט ווי דער מוח הויבט זיך איהם און דאָס האַרץ ברענט...

— זאָג מיר דער אמת, קאַטיאַ, — איז ער איינמאָל צוגע־שטאַנען צו איהר, און אין מיטען־דערינען זיינען זיינע ווערטער פערשטיקט געוואָרען אין האַלז און ער האָט ניט געקענט ענדיגען.

— נור דעם אמת!...

זי האָט גאָר ניט געענטפערט, נור אַ שולדיגע אַראָבגעלאָזט די אויגען און זיך פונאַנדערגעוויינט — — — — — — — —

בנימין איז געבליעבען שטעהן אַן אַנעצונדענער. אין מח האָט זיך איהם עפּעס שטאַרק אַ טרייסעל געטהאָן, און אַ ווילדע קראַפט, וואָס האָט מיט אַמאָל אַנגעצויגען זיינע אַלע מוסקולען, האָט איהם געשטופּט ארויפצוואַרפען זיך אויף איהר ווי אַ צורייצטער און זיך אַריינגראָבען מיט די צייהן אין איהר ליב, בייסען די אַלע ערטער, וואו יענער האָט זיך צוגעריהרט, אָדער רייסען אויף זיך אַליין די קליידער, און די האָר פון קאָפּ...

אָבער געשטאַנען איז ער ווי אַ געפּלעפּטער און האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט... מיט שטרענגע, בייזע בליקען האָט ער געקוקט אויף איהר און געטראַכט האָט ער, אַז צווישען איהר און איהם איז אַלעס געענדיגט; זיי מוזען זיך שיידען — — — — — — — —

עטליכע טעג זיינען אַוועק און בנימין האָט צו קאַטיאַ'ן קיין וואָרט ניט געוואָלט רעדען. נור ווען ער פלעגט נור אַריינקומען אין שטוב אריין, איז זי פון איהם ניט אָבגעטראָטען, אויף די קניע איז זי פאַר איהם געפאַלען און געבעטען, אַז ער זאָל איהר מוחל זיין; אָבער ער האָט זי אָבגעשטויסען פון זיך:

— בעזסטידניצאַ! — האָט ער צווישען די צייהן געברומט.

— איך בין שולדיג, שולדיג. — האָט זי צוגעגעבען. — איך וויים ניט, וואָס עס איז געווען מיט מיר...

ער האָט אויף איהר אַ בייזען בליק געוואָרפען און האָט גאָר ניט געענטפערט, נור געטראַכט האָט ער, אַז די ליידען פון ליעבע זיינען אַלעמאָל שטאַרקער ווי דער גענוס... אין געדאַנק האָט ער צו־געגלייכט אַלע גוטע, אַנגענעהמע מאָמענטען, וואָס ער האָט גע־

האָט זינט ער האָט ליעב קאַטיאַ'ן, מיט דעם יעצטיגען מאָמענט. ווען ער פיהלט, אז דער גאַנצער לעבען זיינער איז צובראָכען — און אַלע יענע גוטע מאָמענטען זיינען ווי רויך פערשוואונדען...

— גלויב מיר, אַז איך האָב דיך ליעב. — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמעלט, און האָט זיך געשעהמט אַרויסצוזאָגען דאָס וואָרט „ליעב".

— ס'איז אַ ליגען! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן און זיך ווי אַ פעררוקטער אָנגעהויבען אומדרעהען הין און הער...

— ניין. ס'איז ניט קיין ליגען! — האָט זי מיט אַמאָל בע־קומען קוראַזש, דערשרעקענדיג זיך פאַר זיין געשריי — ווייסט ניט ווי מיין געוויסען פּלאָגט מיך... דאָס האַרץ וועט אין מיר פּלאַ־צען... איך האָב זיך ניט געקענט בארוהיגען ביז איך האָב זיך פאַר דיר מודה געווען... אָט דאָס איז דאָך שוין אַ סימן, אַז איך האָב דיך ליעב...

מעהר האָט זי ניט געקענט רעדען און זי האָט זיך צוכליפּעט אויפ'ן קול...

דאָס האָט בנימין'ען געריהרט; זי איז דאָך טאַקע גערעכט; ווען זי זאָל איהם ניט ליעב האָבען, וואָלט זי דאָך יענעם ניט אַרויסגעטריעבען... און ער זעהט דאָך, אַז זי געהט אַרום אַ פער־דאַגה'טע, זי איז דאָך אַ האַלב מענש געוואָרען... געוויס האָט זי איהם ליעב; דאַרף מען דען נאָך האָבען אַ בעסערען באַוויין? — און יעצט וועט זי איהם נאָך מעהר ליעבען — האָט ער זיך נאָך מעהר אָנגעהויבען בערוהיגען — זי וועט זיך שטענדיג פיהלען שולדיג געגען איהם און זי וועט דאָס וועלען פערגלעטען מיט טרייער, אמת'ער ליעבע... זי קען דאָך טאַקע ליעב האָבען אַזוי שטאַרק! — — — — — — — — — — —

---

ער האָט איהר מוחל געווען. אַזוי האָט ער געזאָגט. נור ווען ער פלעגט זי אַנהויבען צערטלען, ווען ער פלעגט אַנריהרען איהר הוילען קערפּער, האָט ער זיך ניט געקענט בעפרייען פון דעם

געדאנק, וואס האט איהם אונאויפהערליך געקלאפט אין קאפ ווי א שווערער האמער: „אט דא איז געווען יענעמס האנד... דא האט יענער אויך געקושט..."

מיט א ווילדער ליידענשאפט פלעגט ער זי איינקרעמפפען אין זיינע ארעמס, ווי ער וואלט זיך מיט דעם וועלען אן אימיצען נוקם זיין... און וויפיעל ער האט זיך ניט געסטארעט ניט צו קלעהרען וועגען דעם, האט ער ניט געקענט. און געפיהלט האבען זיי ביידע, אז דאס וועט בלייבען אן אייביגער פלעק און וועט זיי פער'סם'ען דאס גאנצע לעבען — — — — — — — — — — — — — —

# מיט זיך אַליין.

שפּעט ביינאַכט, ווען אין גאַס איז שוין געווען פּוסט און שטיל און פון די שויבען האָט קיין איינציגע שיין ניט אַרויסגעקוקט, האָבען זיך מיט אַמאָל דערהערט האַסטיגע טריט; עפּעס אַ יונגערמאַן מיט אַ ווייכען הוט פעררוקט ביז'ן נאַקען און מיטביידע הענד אין די קעשענעס, האָט געשפּאַנט שנעל און פערשמייעט, ווי ער וואָלט זיך נור וואָס פון ערגיץ מיט געוואַלט אַרויסגעריסען.

פון אַן אָפענעם פענסטער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קאָפּ מיט צושויבערטע האָאָר.

— פּס־ס־ס!

דער יונגערמאַן האָט זיך אומגעקוקט, זיך געלאָזט געהן צוריק ניט גערן און קוקענדיג אַרויף צום אָפענעם פענסטער, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעקוקט דער צושויבערטער קאָפּ, האָט ער ניט צופרידען אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס איז שוין ווידער? זאָג שנעלער, איך בעט דיך! איך וויל שלאָפען — איך שטאַרב.

— פאַרגעס ניט צו קומען מאָרגען אויף דער נאַכט! — האָט זיך פון דער הויך דערהערט אַן איינגעהאַלטענע, שטילע שטימע.

— וואָס פאַר אַ טייוועל איז היינט מיט דיר, נחום! — האָט זיך דער יונגער מאַן געבייזערט, — אַלע ווײַלע רופסטו מיך צוריק. איך האָב דיר דאָך שוין עטליכע מאָל געזאָגט, אַז איך וועל קומען. נו, האָסט מעהר גאָרניט וואָס צו זאָגען? אַ גוטע נאַכט! און ער האָט אַוועקגעשפּאַנט נאָך שנעלער ווי פריהער.

— אַ גוטע נאַכט! געדענק זשע! גאָר אָהן אַ תירוץ! מאָר־גען אויף דער נאַכט! — האָט איהם נחום נאָכגעשריען צו־וואָר־פענע ווערטער און האָט איהם נאָכגעקוקט ביז ער האָט זיך, ביים ראָג גאס פערקירעוועט אין אַן אַנדער זייט.

אויפ'ן הימעל האָבען זיך, אין איין זייט, אַ גאַנצע מחנה גרויע וואָלקענס צונויפגערוקט איינער אויפ'ן אַנדערן און געלעגען פעסט און זיכער. ווייטער האָבען זיך דאָ און דאָרט געצויגען קליינינקע וואָלקענדלאַך, ווי פערגעסענע אין מיטען וועג. אָט האָבען זיך צוויי בעגעגענט, זיך בעהעפט איינס מיט'ס אַנדערע, אויסגערינצעלט פערשיעדענע פיגורען אין דער טיעפער גרויקייט, גערוקט זיך פאַמעלאַך אין דער לענג און אין דער ברייט הימעל, גלאַט אַזוי זיך — אָהן אַ ציעל, און פּלוצים זיך צושיידט, זיך צו־ריסען אויף שטיקער און קליינינקע שטיקלאַך און — צו נישט געוואָרען...

נחום האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן הימעל, אַ קלעהר געטהאָן: „סאָר'אַ שעהנע נאַכט!" און פערמאַכט דעם פענסטער...

ער האָט אַביסעל איינגעדרעהט די „גאַז" און אַ שוואַרצער שאָטען האָט זיך אַראָבגערוקט אויף די וואַנט, זיך צושפּרייט אויפ'ן ווייסען ליילעך, וואָס איז געלעגען אויף זיין בעטעל און דאָס גאַנצע צימער האָט זיך ווי אַנגעכמורעט.

ער האָט פערריסען דעם קאָפּ אַרויף, אַנגעשטעלט די אויגען אויפ'ן שמאָלינקען גאַז־פייער'ל, וואָס האָט פלאַטערענדיג גע־ברענט. דערביי האָט ער געביסען די נעגעל פון די פינגער, די ליפּען, און ווען עס האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען, האָט ער זיך ווי אַן איבערגעשראָקענער ארומעקוקט אין אַלע זיי־טען און ווען זיין בליק איז געפאַלען אויפ'ן שפּיגעל, וועלכער האָט מאָדנע אויסגעזעהען אין דער דונקעלער שיין, איז ער צוגעגאַנגען און מיט אַמאָל אַ שפּאַר געטהאָן דאָס פּנים...

דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּען אונרוהיג און אין די שלייד פען פונ'ם שטערן האָט זיך עפּעס מיט איפּעט אָנגעהויבען הוי־דען: — דאָס איז ער אַליין? הא?... ער? — יאָ, געוויס!...

אַט קוקט ער דאָך מיט זיינע אויגען; וויל ער — עפענט ער זיי, וויל ער — פערמאַכט ער זיי... אַט קוקט ער שטאַר און אַט איינגעזשמורעט...

ער האָט געעפענט דאָס מויל — צייהן. אַ שרעק! ווי ווילד אַ מענש קוקט אוים ווען ער עפענט פונאַנדער דאָס מויל און שטשירעט מיט די צייהן!... די צונג ציטערט, ציהט זיך ווי ביי אַ הונגעריגען, צורייצטען הונד...

ער האָט אָנגענומען אַ לאָק האָר און אַ שטאָרקען ציה געטהאָן. ער האָט דערפיהלט אַ וועהטאָג און באַלד אָבגעלאָזט... — און דאָס איז טאַקע ער אין שפּיגעל?... הם... ער האָט זיין אייגען פּנים קיינמאָל אַזוי שאַרף ניט געזעהן... אַלעם האָט ער יעצט בעמערקט, אפילו דעם שאָטען, וואָס האָט זיך געהוידעט אויף זיין פּנים און האָט דערגרייכט ביז די קנייטשען פון זיין שטערן. אָבער פאַר וואָס דער שאָטען הוידעט זיך, האָט ער ניט געקענט פערשטעהן... און באַלד האָט ער דערפיהלט, אַז זיין גאַנצער קערפּער שאָקעלט זיך יעצט...

אַן אויפגערעגטער האָט ער אָבגעקעהרט דאָס פּנים פון'ם שפּיגעל, אָנגעשפּאַרט דעם עלענבויגען אָן דער וואַנד און זיך פערטראַכט: — מאָרגען וועט ברוך קומען אַהער — האָט ער אַ קלאָהר געטהאָן וועגען זיין פריינד, דעם יונגען מאַן, וועלכער איז נישט לאַנג אַוועק — איהם וועט ער שוין ניט געפינען... וועט ער פרעגען די בעל־הבית'טע: „וואו איז נחום?“... ניין, ניט אַזוי וועט דאָס זיין!... נאָך איידער ער וועט אַהער קומען, וועט ער שוין וויסען... ער וועט נור קומען זעהן, צי האָט ער ניט איבערגעלאָזט עפּעס אַ בריוועלע פאַר איהם... — ווי צוטומעלט ער וועט ווערען ווען ער וועט איבערלעזען דאָס, וואָס ער וועט איהם באַלד אָנשרייבען!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַר'ן טיש און גענומען אַ פּען אין האַנד. — אָבער וואָס זאָל ער שרייבען? אָנשרייבען פּשוט: „איך בעט, קיינעם ניט בעשולדיגען אין מיין טויט“ — דאָס געפעהלט

איהם ניט; עס איז זעהר נאַריש;... יעדער אידיאָט קען אַזאַ חכמה אָנשרייבען...

איז אפשר וואָלט ער זיך גאָר אָנגעשטרענגט נאָכצופאָלגען רוהיג די געדאַנקען, וועלכע פלאָנטערען זיך איהם יעצט אין מח, און אָנשרייבען אַלעס, וואָס ער קלערט יעצט? יאָ, דאָס איז אַ געדאַנק! די הויפּט־זאַך — נור רוהיג...

האָט ער איינגעטונקען די פען, געוואָלט אָנכאַפּען דעם ערש־טען געדאַנק — און מיט אַמאָל האָט זיך זיין פּנים אין אַ ביטערען שמייכעל פערקרימט; עפּעס אַ וואָרט האָט זיך ווי אַ וויכער גע־נומען דרעהען אין קאָפּ און באַלד זיך פערטשעפּעט און — ניט פון אָרט... — וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט? — „העלמאַר“... „העלמאַר“... וואו האָט ער דאָס געהערט?— טפוי, צום טייפעל! עס איז דאָך סיגאַרעטס אַזעלכע...

מיט ביידע הענט האָט ער אונטערשפּאַרט דעם קאָפּ און פאַר די אויגען האָבען זיך איהם אָנגעהויבען דרעהען פערשיעדענערליי פייערדיגע שלענגעלאַך און פינטעלאַך, גרויסע און קליינע, וועלכע ווערען נישט ווען מען גיט אַ פינטעל מיט'ן אויג...

פלוצים האָט ער מיט כעס אַ שליידער געטהאָן די פען פון זיך; קיין איין געשריעבען וואָרט וועט ער ניט איבערלאָזען!... צו וואָס? פאַר וועמען? זיינע פריינד וועלען דאָך סיי־ווי־סיי גע־וואָהר ווערען, וואָס מיט איהם איז געשעהן; ער האָט דאָך ניט איינמאָל גערעדט מיט זיי וועגען דעם... — און מעגליך — איז איהם איינגעפאַלען — ערוואַרטען זיי דאָס גאָר...

פאַר קיין עולה קען מען זיי דאָס ניט פאַררעכענען: אַלע זיי־נען זיי יונגע מענשען, ווילען לעבען און געניסען, און ער פאַר־אומערט זיי דאָס לעבען מיט זיין שטענדיגער מרה־שחורה... אין זיין געגענוואַרט קענען זיי קיין פרעהליכע מינע גיט ווייזען... אַט למשל ברוך! געווען אַמאָל אַ גאַנץ לעבעדיגער יונגערמאַן, אָבער פאַר די פינף יאָהר, וואָס ער קען איהם, האָט ער זיך אַ סך געענדערט... ער געדענקט גאָר ניט ווען ער האָט איהם געזעהן לאַכען...—און וואָס איז דאָס חידוש?—אומעט איז אַנשטעקענד,

דעם פּרעהליכסטען מענשען קען מען אומעטיג מאַכען בלויז מיט אנגעכמורעטע, פערזאָרגטע בליקען... און ווי מאָדנע דאָס איז! די ערשטע צייט האָט ברוך געפּרופט איהם ערמוטיגען, מאַכען איהם לעבעדיגער, און צום סוף איז ער אַליין גאָר פון איהם בעאיינפלוסט געוואָרען... וואָרים עס איז דאָך ניט קיין קלייניגקייט צו הערען פינף יאהר צייט איין טענה, אז דאָס בעסטע מיטעל צו פּטר'ן אַלע צרות — איז צו פּטר'ן זיך אַליין... אויפהערען צו זיין... און ער איז זיכער, אז ברוך האָסט איהם דערפאַר. אַי ער קומט אָפּט אַריין צו איהם, איז מיט איהם בעפריינדעט און העלפט איהם אַמאָל ארויס מיט אַ פּאָר דאָלאַר? איז דאָס פּשוט אויס רחמנות; ברוך איז דאָך בטבע זעהר אַ גוטער און האָט הנאה ווען ער העלפט אימיצען און חוץ דעם פעראייניגט זיי שוין דער געמיינזאַמער אומעט... נו, יאָ... קיין פריינד האָט ער ניט און קען ניט האָבען, ווייל אַזעל־כען ווי ער קען קיינער ניט דולדען; ער איז אַן איבעריגער, און דאָס בעסטע פאַר איהם איז נור מאַכען אַ סוף מיט זיך אַליין...

עס אָט איהם אפילו געוואונדערט: ער האָט דאָך שוין איבער־געלעבט פיעל ערגערע צייטען, אין דערהיים און אויך דאָ, אין אַמע־ריקאַ. געווען צייטען, ווען ער האָט געאַרבייט שווער, און צווישען אַזעלכע מענשען, מיט וועמען עס האָט איהם פּשוט געעקעלט אַ וואָרט אויסצורעדען, אַזוי גראָב און אומגעלומפּערט זיינען זיי געווען... געווען צייטען, ווען ער האָט גענעכטיגט אין די פּאַרקס אויף נאַסע בענק, מיט אַ קולאַק צוקאָפּענס; געהונגערט און דאַן אפילו מיט די פריינד זיך ניט געוואָלט בעגעגענען... ער האָט דאָך שוין גענוג שלעכטע צייטען איבערגעלעבט, און דאָך האָט ער נאָך קיינמאָל אַזוי פעסט ניט בעשלאָסען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד ווי יעצט...

אָפּטמאָל, ווען עס איז איהם שטאַרק צוגעטראָטען צום האַרצען, פלעגט ער ווערען בייז אויף דער גאַנצער וועלט. דאַן פלעגט ער בעשליסען: „נו, גענוג!... אויס!“ און אָנהויבען קלערען וואָס פאַר אַ טויט ער זאָל זיך אויסקלייבען! אין אַזעלכע מינוטען האָט זיך איהם געדוכט, אז פון איהם אַליין טהיילט זיך אָב נאָך אַ מענש,

וועלכער איז, דוכט זיך' ער און דאָך ניט ער... און יענער מענש בעט איהם: „...וואָס האסטו צו מיר? וואָס ווילסטו טהאָן?“...

לאַנג פלעגט ער קלעהרען, זיך פיהלען ווי אַ ריכטער, אין וועמעס הענד עס ליגט אַ מענשליכער לעבען; וויל ער — בעפרייט ער און וויל ער — פער'משפט ער צום טויט... דערביי פלעגט ער איבער־לעבען אַ שמערצליכען וועהטאָג און אַ געוויסען שטאָלץ. וואָס ער אַליין קלערט וועגען זיך ווי פון אַ זייטיגען מענשען; שלאָגט זיך מיט דער דעה, וואָס ער זאָל טהאָן מיט יענעם מענשען, וואָס איז ער און דאָך ניט ער... נור מיט אַמאָל פלעגט ער זיך אַ וואָרף טהאָן אויפ'ן בעט, איינגורען דאָס פנים אין קישען און זיך צו־כליפּען ווי אַ בעליידיגט קינד...

אָבער יעצט האָט ער אַזעלכעס ניט געפיהלט, ער האָט קלאָהר פערשטאַנען, אַז ער אַליין קלעהרט איצט וועגען זיך און ניט וועגען אַן אַנדערען און דער בעשלוס איז ביי איהם געווען פארטיג און פעסט...

...און מאָרגען וועלען קומען די בעקאַנטע... מאָרגען... צו־שראָקענע וועלען זיי אויסשטאַרען די אויגען: האַ־וואָס? — אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק! און וועלען קיין וואָרט ניט ריידען... איז זיך וועלען זיי איהם בעדויערען, נור אין אַ צייט ארום, ווען דער ערשטער שווערער איינדרוק וועט אַוועק, וועלען זיי אַזוי קאָלט און געלאַסען רעדען וועגען איהם און אַלע וועלען זאָגען: „עס פאַרשטעהט זיך, אַז ווען ער זאָל געווען פאַרדינען מעהר און, הם... כע־כע, ווען ער זאָל געווען האָבען ערפאָלג ביי פרויען וואָלט ער קיין זעלבסמאָרד ניט בעגאַנגען...“ און אפשר שטעקט אביסעל אמת אין דעם?... למאי זאָל ער דאָס לייקענען? אָפט מאָל, קען ער טאַקי ניט איינשלאָפען ביינאַכט... אין קאָפ טומעלט איהם פון זינדיגע געדאַנקען; פון יענער זייט וואַנט, אין צווייטען צימער, שלאָפט די בעל־הבית'טע, אַ יונגע ווייבעל, גאָר ניט קיין מיאוס'ע, רייצט דאָס איהם... זיין גאַנצער קערפּער גליהט, — פון יענער זייט וואַנט... אַ יונגע ווייבעל... אָבער... — טפוי, ווי שמאָלקעפּיג און הארצלאָז זיינע בעקאַנטע וועלען דאָס רעדען

וועגען איהם!... ביי זיי קומט אויס, אַז אַלע זיינען ליידען, אַלע זיינען טרויעריגע געדאַנקען וואָלטען ווי אַ רויך פערשוואונדען, ווען ער זאָל נור האָבען געלד און עסען פעטע אָנבייסענס...

— „וואָס זשע דען איז די אמת'ע אורזאַכע?"

אַ שעהנע פראַגע! ער געדענקט דאָך ניט קיין איין שטיקעל צייט אין זיין לעבען, ווען ער זאָל זיך האָבען געפיהלט צופריעדען...

ווען ער איז נאָך אַ קליין אינגעלע געווען — האָט ער זיך דערמאָהנט — איז ער אויך שטענדיג געווען אַ פערזאָרגטער, ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשפּיעלט אַזוי ווי אַנדערע קינדער... זיין טאַטע האָט געהאַט אַ טבע אָרויפצוואַרפען אַן אומעט אויף אַלעמען; ווען ער האָט געהאַט אַ שלעכטען יריד, האָט ער דאָס געמוזט דערצעהלען פאַר דער מאַמע'ן און פאַר אַלע קינדער מיט אַזאַ פאַר'דאגה'טע מינע, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אונטערגע־גאַנגען. און ווען ער האָט ווען עס איז געהאַט אַ גוטען יריד, האָט ער דעם גאַנצען פדיון צולעגט אויפ'ן טיש געצעהלט און ווידער געצעהלט און דערביי פלעגט ער ציהען מיט די אַקסלען און זיך קלאָגען: „נו, נו, חובות — איבער'ן קאָפּ... איך וויים גאָר ניט וועמען מען גיט אָפּ פריהער". נאַכהער פלעגט ער פערלעגען די הענד אויפ'ן האַרצען און צוגעבען פאַרצווייפעלט: „איך האָב מורא, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען מיר אַלע וועלען מוזען נעמען טאָרבעס אויף די פּלייצעס און זיך לאָזען איבער די הייזער..."

אויף איהם האָט דאָס שטענדיג געווירקט מעהר ווי אויף אַלע קינדער, ער האָט געמיינט, אַז אָט־אָט וועט דער טאַטע אַ זאָג טהאָן: „נו, נחום'ל, נעהם די טאָרבע און קום!" און ער וועט נעהמען אַ טאָרבע, געהן פון שטוב צו שטוב, אויסשטרעקען די האַנד ווי דער אָרימער יתומ'ל, וועלכער פיהרט אַרום דעם בלינדען אָרימאַן, און בעטען: „שענקט אַ נדבה!..."

און ווען ער איז אויסגעוואַקסען, האָבען זיך ערשט אָנגע־הויבען די ריכטיגע צרות. ער האָט אָנגעהויבען לערנען, אויס־געקליאַנטשעט ביי יענעם אומזיסטיגע אוראָקען, אַליין פערדיענ[ט]

פון א פּאָאר גראַשענדיגע אוראַקלאַך. יאָהרען לאַנג האָט ער געלערענט און צו קיין תכלית איז ער קיינמאָל ניט געקומען... אַלע מאָל האָט ער אָנגעהויבען קלעהרען וועגען אַן אַנדער ציעל; אָט האָט זיך איהם פערגלוסט צו ווערען א פּראָוויזאָר, האָט ער אָנגעשטרענגט אויף דעם אַלע מעגליכקייטען און אין א קורצער צייט ארום האָט ער זיך בעדענקט, אַז א פּראָוויזאָר לוינט זיך איהם ניט צו ווערען; בעסער גאָר — א בוך־האַלטער. אָבער באַלד איז איהם דאָס אויך נמאס געוואָרען און ער האָט זיך בערעכענט, אַז דאָס בעסטע פאַר איהם איז אויסצוהאַלטען עקזאַמען פאַר אַלע אַכט קלאַסען גימנאַזיע, אריינטרעטען אין אוניווערזיטעט און לערנען מעדיצין...

אזוי האָט ער זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען, געלערענט און געלערענט און איידער ער האָט זיך אוספּייעט ארום צו קוקען, האָט מען איהם אָבגעגעבען פאַר א סאָלדאַט און ער האָט אָבגעדיענט גאַנצע פיער יאָהר...

און נאכהער דאָ, אין אמעריקא... גאַנצע זעקס יאָהר איז ער שוין דאָ. וואָס האָט ער שוין ניט איבערגעליטען פאַר דער צייט, און ביי וואָס האַלט ער יעצט? — ביי גאָר ניט... ער האָט שוין אפילו דאָ אויך געלערענט, שוין געהאַט בעזוכט א האַלב יאָהר „סיטי קאַללעדזש“, און געדענקט, אַז אָט־אָט ווערט ער מיט'ן לייטען גלייך, האָט איהם אין מיטען דערינען ניט געסטייעט קיין געלד און ער האָ געמוזט ארוסטרעטען פון „קאַללעדזש“.

פריהער האָט ער נאָך געהאָפט, אַז ער וועט אָבשפּאָרען א פּאָאר דאָלאַר און וועט ווידער לערנען, אָבער יעצט האָט ער שוין די האָפנונג אויך פערלאָרען, — אָבשפּאָרען געלד? — פון וואָס? פון זיינע פערדיענסטען? אַז ער קען גאָר ניט פערדיענען; ער איז ניט פעהיג דערצו...

וואָס האָט ער שוין דען ניט אויסגעפּרואווט טהאָן זינט ער האָט זיך אַמעריקאַניזירט! ער איז שוין געוועזען א פּריוואַט־לעהרער, אַן אגענט פון לעבענס־פערזיכערונג, געארבייט אין א באַנק, אין א אַפּטהעק, און — עס געהט ניט!...

אין עס איז דאָך טאַקי אַזאַ פּערדירוס, אַז מען קען אַזש קראַ־פּירען: אַזוי פיעל יאָהרען געלערענט, ער קען רוסיש, ענגליש, אַביסעל דייטש און פראַנצויזיש אויך, און פאַר אַכט דלאָאַר אַ וואָך, אָדער נאָך וועניגער קויפט מען איהם אָב מיט זיינע שפּראַכען און מיט אַלע קענטניסע צוזאַמען... די גאַל קען דאָך צושפּרינגען ווערען!... אַנדערע נעמען זיך ניט צום האַרצען אַזעלכע „קליי־ניגקייטען". איהם קרענקט דאָס אָבער...

ער האָט זיך דערמאָהנט: ווען ער איז געווען אַן אַגענט פון לעבענס־פערזיכערונג, האָט זיך דער „סופּעראינטענדענט" אַמאָל צובייזערט אויף איהם פאַרוואָס ער איז אַזאַ פערשלאָפענער. איהם האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען, — וואָס הייסט מען בייזערט זיך אויף איהם? ער איז געבליבען שטעהן אַ צוקאַכטער, אַ קריץ געטהאַן מיט די צייהן און אַ שליידער געטהאָן די ביכער מיט די פּאַ־פּירען אויף דער ערד...

...מען זאָגט אַז מען טאָר ניט זיין אַזוי שטאָלץ ווען מען וויל קומען צו אַ תכלית... מען זאָגט... ער אַליין ווייסט דאָס דען ניט? אָבער ער קען ניט האַנדלען אַנדערש!... פיהלט ער זיך בעליידיגט פון וואָס־ס־איז, וועט ער ניט פערשווייגען. בשום אופן ניט!...

איינמאָל האָט ער געפּרואווט פּאָלגען וואָס מען זאָגט. ערשט מיט עטליכע וואָכען צוריק איז דאָס געווען. ער האָט דאַן גע־אַרבייט אין אַן אַפּטהעק. וואָס מיט איהם איז דאַמאָלס געווען, ווייסט ער אַליין ניט, אָבער געפיהלט האָט ער אַ שטאַרקען חשק נעמען נקמה אין זיך אַליין און אין זיין אינטעליגענץ... ער האָט געמיינט, אַז דער בעל הבית וועט ניט סמייען צו שאַפען זיך מיט איהם, ווייל ער איז דאָך שוין אַ מאַן פון עטליכע און דרייסיג יאָהר און די האָר פון זיין קאָפּ זיינען שוין ערטערווייז גרויליך... וואָס־זשע האָט ער געטהאָן? האָט ער געזאָגט דעם בעל־הבית, אַז ער איז נאָך אַ גרינער, אינגאַנצען איין יאָהר איז ער ערשט אין אַמעריקאַ, און אַז איז דער היים איז ער געווען אַ בעהעלפער... דער בעל־הבית פלעגט איהם זאָגען „דו", זיך געשאַפט מיט איהם

ווי מיט אַ אינגעלע און ער האָט געפּאָלגט; געקעהרט, געוואַשען די פּלאָארס, די פּלעשלאַך. אַלעס האָט ער געטהאָן. נור אַמאָל, ווען קיינער פּלעגט ניט זיין, פּלעגט ער אַ קריץ טהאָן מיט די צייהן, גלאַט אַזוי זיך... און אויף דער נאַכט, געהענדיג אַהיים, פּלעגט ער בלומרשט מעשה לעבע יונג אריינגעהן אין אַ סאַלון, אויסטרינקען אַ גרויסע גלאָז ביער און מעשה כוואַט אַ שפּיי טהאָן פון צווישען די צייהן גלייך אויפ'ן פּלאָאָר... — — — — —

דאַמאָלס האָט ער געמיינט, אַז זיין שטאָלץ הויבט זיך אָן בויגען און ער ווערט „מיט לייטען גלייך". אָבער לאַנג האָט ער אין אפּטהעק ניט געקענט בלייבען און ער איז אוועק... — — — — —

ער איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענסטער, צוגעלעגט דעם הייסען שטערן צו דער קיהלער שויב און האָט צוגעמאַכט די אויגען...

די אָדערען און די מוסקולען האָבען זיך איהם אָנגעצויגען, די בלוט האָט האַסטיגער גענומען לויפען און עס האָט איהם גע־וואָרפען אין קעלט און אין היץ...

— צום טייוועל! זאָל מען זאָגען, אַז ער איז געווען אַ שלים־מזל, אַ פוילער! וואָס געהט דאָס איהם אָן!... ער פיהלט דאָך פּאָרט, אַז אין הארצען איז איהם פּוסט, קיין איינציגע האָפנונג טליעט שוין דאָרט ניט; קיין איין וואָרימער געפיהל שטראָמט דאָרט ניט... זיין מח איז שטענדיג פערנומען מיט די קליייניג־קייטען, וועלכע ווידערהאָלען זיך אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אופן; וועגען אַנדערע זאַכען קען ער גאָר ניט קלעהרען... און—הערט ער אימיצען לאַכען, שניידט דאָס איהם די אויערען ווי שאַרפע מע־סערס... זעהט ער ביי אימיצען אַ פרעהליכע מניע, ווערט ער אָנגעצונדען און קלעהרט זיך: — אַ אידיאָט!

...און אויב ער וועט זיך אָבמוטשען נאָך עטליכע יאָהר, וועלען איהם צוקומען נאָך אַ פּאָאָר צעהנדליג קלייניגקייטען... אַלע מאָל וועט ער בעשליסען צו בויגען זיין שטאָלץ און ווערען אַזוי ווי אַנדערע מענשען, און נאַכהער וועט די געדולד ווידער פּלאַצען, וועט ער אימיצען גוט אויסזידלען, אַ שפּיי טהאָן אויף

אַלעס און — וואָס? — ווייטער זיך אַרום בלאָנקען און שיער פֿון זינען געריהרט ווערען פֿון קלעהרען און פֿון האַרץ־קלעמענים... ווער דאַרף איהם דאָ? ווער נויטיגט זיך אין איהם?... און ער אַליין? — כאַ־כאַ, ער אַליין...

אַ געהאַנק האָט זיך צוגעטשעפּעט:

„...און מענשען לעבען דאָך אויף דער וועלט! געניסען פֿון לעבען וויפֿיעל זיי קענען. ליידען און געניסען פֿון ליעבע און זיינען גליקליך...“

„...אַזוי זאָגען זיי...

„און אַפילו יעצט, ווען ער שטעהט דאָ אַזוי און קלעהרט, געפֿינען זיך אַסך, אַסך פֿינסטערע צימערען, וואו עס הערט זיך קוים אַ מיט תאוה אַנגעזאַפּטער שעפּטשען; יונגע ליבענדע פּאָארלעך קושען זיך און צערטלען זיך... צאַרטע, נאַקעטע לייבער ציהען זיך הנאה'דיג אויף זויבער ווייסע קישענס, פּלאָטערען און גליהען פֿון ערפילטער און ניט ערפילטער ליידענשאַפֿט... אָרעמס רונדע און גלאַטע שטרעקען זיך און פלעכטען זיך אַרום העלזער מיט הייסער, שטורמ־דיגער ליעבע...“

און ער? — כאַ־כאַ!...

זיך דערמאָהנט:

נאָך מיט דריי יאָהר צוריק, ווען ער האָט געוואָהנט ביי זיין פריינד, ביי ברוך'ן, האָט ער איינמאָל בייטאָג זיך צוגעקוקט ווי רחל, ברוך'ס פרוי, שטעהט ביים שפּיגעל און פערקאַמט די האָאָר. זי האָט דאַמאָלס, אין דער שטיל, פאַר זיך, געזוּנגען עפּעס אַ נגונ'דעל, און ער איז געלעגען אויף דער זאָפע און פֿון איהר די אויגען ניט אַראָבגענומען... ער וואונדערט זיך נאָך עד היום: וואו האָט ער דאַן גענומען אַזוי פיעל קוראַזש? אַזאַ וואונדער! ער איז צוגעלאָפען צו איהר און האָט איהר אַ קוש געטהאָן אין קאָפּ... זי האָט זיך דערשראָקען און האָט איהם אָנגעהויבען מוסר'ן: „שעהמט אייך, נחום, איהר זאָלט דאָס טהאָן! איהר! דער שטילער, דער אָרענטליכער? ! ניט פיין!...“

דאַן האָט ער זיך שטאַרק פערשעהמט און ניט געוואוסט, וואָס

צו ענטפערן... — ווי נאַריש ער האָט געמוזט אויסזעהן!...
און אויף מאָרגען האָט ער איבערגעצויגען אויף אַ נייער קוואַרטיר...

און דאָס איז זיין איינציגער „געוואַגטער שריט" אויפ'ן גע־ביעט פון ליעבע!... און אַלט איז ער שוין עטליכע און דרייסיג יאָהר... — — — — — — — —

מיט כעס איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום שפּיגעל און צוגע־דריקט פעסט דאָס גלידעל פון'ם גראָבען פינגער צו די שלייפען פון'ם שטערן. — אַ שטייגער ווען ער האָלט אַזוי אַ רעוואָלווער, וואָלט ער אויך געשטאַנען אַזוי קאַלט ווי יעצט? — ניין, געוויס ניט! שיסען וועט ער זיך סיי־ווי־סיי ניט!... עס מוז זיין שוי־דערליך ווען אַ שטראָם רויטע, הייסע בלוט גיט זיך אַ לאָז איבער'ן פּנים... מען גיט אַ פאַל ווי אַ שטיק בליי און דאָס גאַנצע פּנים ווערט פערקרומט און אומגעלומפּערט... אַמאָל טרעפט מען נאָך אין אויג אַריין, דאָס איז גאָר מיאוס!... דאָס אויג רינט אויס... בר־ר־ר! די צייהן בלייבען פערקריצט און פון צווישען זיי פּיע־נעט אַרויס בלוט און צופליסט זיך איבער די באַקען און איבער'ן האַלז... ב־ר־ר! דאָס וועט ער קיינמאָל ניט טהאָן!... סמ'ען זיך אין שוין אַ שעהנערער טויט; דער גאַנצער קערפּער בלייבט גאַנץ, האָט ער אָבער מורא פאַר אַן אַנדער זאַך: וואָס טהוט ער אויב מען ברענגט אַ דאָקטאָר און מען ראַטעוועט איהם אָב?... נאָכדעם וועט מען איהם נאָך משפּט'ען אויך... די געזעלשאַפט מוז איהם דאָך נויטיג האָבען. כע־כע... די געזעלשאַפט...

אויף זיין פּנים האָט זיך אַ ביטערער שמייכעל בעוויעזען און איז באַלד פערשוואונדען...

...דער בעסטער טויט איז, — זיך דערטרינקען, — האָט ער בעשלאָסען שוין צום וויפיעלטען מאָל.

עס מוז טאַקי זיין אַ שרעק זיך אַריינצוואַרפען אין וואַסער אַריין. אָבער דערצו האָט ער אַ מיטעל: ער וועט אויסטרינקען אַ פּאָאַר גלעזער ביער איידער ער וועט געהן צו דער בריק... קלעהר־רען וועט ער גאָר ניט, נור צוגעגאַנגען און מיט אַמאָל — פליוך אין ים אַריין און — פּטור...

— דוכט זיך, אַז ער האָט אַמאָל געזעהן אַ דערטרונקענעם ? — יאָ. אָבער ער געדענקט ניט צו די אויגען בלייבען אָפען צו ניין... איבעריגענס וואָס איז איהם פאַר אַ אונטערשיעד ! און דאָך שוועבט איהם פאַר די אויגען די בילד פון אַ דערטרונקענעם מיט איין אויג אַן אָפענעם און דאָס צווייטע — פערמאַכט... — ווי איז דאָס מעגליך ? האָט ער דאָס געזעהן ? — אפשר... און ווידער אַמאָל : איין אויג אָפען און פערגליווערט. איין אויג... אָט למשל אַזאַ ווי זיינס... וויל ער עס אָנריהרען מיט'ן פינגער, לאָזען זיך די אויגען-הייטלאַך ארונטער און אונטען צאַפּעלט זיך דאָס אויג, עס פינטעלט, עס ווארפט זיך... אָבער מאָרגען ? יאָ, מאָרגען... אויב אימיצער זאָל אפילו מיט אַ נאָדעל אַ שטאָך טהאָן, וועט בלויז אַרוים אַ ווייסע פליסיגקייט... אָבער צאַפּלען זיך — דאָס ניט... טויט — — — — — — — —

און אָט די האָר ? יעצט אַז מען גיט אַ ציה טהוט וועה... אָבער מאָרגען ? אויב מען וועט איהם געפינען און ער וועט ליגען ביים ברעג, וועט אפשר צו געהן אַ הויכער, געזונדטער פאָליסמאַן און פאַר דער טשופּרינע האָר וועט ער איהם אויפהויבען דעם קאָפּ און ווען ער וועט אָבלאָזען, ווען דער קאָפּ אַ פאָל טהאָן צוריק ווי אַ שטיין... אַ טעמפּפער קלאַנג וועט זיך דערהערען, אָבער איהם וועט דאָס ניט וועה טהאָן, — טויט... — — — — — — — — —

...אַרום איהם וועט מען רעדען, ביי איינינע וועלען זיך אפשר שטעלען טרערען אין די אויגען, און ער וועט ליגען בעוועגלאָז און קאַלט... טויט... — — — — — — —

עטליכע מינוטען איז ער אַזוי געשטאַנען פאַר'ן שפּיגעל און זיך אַליין פאַרגעשטעלט די שרעקליכסטע בילדער. אין קאָפּ — האָט ער געפיהלט — רוקט זיך עפּעס אַ גליטשיגע זאַך ; שלאָגט זיך אָן אָן איין זייט און רוקט זיך אַוועק אין דער אַנדערער, און שווער איז די זאַך, מורא'דיג שווער... געדאַנקען האָבען זיך, ווי בלייענע פּיילען, מיט אימפּעט געשניטען און געפּייערט אין אַ וויל-דען קאַראהאַד. און געפּיהלט האָט ער, אַז מיט יעדען אויגענבליק ווערען זיינע געפּיהלען פערהאַרטעוועט און פעסטער, ווי מעכ-

טיגע, קאַלטע פעלזען ; זיין גאַנצער קערפּער ווערט מיט אַ פּאַנצער איבערגעצויגען... קיין זאַך שרעקט איהם ניט, קיין זאַך אַרט איהם ניט ; ער איז יעצט אויסער אַלעם און העכער פון אַלעם —

ער האָט ווידער אַ קוק געטהאַן אין פענסטער און האָט זיך דערפיהלט אָבגעשלאָסען פון די גאַסען, פון די הייזער, פון דער נאַכט און פון אַלעם...

אַזעלכעם האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט, מיט אַזעלכע אויגען האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געקוקט...

ער האָט איינגאַנצען אויסגעלאָשען די „געז“. נאָך אַ מאָל אַ קוק געטהאָן אין שפּיגעל און דערזעהן בלויז זיין ווייסען קראַגען ; דאָס פּנים האָט ער ניט געקענט זעהן, ווייל אַלעס האָט זיך צונויפגעגאָסען אין איין שוואַרצער מאַסע...

ער איז ארוים. אין איילעניש האָט ער פאַרשלאָסען די טהיר און דעם שליסעל האָט ער דאָרטען געלאָזען שטעקען. מעהר קלעהרען האָט ער ניט געוואָלט...

דער קאָפּ האָט זיך איהם שטאַרק פערדרעהט, אין די אויגען האָט איהם געשווינדעלט, קיין הייזער האָט ער ניט געזעהן, זיינע אייגענע טריט האָבען איהם געשאָסען אין די אויערען און ער האָט זיך געיאָגט אַלץ שנעלער און שנעלער...

טראַכטען האָט ער ניט געוואָלט, דאָך האָט זיך אַ געדאַנק ווי מיט געוואַלד ארייגעריסען :... אַ שטייגער ווען ער באַגעגענט יעצט אַ פרוי ?... ער געהט זיך דאָך סיי־ווי־סיי דערטרינקען... באַטש איינמאָל... מאָרגען וועט ער דאָך שוין ניט זיין... ער וועט גאָר מעהר ניט וועלען ; ער וועט זיין טויט... באַטש איין מאָל... — — — און ער איז ווייטער געלאָפען...

אויף דער בריק האָט ער זיך אָבגעשטעלט. די שוואַרצע וואַסער פלעכע האָט זיך איהם מיט אַ קאַלטען גלאַנץ אַ שנייד געטהאָן אין די אויגען אריין. די וואַסער האָט זיך געבלעזעלט, זיך געהוידעט שטיל און שלומערדיג. פון ווייטענס האָבען פייערלאַך געשימערט, אָבער ער האָט בלויז געזעהן די שוואַרצע וואַסער פלעכע...

ער האָט אָנגעטאַפּט די קאַלטע, אייזערנע שטאַכעטען, גלאַט אַזוי זיך און באַלד אָבגעלאָזט... און ווידער האָט זיך דאָס וואָרט צוגעטשעפּעט: „העלמאר"... „העלמאר"...

— טפוי, צום טייוועל! — איז ער בייז געוואָרען — וואָס זשע שטעהט ער? און ער האָט פערקריצט מיט די צייהן, פערמאַכט די אויגען און אַ וואָרף געטהאָן די הענד פאַראויס — — —

זיין קערפּער האָט זיך אין דער קרום מיט אימפּעט דורכגעשניטען אין דער דונקעלקייט און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קאַלטער וואַסער־שפּריץ. די וואַסער האָט זיך אַ בויג געטהאָן, אויסגעהוידעט אַ קיילביגען וואַסער־גרוב און באַלד זיך אויסגעגלייכט.

— — — — — — — — — — — — — — —

ווייטער אויף דער בריק אין דורכגעלאָפען אַן אויטאָמאָביל און האָט עפּעס משונה'דיג אַ רעווע געטהאָן, און געדוכט האָט זיך, אַז דאָס קול קנאַלט אין דער נאַכט אַריין:

— בו־רו־ו!

און באַלד האָט זיך פון'ם אויטאָמאָביל אַרויסגעקנאַלט אַ הילכיגער פרעהליכער מיידעלשער געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ! — כי־כי־כי! — — — — — — —

# אַ פאַרליעבטער.

אי אַ פערשפאַרטער האָט זיך חאַצקעל בורין אַרומ־געדרעהט אין הויז, שפּאַנענדיג האַסטיג פון איין צימער אין צווייטען.

נו, אַ וועטער! — איז ער געווען אונצופריעדען — עס איז גאָר אונמעגליך אַרויסצוגעהן אין גאַס.

אַלע ווײַלע איז ער צוגעגאַנגען צו אַנאַנדער פענסטער — אפשר וועט ער פאַרט קענען זיך דורגעהן אַביסעל? נור דער־זעהענדיג, ווי דער ווינד רייסט און דרעהט די שטיקער אַרויס־געהאַנגענע וועש אויפ'ן שטריק, האָט ער פערדריסליך פערקרימט דאָס פּנים און ווייטער געשפּאַנט...

נעבען זייגער האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אַ קוק געטהאָן — דריי!

— הייסט עס, — האָט ער אָנגעהויבען קלעהרען, — איז איצט ערשט דריי אַ זייגער... אסתר'ל וועט קומען פון דער אַרבייט זעקס אַ זייגער. וויפיעל־זשע שטונדען דאַרף מען נאָך וואַרטען? האַ? וואַרט: פון דריי ביז פיער איז איין שטונדע, פון פיער ביז פינף איז... וויפיעל? צוויי שטונדען... פּלוצים האָט ער זיך צולאַכט: כאַ־כאַ! אַ טייערער בעל־חשבון איז ער! ער רעכענט גאָר אויף די פינגער... ווער ווייס דאָס ניט, אַז פון דריי ביז זעקס איז דריי שטונדען?...

ער האָט געמאַכט אַן אונצופריעדענע מינע: צום טייוועל! נאָך גאַנצע דריי שטונדען ביז זי וועט קומען און ערשט נאַכהער מוז ער וואַרטען ביז אַכט, ווען זי וועט אַרויסגעהן צו איהם איז

דרויסען. שרעקליך!... און וואָס זאָל ער טאַקי טהאָן מיט זיך פאַר דער צייט? ער האָט געפּרואווט עפּעס לייענען, אָבער — א נעכטיגער טאָג; דער קאָפּ זיינער פאַרנעמט איצט גאָרניט.

האָט ער געקלערט און געקלערט ביז ער האָט ענדליך באַשלאָסען: שלאָפען! ער וועט אָבשלאָפען עטליכע שטונדען כסדר און ווען ער וועט זיך אויפכאַפּען, וועט זיין פּונקט די ריכטיגע צייט צו געהן צו איהר...

ער איז אריין צו זיך אין צימער און צוגעמאַכט די טהיר. די שויבען פון די פענסטער האָבען זיך געטרייסעלט פון'ם ווינד און דאָס האָט איהם אזוי גענערגערט, אז ער האָט ניט געקענט איינשטעהן. איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט מיט אנגסטליכע בליקען...

אין דרויסען האָט זיך א יונגער מאַן מיט א הוילען קאָפּ געיאָגט נאָך זיין הוט, וואָס דער ווינד האָט אראָבגעריסען; די הוט האָט זיך מיט אימפּעט געקוליעט אַלץ שנעלער און שנעלער און דער יונגער מאַן איז געלאָפען מיט א פאַרכאַפּטען אָטהעם, אויסשטרעקענדיג איין האַנד פאַראויס און מיט דער צווייטער — צוגעהאַלטען דעם פונאַנדערגעשפּילעטען ראָק.

האַצקלען איז דאָס געפעלען געוואָרען, און נאָכקוקענדיג א ווייל מיט הנאה דעם לויפענדען יונגען מאַן, האָט ער גלאַט אזוי, פאַר זיך ארויסגעזאָגט: „מילא!" און זיך באַלד אויסגעצויגען אויפ'ן בעטעל, זיך איבערגעדעקט מיט'ן אויבער־ראָק ביז איבער'ן קאָפּ און צומאַכענדיג פעסט די אויגען, האָט ער זיך אַנגעשטרענגט איינצושלאָפען...

די ערשטע עטליכע מינוטען האָט ער ניט געקענט איינשלאָפען; עפּעס מאָדנע, מבולבל'דיגע געדאַנקען האָבען גענומען אויפטוקען אין זיין מח און זיינען אונבעמערקטערהייט פאַרשוואונדען; אַט האָט ער געקלערט וועגען איין זאַך און אַט גאָר — וועגען אַן אנדערער, וואָס האָט מיט דער פריהערדיגער גאָר קיין שייכות ניט. נור מעהר פון אַלעם האָט ער געקלעהרט, אז זי, אסתר'ל, איז נאָך גאָר א קינד, אינגאַנצען זיבעצעהן יאָהר אַלט, און ער

איז עלטער פאר איהר מיט גאנצע צעהן יאהר... צעהן יאהר! עפּעס א קליינינקייט אויסצורעדען!... ער הייסט דאך שוין אן אלטער בחור, און זי א יונגינקע מיידעלע — בלוט און מילך...

ער האט זיך דערמאנט אן די מיידלעך, וואס ער האט ליעב געהאט אין זיין לעבען, געקלערט פויל און ניט גערן וועגען יעדער איינער בעזונדער און דערביי האט ער זיך געפיהלט שולדיג געגען אסתר'ן... זי איז דאך נאך אזוי אומשולדיג, ווי א קינד...

א תאוה'דיגער שטראם האט זיך א יאג געטהאן איבער זיין קערפּער, ער האט זיך געמאכט בעקוועם אויפ'ן בעטעל און, קלעהרענדיג אזוי, איז ער איינגעשלאפען... — — — — —

ווען ער האט זיך אין א פּאאר שטונדען ארום אויפגעכאפּט און דערזעהן, אז אין צימער איז שוין שטאק-פינסטער, איז ער א צופריעדענער אויפגעשפּרונגען פון'ם בעטעל און באלד צוגעלאפען צום פענסטער זעהן, וואס פאר א וועטער עס איז איצט אין גאס.

און ער איז איבערראשט געווארען; עס האט איהם א בלענד געטהאן אין די אויגען — ווייס. א קלאהרער, ווייסער שנעע האט באדעקט די דעכער און די גאסען. שטרייפען־שאטענס האבען זיך געהוידעט אויפ'ן שנעע נעבען די אנגעצונדענע לאמטערנס און פון דער הויך זיינען ממזר'יש פארשייט געפאלען נאך שנעעלאך. ווי גוט!... אזא וועטער האט ער ליעב!... און אריינלויפענדיג מיט א גדולה אין עס־צימער, האט ער געזאגט דער בעל הבית'טע א פּאאר נארישע קאמפּלימענטען, און געפיהלט אז א אינערליכע פרייד שטראמט ים'ען־ווייז אין זיין הארצען; עס גלוסט זיך טהיילען מיט א נאהענטען פריינד, אדער — זיך גאר מאכען נאריש, שטיפען גלאט אזוי זיך...

— איהר ווייסט, מיסעס טוראוו, — האט ער זיך געווענדעט צו דער בעל הבית'טע — מיר האט זיך יעצט גע'חלום'ט א שעהנער חלום. אנו, טרעפט וואס?

— פון וואנען זאל איך וויסען וואס? אדרבה, דערצעהלט, וועל איך וויסען.

— אָה, זעהר אַ שעהנער חלום, שוין איינמאָל אַ חלום! אַט הערט:

— איך און איהר זיינען נאָך קליינע קינדער, ניין, כ'מיין יונגע קינדער פון אַכט־ניין יאָהר. מיר לערנען ביידע אין איין חדר, שפּיעלען זיך צוזאַמען. איינמאָל עקשן איך זיך איין, אַ נו, טרעפט וואָס? אַז איך וויל אייך אַ קוש טהאָן... אַזאַ חשק! ווילט איהר ניט. בעט איך זיך ביי אייך: „פּעסיעלע, איך בעט דיר, לאָמיך דיך אַ קוש טהאָן". דערהערט דאָס דער רבי און צושרייט זיך אויף מיר: „דו, שגץ איינער! אַ מיידעל טאָר מען ניט קושען!"

— נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ חלום?

— כאַ־כאַ־כאַ!

ער האָט אַליין אַנגעקוואָלען פון דעם ליגען, וואָס ער האָט ערשט אויסגעטראַכט...

די בעל הבית'טע האָט געלאַכט:

— געהט שוין, געהט מיט אייערע נאַרישע חלומות... אפשר וועט איהר טרינקען טהעע? אַנגיסען אייך?

— ניין, אַ דאַנק! קיין טהעע וועט ער יעצט ניט טרינקען, ער האָט קיין צייט ניט...

און דערזעהענדיג, אַז עס איז שוין זיבען אַזייגער, האָט ער זיך גענומען פּוצען און בערשטלען, אויף שנעל געכאַפּט אויף זיך דעם אויבער־ראָק און איז ארויס. דער געדאַנק, אַז ער וועט היינט וואַרטען פאַר אסתר'לען אַ גאַנצע שטונדע אין דער צייט, ווען דער שנעע ווייסט אין די אויגען, האָט איהם פערשאַפט אַ גע־וואַלדיגען פערגניגען און האָט אויפגעמישט אין זיין מח אַ וועלט מיט שעהנע זכרונות...

ארויסגעהענדיג אין גאַס האָט ער געפיהלט, ווי אַ קוואַל פון בעגייסטערונג האָט זיך ברויזענד צושטראָמט אין איהם; די ווייכ־קייט פון'ם אויסגעפאַלענעם שנעע אונטער די פיס, און יעדער צאַרטער ריהר פון די איינציגע נאַסע שנעעלאַך אויף זיין פּנים האָט איהם געמאַכט פיהלען לעבעדיג און מונטער; האָט ער זיך

שלאַנק אויסגעגלייכט, אויפגעהויבען דעם קאָפּ העכער און — אוועק...

און גאַס האָבען זיך יונגע פּאָרלאַך געשליטעלט. שנעל און עטוואָס קאָקעטיש זיינען די פערדלאַך געלאָפען, און דאָס קלינגען פון די גלעקלעך האָט זיך מיט אַן אנגענעהמער ווייכקייט געטראָגען אין דער ווייס־בלויער לופט...

נעבען דעם הויז, וואו אסתר׳ל האָט געוואָהנט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט. מאָדנע — די געלע ווענד מיט די ווייסע פּאַסיקלאַך שנעע אין די איינגעקאָרבטע ציגעל, די ברייטע, אייזערנע טיר מיט׳ן שוואַרצען נומער 1474 — אַלעס איז איהם איצט געוואָרען נאָך היימישער ווי אַלע מאָל. און געפיהלט האָט ער, אַז ער האָט איצט אַזוי פיעל קוראַזש, אַז קיין זאַך וואָלט איהם ניט אָבגעשראָקען; ער וואָלט אפילו געקענט אריינגעהן צו אסתר׳לען אין שטוב, און זאָלען איהם איהרע עלטערען עפּעס זאָגען!... אָבער, למאי זאָל ער עס טהאָן? עס איז דאָך בעסער און שעהנער צו וואַרטען אין דרויסען... און דרעהענדיג זיך הין און צוריק פאַר׳ן הויז, האָט ער זיך אַלע ווייל צוגעהערט צו יעדען סקריפּ פון א טיר און צו יעדען הילך פון טריט אויף די שטיגען: אפשר געהט דאָס זי, אסתר׳ל?...

— סאַראַ שעהנער אָבענד! — האָט ער אָנגעקוואָלען אין זיך.

און מיט אמאָל, דוכט זיך גאָר געגען זיין ווילען, האָט ער אָנגעהויבען קלערען, אַז נאָך אין דער־היים האָט ער ניט איינמאָל געוואָרט פאַר אַ געליעבטער מיידעל אין אַזעלכע אָבענדען... און אין דעם מאָמענט איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, וועגען וועלכען ער האָט גאָר קיין מאָל ניט געקלעהרט. — וואַרט אַ ווייל, לאָז ער נאָר די זאַך גוט בעקלעהרען: פאַרוואָס אַלע מאָל, ווען ער האָט אָנגעהויבען ליעב האָבען אַ מיידעל, האָט ער באַלד אויפגעהערט אריינצוגעהן צו איהר אין הויז, און ווען ער האָט זיך מיט איהר געוואָלט זעהן, האָט ער געמוזט וואַרטען אונטער׳ן פינסטער?... פאַרוואָס איז דאָס? — האָט ער אָנגעשטרענגט די געדאַנקען... איבעריגענס, וואָס דאַרף ער זיך יעצט ברעכען

דעם מח?... אָבער אַ געלעכטער איז דאָס, ווי מען זעהט איהם אַ לעבעדיגען!

און ער האָט זיך אַזוי קלאָר פֿאָרגעשטעלט זיין שטעדטעל און נאָך פֿיעלע אַנדערע שטעדטלאַך, וואו ער איז געווען אַ לעהרער; אין אַט די אַלע שטעדטלאַך שטעהט זיך אַ בחור ביינאַכט אונטער'ן פענסטער און וואַרט... ווער איז דער בחור? ער אַליין, חאַצקעל בורין... אויף וועמען וואַרט ער? — היינט אויף מאַניאַ'ן, מאָר־גען אויף טאַניאַ'ן, איבערמאָרגען — אויף קלאַראַ'ן... ער האָט געהאַט גענוג... און יעצט וואַרט ער דאָ, שוין אין אַמעריקאַ, אויף אַ מיידעל, וואָס מען רופֿט אסתר... אַן אייביגער וואַרטער... אָבער אסתר'לען וועט ער שוין ס'פערשטעהט זיך, שטענדיג ליעב האָבען... און דאָך איז עפּעס מאָדנע, וואָס ער איז יעצט פער־ליעבט אין אַ מיידעל פון זיעבצעהן יאָהר!... ווייל אין דער אמת'ען האָט ער אַליין שוין גאָר געדענקט, אַז פערליעבען זיך ווי אַמאָל וועט ער ניט קענען; ער איז דאָך שוין ניט קיין אינ־געלע, ער קוקט שוין גאָר אַנדערש אויף פרויען... און חוץ דעם, קומט ער אָפּט אריין צו זיינע פריינד, וועלכע זיינען שוין יאָהרען־לאַנג פערהייראַטה, זעהט ער ווי פראָסט און וואָכעדיג די ליעבע ווערט...

— אָבער — האָט ער זיך אַליין געוואָלט איינרעדען — דאָס דאַרף ער זיך אויך צום האַרצען ניט נעהמען, ווייל ער און אסתר'ל וועלען איינפיהרען גאָר אַן אַנדער מין צוזאַמענלעבען... אַזאַ, אַז אַלע וועלען שטוינען און מקנא זיין... עס פערשטעהט זיך, אַז אייַלען זיך איז ניטאָ וואָס; עס מעג זיין שפּעטער מיט... נו, מיט צוויי יאָהר. זי איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד, זי קוקט אפילו אויס העכער און עלטער פון איהרע יאָהרען, אָבער — פֿאָרט אַ קינד...

און דאָס, וואָס ער איז מיט גאַנצע צעהן יאָהר עלטער פֿאַר איהר איז דאָך אודאי גוט!... און דאָס, וואָס ער האָט פֿאַר איהר געהאַט אפשר צעהן אַנדערע, איז אויך ניט שלעכט!... וואָרים עס וועט דאָך אויסקומען אַזוי, אַז זי, די ניט געניטע, יונגינקע

מיידעלע וועט קוקען אויף איהם ווי אויף א גרויסען ערפאהרענעם מענשען און האבען דרך ארץ פאר איהם.

און אסתר׳ל איז דאך טאקי אזוי נאאיוו ווי א קינד. אפטמאל האנדעלט זי אזוי נאריש און קינדערש, אז ווילענדיג, ניט ווי־לענדיג, מוז ער לאכען דאס גרעסטע געלעכטער און — למאי זאל ער לייקענען? — ער האט דערפון די גרעסטע הנאה...

אט אנומעלט, האט זי איהם אפנים געוואלט מאכען אייפער־זיכטיג, דערצעהלט זי איהם, אז אייבי פון „נעקסט דאר" וועל־כער האט מיט איהר צוזאמען געלערנט אין „סקול" און האט ערשט פאראיאהרען ארויסגענומען „ווארקינג פייפערס" — אט דער אייבי „גלייכט" איהר... און נאך א זאך: ווען ער האט דאס ערשטע מאל אנגעטהאן לאנגע הויזען, איז ער געקומען צו איהר פרעגען צי עם פאסט איהם...

— א שעהנע מעשה, כ׳לעבען! אזוי נאאיוו און קינדעריש!

און דאס קינדערישע אין איהר האט ער דאך אזוי ליעב!... דערפאר דערצעהלט ער איהר גאר ניט וועגען זיינע פריהערדיגע ליעבעס, ווייל איהם דוכט זיך, אז ווען ער רעדט נור ארויס פאר איהר איין ווארט וועגען דעם, וואלט ער זיך געפיהלט אזוי זינדיג ווי א פרומער איד, ווען ער רעדט ארויס אונגערן דאס ווארט „חמץ" אום פסח... און בכלל: זאל זי ניט וויסען וועגען אזעלכע זאכען; בעסער אזוי...

אכט אזייגער איז אסתר׳ל ארויסגעקומען.

ער איז איהר אנטקעגען געגאנגען מיט א שמייכעלע, און זיין פנים האט געשטראהלט פון גליק.

— דו ווארטסט שוין דא לאנג? — האט זי איהם געפרעגט.

— און איך האב געמיינט, אז היינט וועסטו ניט קומען.

— פאר וואס?

— עס שנעעט דאך...

— אזא נארישקייט! און אז עס שנעעט איז וואס? ווי האט זי דאס געקענט דענקען? אבער וואס ארט דאס איהם? ער ווייסט דאך, אז דאס פרעגט זי, גלאט אזוי, אבי זאגען א פאאר ווער־

טער — אַ קינד... און אַנגעהמענדיג זי אונטער'ן אָרם, זיינען זיי ביידע אַוועק.

— נו, אסתר'ל, דערצעהל עפּעס נייעס; ווי האָסטו זיך היינט געפיהלט ביי דער אַרבייט?

אַזעלכע אָדער ענהליכע פראַגען פרעגט ער זי יעדען מאָל, און ווי ווייט מעגליך סטאַרעט ער זיך, ניט צו רעדען מיט איהר וועגען הויכע ענינים, פון וואָס זי האָט קיין בעגריעף ניט. און ער האָט אמת הנאה פון די קליינינקייטען, וואָס זי דערצעהלט איהם אַלע מאָל מיט אַזאַ קינדערשען ערנסט, ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען זעהר אַ וויכטיגער זאַך...

— נו, האָב איך היינט געהאַט אַ טאָג, — האָט זי זיך אָנגעהויבען קלאָגען פאַר איהם.

— וואָס פאַר אַ טאָג? אַ שלעכטען?

— ער פרעגט נאָך! „מאַי גאָד!" מען האָט דאָך מיך היינט שיער־שיער בלינד געמאַכט...

— וואָס? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן ניט טויט און ניט לעבעדיג, און זיך דאָך שיער ניט פונאַנדערגעלאַכט...

— דאָס, וואָס דו הערסט: שיער בלינד געמאַכט. אָט הער: דו ווייסט דאָך, אַז מיר האָבען אַ צודרעהטען פאָרמאַן, רק ער מאָרדעוועט זיך ווי דער טאָג איז גרויס; די פיגורס אין שאַפּ לאָזט ער ניט איינשטעהן אויף קיין אָרט, ער רוקט און דרעהט איין פיגור אַהער און דעם צווייטען אַהין. האָט ער היינט אומגעוואָרפען אַ פיגור און געטראָפען מיר אָט אַהער אין דער באַק אַריין. ווען נאָך אַביסעלע, טרעפט ער מיר אין אויג אַריין און איך ווער בלינד. איך האָב זיך אַזוי דערשראָקען, אַז איך האָב שיער ניט גע'חלש'ט... אַזאַ „קרייזי טהינג!"

— אַנו, ווייז די באַק. — האָט ער זיך אָבגעשטעלט מיט איהר נעבען אַ לאַמטערן און גענומען בעטראַכטען איהר באַק — יע, עס איז טאַקע דאָ אַ בלויער סימן — האָט ער צוגעגעבען, כאָטש קיין סימן איז ניט געווען...

— וואָס זשע האָסטו געטהאָן? — האָט ער זי איבערגע־פרעגט.

— וואָס האָב איך געאָלט טהאָן? איך האָב אַ געשריי גע־טהאָן: „אוי!"...

חאַצקלען איז געפעלען געוואָרען ווי זי האָט יעצט פינקטליך געוואָלט נאָכמאַכען דעם „אוי", וואָס זי האָט אויסגעשריען אין שאַפ און ער האָט זי בערוהיגט, שמייכלענדיג דערביי:

— וועל. עס וועט דיר גאָר ניט זיין. עס וועט זיך פער־היילען.

אָבער פערדראָסען האָט איהם דאָך אויף דעם צודרעהטען פאָרמאַן, וואָס איז אַזוי ניט פאָרזיכטיג און וואַרפט אום אַ פיגור אויף זיין אַסתר'לען. אַזאַ ווילדע בריאה! געווים געוועזן אַ בינדיוזשניק אין דער היים...

— וואוהין געהן מיר? — האָט זי זיך אָבגעשטעלט.

— וואָס הייסט וואוהין? גלאַט אַזוי; אין דרויסען איז אַזוי שעהן, וועלען מיר זיך אַביסעל דורכגעהן. ביזט אפשר מיעד?

שור, איז זי מיעד! און נאָך אַ זאַך: זי איז אויף איהם ברוגז...

— ברוגז — האָט ער זיך כלומרשט דערשראָקען — פאַר וואָס?

— נו יאָ, ברוגז — האָט זי אָנגעכמורעט די ברעמען — ער פרעגט נאָך פאַר וואָס; דו האָסט אַזוי פיעל בעקאַנטע, דו אַליין האָסט מיר דערצעהלט, אַז זיי זיינען אַלע געבילדעטע מענשען און אַז זייערע פרויען זיינען אויך געלערנטע... דו פערברענגסט דאָרט געווים גאַנץ פיין, און וויפיעל איך האָב דיך געבעטען, אַז דו זאָלסט מיר אויך אַביסעל „אינזשאַיען", לענסטו דאָס אָב פון איין טאָג אויפ'ן צווייטען...

חאַצקעל האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען; איהם האָט זיך זעהר ניט געוואָלט, אַז זי, אַזאַ ריינע, אונשולדיגע קינד, זאָל בעקאַנט ווערען מיט זיינע פריינד... ער שעהמט זיך חלילה ניט מיר איקר. דאָס דוכט זיך איהם נור אויס אַמאָל־אַמאָל...

אָבער... זי פאַסט גאָר ניט אין יענעם הרייז: יענע זיינען

שוין מענשען מיט איבערלעבונגען, מיט קרענקליכע קאַפּריזען און מיט מאָדנע שטימונגען — אידיש־רוסישע צוריסענע אינטעליגענטען... ווען זיי קומען זיך צונויף, רעדען זיי רק וועגען הויכע ענינים וועגען ליטעראַטור, וועגען מענשען און לעבען און וועגען וואָס דען ניט! וועגען ליעבע, ווי זי איז אין אָנפאַנג טרוימעריש און סענטימענטאַל און נאכהער ווערט זי טרוקען, בעל הבתיש... און אַמאָל, ווען אַלע געשפּרעכען ווערען נמאס, לעשט מען גאָר אויס די „גאַז" און זיצענדיג אין דער פינסטער, רויכערען איינינע געגען שפּיגעל און מאַכען זיך נאַריש, גלאַט אַזוי זיך; איינינע דערצעהלען עראינערונגען און האַבען הנאה, און אַנדערע זעצען זיך אויס אין פערשיעדענע ווינקלען איינציגווייז, דאַן פיהלט מען דאָך ווי דער אומעט שרייט דאַ ארויס פון אַלעם — פון די שטילע, צוואָוואַרפענע זיפצען, פון די מעשה'לאַך, וואָס מען דערצעהלט, און אפילו פונ'ם שטיפערישען געלעכטער...

און אסתר'ל איז דאָך נאָך אַ קינד. אַ לעבעדיגע און אַ געזונדטע... ניין, ער וויל זעהר ניט אריינפיהרען זי אין זיין קרייז פריינד...

— דו מיינסט, אַז דאָרטען אַז אַזוי געוואַלדיג אינטערעסאַנט — האָט ער זי אָנגעהויבען אָבצושלאָגען — גאָר ניט. חברים פון דער היים, קום איך אריין צו זיי...

— אַ־אַ! דו הויבסט שוין אָן בלאָפען; איך וויל ניט. דו מוזט מיך אויך מיטנעהמען. — האָט זי זיך גע'עקשן'ט.

— „אָלל־רייט"! — האָט ער געענטפערט, פאַרשטעהענדיג, אַז ער וועט זיך פון איהר מיט קיינע תירוצים ניט אויסדרעהען. אָבער — האָט ער בעשלאָסען — פריהער וועט ער בעטען זיינע פריינד, אַז זיי זאָלען זיך רעכנען מיט איהר, ווי מיט... נו, ווי מיט אַ וואוילע קינד, און אין איהר אנוועזענהייט זאָלען זיי זיך פיהרען אַנדערש... ניש'קשה, ער וועט זיי שוין אַלעם ערקלעהרען... זיי וועלען אפילו ווערען איבערראשט פון דער נייעס, וואָס ער וועט זיי דערצעהלען, נו, מילא! וואָס ארט דאָס איהם?...

— גערענק־זשע! זאָלסט מיך מעהר ניט נאַרען! — האָט זי איהם געדראָהט מיט'ן פינגער.

— ניין, ניין. — האָט ער איהר נאָכגעגעבען.

זי האָט זיך איבערגעבעטען און באַלד האָט זי איהם דער־צעהלט נאָך אַ מעשה:

— דו געדענקסט, עהרנעכטען, ווען מיר זיינען ביידע גע־גאַנגען אין גאַס, האָט אונז בעגעגענט אַ מיידעל און האָט מיר געזאָגט „העללאָו!" — געדענקסט?

יאָ, ער געדענקט.

— דו ווייסט ווער די מיידעל איז? ניין? זי ארבייט מיט מיר אין איין שאפּ. האָט זי מיך היינט געפרעגט, ווער דו ביזט, האָב איך געענטפערט, אַז דו ביזט מיין „באָי"...

זי האָט פערשעהמט אַראָבגעלאָזט די אויגען, און ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט; עס איז איהם שטאַרק געפעלען געוועזען, וואָס זי האָט אַזוי געענטפערט; ס'אַרא טהייערע זי איז! זי גע־דענקט זאָגאַר, אַז די מיידעל האָבען זיי בעגעגענט עהרנעכטען. אָבער דאָס וואָרט „באָי" האָט ער ניט ליעב, און עס קומט איהם אוים מאָדנע, וואָס ער, חאַצקעל, איז גאָר אַ „באָי..."

און דאָ האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז נאָך אין דער היים, ווען ער פלעגט אַריינגעהן צו די סעלצערס, וועלכע האָבען געוואָהנט אין זאַוואָד — דאַמאָלס איז ער געווען ניט גלייכגילטיג צו ליובא סעלצער — איז דאָרטען געווען אַ הינטעל, האָט עס ליובא גע־רופען „באָי" דערפאַר, ווייל עס פלעגט זיך שטענדיג בייסען מיט אַלע שכנ'ישע הינט... און יעצט איז ער אויך אַ „באָי"... כאַ־כאַ־כאַ! וואָס פאַר נאַרישקייטען עס פאַלען איהם איין! גאָר אַ משל מיט אַ הינטעל!... ער איז דאָך איהר „באָי", אסתר'לס... און ער האָט אַ זאָג געטהאָן אויפגעלעגט:

— גוט, וואָס דו האָסט אַזוי געענטפערט! דערפאַר קומט דיר אַ קוש!...

— יע — האָט זי אָנגעהויבען דערצעהלען ווייטער — דו

מיידעל האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי דו הייסט, האָב איך איהר געזאָגט: טשאַרלי...

— טשאַרלי? — האָט ער איבערגעפרעגט פערוואונדערט, העד רענדיג זיין שפּאָגעל־נייעם נאָמען — פאַר וואָס עפּעס טשאַרלי?...

— ווייל טשאַרלי איז אַ שעהנער נאָמען... וואָס דען כאַצקעל איז אַ נאָמען? פּע, דאָס איז אַ „פּאָני ניים" און פון היינט אָן וועט זי איהם שוין שטענדיג רופען טשאַרלי... געפעלט איהם דער נאָמען?

חאַצקלען איז אפילו דער נאָמען ניט שטאַרק געפעלען געד וועז, ווייל אונטער אַזאַ נאָמען האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַ טיד פּישען „באָי", וועלכער געהט זיך אין גאַס צום טאַקט פון אַ ביד ליגען וואָדעוויל ניגון, וואָס ער פּייפט ממזר'יש אויס... אָבער איבעריגענס, וואָס אַרט דאָס איהם? און ער האָט געענטפערט נאָכגעבענד:

— רוף מיך טשאַרלי, רוף מיך ווי דו ווילסט! אָבער ליעב האָסטו מיך.

— יעס, איך גלייך דיר. — האָט זי געענטפערט שטיל און האָט זיך צערטליך געטוליעט צו איהם...

ביידע זיינען געוואָרען באַדעקט מיט שנעע, האָט זי די שנעעלאַך געוואָלט אָבטרייסלען, אָבער ער האָט דאָס ניט דערלאָזט: נאָך וואָס זאָל זי דאָס טהאָן? איהם איז דאָך אַזוי אנגענעהם צו קוקען ווי איהר שוואַרצער מאַנטעל איז געוואָרען ווייס, און — ווי איינינע שנעע־לאַך האָבען זיך אריינגעפּלאָנטערט אין איהרע האָאָר...

שפּעטער, ווען ער האָט זי אַהיים אָפּגעפיהרט, איז ער נאָך לאַנג געשטאַנען מיט איהר אויף די שטיגען אין פינסטערען האָלל. ער האָט געקושט איהרע אויגען, דעם שטערן, דאָס מויל און זי שטייף געטוליעט צו זיך...

זי האָט, ווי אַלע מאָל, אַראָבגעלאָזט די אויגען און געשוויגען. נור איידער ער איז אַוועק, האָט זי איהם אין איילעניש אַ קוש געד טהאָן און באַלד אַוועקגעלאָפען, ניט אומקוקענדיג זיך אַהינטער.— „גוד באָי"! — האָט זי אין דער שטיל ארויסגעשעפּטשעט —

„גוט באי“! און פאַרזיכטיג האָט זי געגומען אַנקלאַפּען אין טיר...

א גליקליכער איז חאַצקעל ארונטער פון די שטיגען. אין דרויסען איז ער געבליבען שטעהן, געכאַפּט אַ קוק ארויף, צו די פענסטער און צום וויפיעלטען מאָל ווידער בעטראַכט דאָס הויז, ווי עפּעס אַ טשיקאַווע נייעס...

— נאָך צו פריה! — האָט ער אַ קלעהר געטהאָן — אהיים דאַרף ער זיך ניט איילען. צו וואָס? ער האָט זיך בייטאָג גוט אויסגעשלאָפען. ארבייטען, ארבייט ער איצט ניט, ער האָט גענוג צייט... וואוהין זשע געהט מען איצט אריין? ער וועט אריינגעהן צו די טשערנאָווס; ער איז שוין דאָרטען טאַקע לאַנג ניט געווען...

ביי די טשערנאָוו'ס האָט ער געטראָפען די גאַנצע קאָמפּאַניע בעקאַנטע, וועלכע קומען זיך צונויף יעדען אָבענד.

— וואָס מאכסטו, בחור, — האָט איהם טשערנאָוו, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, וואָס איז שוין באַלד אַכט יאָהר פערהייראַטה, אָבגעגעבען דעם ברייטען ברוך־הבא — שוין אַזאַ לאַנגע צייט דיך ניט געזעהן! וואו ווערסטו דאָס פערפאַלען? וואו ביזטו געווען אין די גרויסע פרעסט?

— געווען פארנומען. — האָט ער געענטפערט קורץ, שמייכלענדיג פיעלבעדייטענד און זיך אוועקגעזעצט אַנגעטהאָן אין דער הוט.

— חברה! — האָט זיך טשערנאָוו געווענדעט צו אַלעמען — איך האָב מורא, אַז מיט אונזער בחור איז עפּעס ניט גלאַט... אפשר, די בייזע שעה זאָל גאָר ניט זיין, איז ער... פערליעבט...

אַלע האָבען געלאַכט און געקוקט אויף חאַצקלען נאָכפאַרשענד.

— און אַז פערליעבט איז וואָס? — האָט חאַצקעל אַ זאָג געטהאָן עפּעס ווי ניט ווילענדיג...

— געוויס, איז ער פערליעבט — האָט זיך טשערנאָוו ווייטער גע'חכמה'ט — איהר זעהט דען ניט ווי ער איז געוואָרען צוקערדיגסענטימענטאַל; ווי זיינע אויגען האָבען אַנגעהויבען קוקען טרוי־

מעריש און טאָקע אַביסעל לעקישעוואַטע — אַ סימן פון אַ פאַר־ליעבטען...

— געהט שוין צום טייפעל — האָט חאַצקעל געענטפערט האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט — איהר זיינט שוין אַלע אַלטע אַבגעלעבטע מענשען...

חברה איז צוגעשטאַנען צו איהם, און ער האָט זיך מודה גע־ווען. אַבער דערצעהלט האָט ער דאָס מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט דאָ מי יודע וואָס פאַר אַ פאַרברעכען אַבגעטהאָן...

— טו, ברענגט זי אַהער! — איז די מיסעס טשערנאָוו צו־געשטאַנען צו איהם.

חאַצקעל האָט זיך אָנגעהויבען קווינקלען.

— וואָס איז, איהר שעהמט זיך?

ניין. חלילה! ער שעהמט זיך ניט. אַבער... און ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען, וואָס פאַר אַ וואוילע מיידעל זיין אסתר'ל איז, וואָס פאַר אַ לעבעדיגע זי איז. אַבער... הם. זי פּאַסט ניט אין אַזאַ קרייז... — — — — —

— זאָלסט זיך גאָר ניט זאָרגען — האָט זיך אַבגערופען ראָק־לין, שוין אַן עלטערער בחור, — דו ברענג זי נור אַהער. מיר וועלען איהר געבען לייענען פּשיבישעווסקי'ן, קנוט האַמסון'ען און אַבי־סעלע אַרציבאַשעוו'ן, וועט זי מיט דער צייט גאָר ווערען אַן אַנדער מענש...

— ניין. דאָס דאַרף מען ניט — האָט זיך חאַצקעל כמעט גע־בעטען — זאָל כאָטש איין געזונטער מענש זיין צווישען אונז; מען דאַרף איהר ניט פערדרעהען דעם קאָפּ...

— גוט, ברענג איהר אַהער! — זיינען אַלע אין איין קול צוגעשטאַנען צו איהם.

ער האָט צוגעזאָגט.

אין עטליכע טעג אַרום איז חאַצקעל געקומען מיט אסתר'לען צו די טשערנאָווס. מיט'ן גאַנצען האַרצען האָבען אַלע געוואָלט זיין צו איהר וואָס פריינדליכער; זי איז דאָך חאַצקעלס אַ... אַ וואָס? אַ געליעבטע? אַ כלה? — זיי האָבען דעם ריכטיגען נאָמען

ניט געקענט געפינען — אָבער קוקענדיג אויף איהרע קינדערשע, אונשולדיגע אויגען האָבען זיי זיך אַלע געפיהלט ווי מיט צוגע־שלאָסענע מיילער, און וויפיעל זיי האָבען זיך ניט געסטאַרעט צו פיהרען אַזאַ געשפּרעך, אַז זי זאָל אויך קענען אַנטהייל נעהמען, האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט...

חאַצקעל האָט זיך זעהר שלעכט געפיהלט; צו וואָס האָט ער זי אַהער געבראַכט? זיי זאָלען זאָגען מבינות אויף איהר? און וואָס קענען טאַקע אַזעלכע מענשען רעדען מיט איהר, מיט זיין אסתר'ען? זי איז דאָך אַ קינד אַקעגען זיי. אַזאַ וואויל קינד...

— נו, ווי געפעלען דיר מיינע בעקאַנטע? — האָט חאַצקעל געפרעגט אסתר'לען, ווען זיי זיינען ביידע ארויסגעגאַנגען אין גאַס.

— עס איז זעהר אומעטיג מיט זיי — האָט אסתר'ל געענט־פערט ענטטוישט — מען קען זיך מיט זיי ניט „אינזשאַיען". איך גלייך ניט אַזעלכע...

— נו, האָב איך דיר דען ניט געזאָגט אַז ס'איז דאָרטען ניט אינטערעסאַנט? — האָט ער אַ צופריעדענער געזאָגט — זיי זיי־נען אַנדערע מענשען און מ י ר זיינען אויך אַנדערע מענשען... גאָר ניט — פריהער האָב איך ניט געהאַט וואוהין אריינצוגעהן, בין איך אריינגעגאַנגען צו זיי...

— און מעהר וועסטו אַהין ניט גהען? — האָט זי איהם געפרעגט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, און אין אַ ווייל̇ע אַרום האָט ער גע־ענטפערט:

— געוויס ניט!...

און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער וועט האַלטען וואָרט...

# אַן איינפאַל פון אַ מיידעל.

יט אַ פרעהליכע מינע אויפ'ן פּנים, גאָר ניט ווי איהר שטייגער איז געווען אַלע מאָל, איז טיליע מעלמאַן אויף דער נאַכט אַהיים געקומען, און אויסטהוענדיג געמיטהליך די הוט מיט'ן דזשע־קעט, האָט זי ביי דער בעל־הבית'טע אַ פרעג גע־טהאָן:

— האָט דאָ היינט קיינער אויף מיר ניט געפרעגט?

די בעל־הבית'טע, טאַקי טיליע'ס אַ חבר'טע, אין איינע יאָה־רען מיט איהר, וועלכע איז שוין פינף יאָהר געווען פערהייראַט, האָט אויף איהר מאָדנע די אויגען אַנגעשטעלט און זיך גע'חדוש'ט:

— וואָס זשע, טיליע, אימיצער האָט דען היינט געדאַרפט זיין ביי דיר?

— אַ יונגערמאַן האָט געדאַרפט זיין, — האָט טיליע געענט־פערט מיט אַ שמייכעל. און וויל זי האָט אַליין קיין חשק ניט געהאַט יעצט אַ צו רעדען מעהר פון דעם יונגענמאַן, וואָס האָט דאָ געדאַרפט זיין, איז זי מיט כלומר'שטער זעלבסטווירדע צו זיך אין צימער אַוועק און פון דאָרטען האָט זי שוין איבערגע־דרעהט דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער זייט דורך אַזאַ איינפאַל:

— נו, אַ וועטער! — מאַכט זי אַזוי הויך אויפ'ן קול, בע־טראַכטענדיג די נאַסע שויבען, דורך וועלכע די נאַכט קוקט אַריין.

— ווי געפעלט דיר, בלומע, דער היינטיגער וועטער?

איהר איז אייגענטליך געווען אַלץ איינס, צי בלומע'ן געפעלט דער וועטער צי ניין, און דערפאַר האָט זי טאַקע גאָר אויף קיין ענטפער ניט געוואַרט און ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, יאָ, ס'הויבט זיך שוין אָן דער אָסיען מיט די כמאַרנע, רעגנענדיגע טעג, און אָט באַלד קומט שוין טאַקע אָן דער ווינטער.

— שור געהט שוין צו ווינטער, —האָט בלומע געענטפערט פון דער קיך, אויסלעגענדיג אויף אַ בעקעלע צושניטענע שטיקער פיש צום פּרעגלען.

אָט די אַרבייט האָט זי שוין געמאַכט פאַרזשובעט און פאַר'מרוד. האָט זי גענומען קלערען דערפון, וואָס בעריש, דער מאַן איהרער, האָט זעהר ליעב געפּרעגעלטע פּיש, און דאַמאָלט איז שוין געוועזן אַזוי נאַטירליך זי זאָל זיך דערמאָנען, אַז ביינאַכט איז שוין יעצט קיהל צו שלאָפען, און דערפאַר טאַקע האָט זי גאָר פּלוצים, ווי פון דער העלער הויט, אַ זאָג געטהאָן הויך אויפ'ן קול:

— הלואי האָב איך קויהלען, וואָלט איך שוין אָנגעהויבען מאַכען דעם אויוועז...

טילי'ן האָט אָט דער ענטפער שטאַרק פערדראָסען. — אַ נאַרישע אידענע געוואָרען די בלומע, די חבר'טע איהרע; באַלד עפּעס איז זי דאָ מיט דער בעל־הבית'ישקייט! צי מען פרעגט זי יאָ, צי מען פרעגט זי ניט, הויבט זי באַלד אָן דערציעהלען ווי אַזוי איהר בעריש האָט זי ליעב, ווי ער ציטערט איבער איהר ווי איבער אַן אבן־טוב און גיט איהר אַוועק ד גאַנצע געלד, וואָס ער פערדיענט. — אַ יאַכנע געוואָרען, אַ פשוט'ע יאַכנע, דאָס אַלעס!...

טאָמער האָט זי איצט געוואָלט זיך אַביסעל דורכרעדען מיט איהר אַזוי האַרציג און פריינדליך, ווי אַמאָל ווען זיי זיינען נאָךביידע מיידלעך געווען, איז זי אין מיטען דערינען אריינגעפּאַהרען מיט די קויהלען און מיט'ן אויוועז... ווען געהט דאָס אָן, צי מען וועט דאַרפען הייצען דעם אויוועז, צי ניין?!

זי טיליע, ווייסט גאַנץ גוט, אַז פאַר אַכט־צעהן דאָלאַר אַ מאָנאַט קען מען קריגען אַ וואַרים צימער אין אַלע צייטען, און קלערען קלערט זי גאָר דערפון, וואָס ווינטער פיהלט זי זיך עפּעס בעסער, מונטערער; אין האַרצען נאָגט ניט אַזוי שטאַרק דער וועהטאָג, וואָס איז אין דער טבע פון אַלע פאַרזעסענע מיידלעך, און אין

די אויגען וואַרפען זיך ניט אַזוי פיעל די יונגע צוציקעס, די פער־ליעבטע פּאַרלעך, וואָס וואַקסען אויס אום זומער ווי שוועמלאַך נאָך אַ רעגען...

ווען זי האָט אַנגעצונדען די געז, האָט זיך איהר מיט אַמאָל אַנגעהויבען דוכטען, אַז די פּוסטקייט פון איהר מיידליש אויפ־געראוימטען צימער האָט זיך איצט נאָך מעהר ווי אַלעמאָל פון אַלע ווינקעלעך גענומען שפּארען און — מאָדנע: מעהר פון אַלעס האָט זיך איהר געוואָרפען אין די אויגען דער גרויסער שפּיגעל, וואָס איז ביי דער וואַנד געשטאַנען. — ס'איז דאָך מעהר ווי זיכער אַז דער שפּיגעל איז דאָ אַן איבעריגע זאַך... און ס'קען גאָר זיין אַז בלומע האָט איהם אומיסטען דאָ אוועקגעשטעלט, אבי זי זאָל זיך ערגערען... עפּעס האָט זי מורא געהאַט נאָהענט צו־צוגעהן צו איהם און דאָך איז זי צוגעגאַנגען און זיך אַליין אָנ־געהויבען בעטראַכטען...

קודם כל — אויגען... בנאמנות, שעהנע אויגען, אויסדרוקס־פולע, בלויע און די הויפּט זאַך — קלוגע. דאָס פּנים — אויך ניט מיאוס; אפילו אביסעלע אויסגעצויגען, ארויסגעשטאַרטע קינס, ערטערווייז שוין געקנייטשט, אָבער דאָך חנ'עוודיג... ס'איז ניט מעהר — די פיגור; אביסעלע סטולעוואַטע, עטוואָס, קוים וואָס מען בעמערקט, און די הענד אביסעל צו־לאַנג. צייטענווייז פאַלט אפילו איין אזא משוגע'נער געדאַנק: אזעלכע הענד איז גוט צו האָבען בלויז ווינטער, ווען מען בעהאַלט סיי ווי סיי אין אַ מופטע... אָבער דאָס איז דאָך אַלץ קלייניגקייטען, און ער, לייזער, דער שטילער, שעהמעוודיגער יונגערמאַן, אויף ווען זי קוקט אַרוים — ער רעכענט זיך געוויס ניט מיט אַזעלכע קליי־ניגקייטען... און איבעריגענס, זי איז דען עפּעס אויסען? גאָר־נישט, זאָל ער אריינקומען גלאַט אַזוי...

אַן אויפגעלעגטע האָט זי זיך אויף דער ווייכער זאָפע אויס־געצויגען און גענומען איבערקוקען די טעגליכע צייטונגען. גע־זוכט האָט זי בלויז פּיקאַנטע מעשיות: עפּענטליכע פאַמיליען־סקאַנדאַלען, גט־פּראָצעסען איבער אונטרייהייט. אָט די זאַכען

האָבען זי שטאַרק אינטערעסירט און עפּעס האָט זי געהאַט אַ באַ־זונדער מין פּערגעניגען דערפון, וואָס אין דער לעצטער צייט איז דער פאַמיליען־לעבען ביי לייטען ניט אַזוי שטיל און אנגענעהם ווי אַמאָל... ווי אויף צו להכעיס אָבער זיינען דעם טאָג קיין פּי־קאַנטע נייעסען ניט געווען, און אַזוי ווי קיין אַנדערע זאַכען האָ־בען זי ניט אינטערעסירט, האָט זי אַזוי לאַנג געדרעהט און גע־מישט די צייטונגען אויף אַלע זייטען. ביז ס'איז איהר אומעטיג געוואָרען. אַלע ווײַלע האָט זי אַן אונגעדולדיגע אויפ'ן זייגער געקוקט, מיט אַ פּערכאַפּטען אָטעם האָט זי זיך צוגעהערט צו די טריט, וואָס האָבען זיך פון צייט צו צייט פון די שטיגען געהערט; זי האָט רק געמיינט, אַז אָט־אָט קומט ער, און פּערדריסליך איז געווען צו הערען ווי די טריט דערנעהנטערען זיך צו אַ פּרעמדער טיר און ווערען איבערגעהאַקט.

פּיינליך שווער האָט זיך די צייט געצויגען, דער צו־שטאַרקער ריח פון די אויף בוימאייל געפּרעגעלטע פיש איז איהר געווען דערווידער, דאָס קלאַפּען פון רעגען אויף די גלאַנציגע, נאַסע שויבען האָט זי אַנגעהויבען ערגערען, האָט זי שוין אָנגעהויבען קלע־רען, אַז אַזוי ווי ער וועט איצט סיי ווי סיי ניט קומען, איז דאָס בעסטע — אוועקצוגעהן צו וועמען ס'ניט איז פון איהרע בע־קאַנטע מיידלאַך. און פּאַרגעשטעלט האָט זי זיך שוין, אַז דער היינטיגער אויף דער נאַכט וועט אוועקגעהן אָט אַזוי:

ביז שפּעט אין דער נאַכט וועט זי דאָרט ביי איהר חבר'טע זיצען; ווי שטענדיג וועט זי פאַר איהר אַרויסווייזען אַן איבער־נאַטירליכע פריינדשאַפט און אויף אַ כיטרען אופן וועט זי ביי יענער אויסנאַרען אַלע איינצעלהייטען, ווי אַזוי זי פערברענגט מיט איהר געליעבטען... יענע וועט איהר דערצעהלען פּיקאַנטע מעשיות — אַ וועלט. און נאָך דעם, ווען זי וועט ווידער אַהער קומען, וועט פון יענעם צימער אַרויסשימערען אַ קליינטשיק געז־פּייערעל, בלומע און בעריש וועלען שוין לאַנג שלאָפען געשמאַק, וועט זי זיך אין דער פינסטער אַוועקלעגען אָט דאָ אָ, אויף דער ווייכער זאָפע און אַזוי לאַנג קלערען פון דעם, וואָס די חבר'טע

האָט איהר דערצעהלט, ביז זי וועט אָ מיעדע אָנשלאָפען ווערען מיט פערקריצטע צייהן... זי האָט זיך שוין געוואָלט אָנהויבען אָנטהאָן, איז אָבער אין מיטען דערינען בלומע אריינגעלאָפען צו איהר מיט אַ גדולה, און ווישענדיג דאָס פאַריווע מעסער אינ'ם קויטיגען פארטוך, האָט זי איהר אין איילעניש זעהר אַ וויכטגגע נייעס דערצעהלט:

— דו ווייסט, טיליע, — גיט זי איהר אַ זאָג אין איין אָטעם, — די יונגע ווייבעלע פון רום זעקס האָט היינט געהאָט אַ מיידעל.

— וואָס רעדסטו! — האָט זיך טיליע אַ כאַפּ געטהאָן, — ס'איז דאָך אינגאַנצען ערשט פינף מאָנאַטען נאָך איהר חתונה...

— אָט דערפאַר טאַקע דערצעהל איך עס דיר...

נאָך דעם האָט מען שוין גערעדט ועגען נאָך אַזעלכע עהנ־ליכע געשיכטעס, וואָס זיי האָבען ביידע געוואוסט לרוב. דערביי האָט טיליע געפונען פאַר נויטיג אַלע ווײַלע צו מאַכען אָט אַזאַ לייטישע בעמערקונג:

— וואָס דען, די היינטיגע מיידלעך ווייסען דען ווי אַזוי זיך אויפצופיהרען; אַז באַלד עפּעס, נאַרט מען זיי אריין. אַ וועלט אַזאַ, אַ פערדאָרבענע...

דאָס איז אָבער געווען ניט מעהר ווי געזאָגט; זי אַליין וואָלט גראָדע זעהר צופריעדען געווען, ווען ס'וואָלט מיט איהר אויך געטראָפען אַזאַ עהנליכע געשיכטע... ס'וואָלט זי אפילו ניט גע־אַרט, מען זאָל זי אָבנאַרען, אַבי — זאָל זי האָבען כאָטש אַ שטי־קעל פערגאַנגענהייט!...

און עס איז דאָך ווירקליך אַ פערדרוס: לעבט זיך אַ מיידעל אויף גאָט'ס וועלט שוין אַ חשבון פון דרייסיג יאָהר, און נאָך קיינמאָל האָט זיך קיין יונגערמאַן אין איהר ניט איינגעליעבט! ס'האָט אפילו קיינמאָל ניט געטראָפען, אַז אַ יונגערמאַן זאָל מיט איהר אַביסעל פערברענגען גלאַט אַזוי זיך, גאָר ניט אויסען זיין דערמיט... און זי וואָלט דאָך אַזוי געוואָלט, אַז מיט איהר זאָל אויך אַמאָל פאָרקומען עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס ס'געדענקט זיך דאָס

גאַנצע לעבען; אַן איבערלעבונג, וואָס פאַרנעמט גאָר אַ בעזונדער פּלאַץ אין זכרון און אין הארצען... און ווי אויף צו־להכעיס פּער־טרויען איהר נאָך איהרע חבר'טעם די אינטימסטע סודות זייערע, ווי אַזוי זיי פערברענגען מיט זייערע געליעבטע, אָהן אַ שיעור מעשיות דערצעהלען זיי איהר און ענדיגען, ענדיגען זיך אַט די מעשיות אַממעהרסטען אַט אַזוי:

„...האָט ער פּלוצים אויסגעלאָשען די גאַז און ס'איז געוואָרען פינסטער...“

דאָס ווערט דערצעהלט זעהר שטיל און געהיימניספול. די מיידעל, וואָס דערצעהלט דאָס, פערשעהמט זיך אביסעל און פיהלט זיך דאָך שטאָלץ...

דעמאָלט הערט זיך טיליע איין צו יעדער וואָרט מיט אַ פער־כאַפּטען אָטהעם, איהר פּנים צוקט אויף פון גרויס אויפרעגונג, דאָס בלוט אין די אָדערען הויבט אָן לויפען האַסטיגער, אַ וואַרי־מער סקרוך נעהמט דורך אַלע איהרע גליעדער, זי וויל איבער־פרעגען נאָך און נאָך און שעהמט זיך,... און טרעפט אַמאָל, אַז די דערצעהלעריז, אַן ענטוישטע און אַן אָבגענאַרטע, דערצעהלט פאַר איהר אויס איהר ביטער הארץ און האָט חרטה אויף איהר לייכט־זין, טרייסט זי זי, גלעט איהר צערטליך די האָאר, און אין האַר־צען איז זי זי מקנא; זי וואָלט אַליין אויך געוואָלט זיין אין יענער'ס לאַגע; זאָל זיין וואָס ס'וויל זיך, אבי — זאָל זי אויך קענען דער־צעהלען פאַר אַ חבר'טע אַזאַ מעשה, וואָס ענדיגט זיך:

...„האָט ער פּלוצים אויסגעלאָשען די גאַז און ס'איז געוואָ־רען פנסטער...“

דעם גאַנצען אויף דער נאַכט איז זי שוין פון דער שטוב ניט אַרויסגעגאַנגען. באַלד נאָכ'ן עסען האָט זי זיך אין איהר חדר'ל פערמאַכט, זיך ווידער אויף דער זאָפע אוועקגעלעגט, און אין דער פינסטער זיינען איהר אין קאָפּ אריינגעקראָכען עפּעס אַזעלכע דרייסטע, און נאַקעטע געדאַנקען, וואָס האָבען איהר לייב ווי מיט הייסען בליי געגליהט... זי האָט אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר זיך אַליין, איהרע אייגענע געדאַנקען האָבען זי געשראָקען. און

ס'זיינען געוועזן מינוטען, וואס ס'איז ביי איהר גאר קיין ספק ניט געוועזן, אז זי איז קראנק, געפעהרליך קראנק, ווייל ס'אזי דאך גאר אונמעגליך, אז א געזונטען מענשען זאלען אזעלכע צודרעהטע און אויפרעגענדע געדאנקען גאר קריכען אין קאפ אריין... און דא האבען זיך נאך עפעס אזעלכע שרעקליכע זאכען גענומען פלאנטערען אין איהר זכרון, זי האט זיך אנגעהויבען דערמאנען עפעס אזעלכע מאדנע חולאת'ן, וואס דאקטוירים האבען אויס־געפונען ביי אזעלכע מענשען ווי זי איז. וואס מעהר זי האט דערפון געקלערט, אלץ שווערער איז איהר אויפ'ן הארצען געווא־רען, און ס'האט שוין געהאלטען אזוי ווייט, אז ס'איז שוין פאר איהר געווען כמעט ווי קלאר:

— אזעלכע מיידלעך ווערען סוף כל סוף משוגע...

און דער פערדרוס איז געווען ניט אריבערצוטראגען:

— אבגעלעבט דרייסיג יאהר און גארנישט...

ס'איז שוין געווען שפעט נאך האלבער נאכט, ווען זי איז ווי צומישט געזעסען ביים פענסטער און מיט שטאר אויפגע־עפענטע אויגען געקוקט אויף די ארונטערגעצויגענע שטארעס פון די נאהענטע געגענאיבערדיגע וואוינונגען. זי איז שוין געווען מיעד און שלעפעריג, אבער די שיין, וואס האט פון יענע פענס־טער ארויסגעשימערט, האט זי גערייצט... — שלעכטע מענשען. וואס וואלט זיי א שטייגער געארט, אז די שטארעס זאלען ביי־נאכט ניט זיין ארונטערגעצויגען?!...

ביים אויסטהאן זיך, האט זי, ווי אלע מאל, געמאכט לאנגע שהיות; אראבגעצויגען איין ארבעל און זיך פערטראכט, אבגע־שפילעט איין שוך און זיך ווידער פערטראכט, גלייך ווי זי וואלט ערשט געדארפט האבען א ישוב, צי זאל זי דעם אנדערען שוך אויך אויסטהאן, צי ניין. און ווען זי איז פארטיג געווארען מיט'ן אויסטהאן זיך, איז זי לאנג מיט אפענע אוגען אויפ'ן בעט־טעל געלעגען, זיך געווארפען פון איין זייט אויף דער אנדערער און בשום אופן ניט געקענט אנטשלאפען ווערען...

אין דרויסען האט אויפגעהערט רעגענען, און דאס האט זי

ארויפגעבראַכט אויפ'ן געדאַנק, אַז ווען דער רעגען וואָלט אויפ־געהערט מיט אַ פּאָר שטונדען פריהער, וואָלט לייזער אפשר דאָך געוועזן געקומען צו איהר היינט אויף דער נאַכט...

אַ מאָדנער בחור אַט דער לייזער! אַ שטילער, אַ שעהמעוודי־גער, דוכט זיך ,גאָט די נשמה שולדיג; זאָגט אַז שעהנקייט שפּיעלט ביי איהם קיין ראָלע ניט, און פונדעסטוועגען האָט ער זי שוין עטליכע מאָל אָבגענאַרט; פערשפּראָכען צו קומען און קיינמאָל קיין וואָרט ניט געהאַלטען...

מיט אַמאָל האָט זיך אויף איהר פּנים אַ פרעהליכע מינע פער־שפּרייט, אין דער מינוט איז איהר אַ גלענצענדער געדאַנק איינ־געפאַלען, ווי אַזוי זי זאָל מיט איהם נעהנטער בעפריינדעט ווערען און איהם ברענגען דערצו, אַז ער זאָל כאָטש איין מאָל מיט איהר פערברייינגען אַזוי ווי מען פערברענגט מיט אַ געליעבטער...

פאַר איהר איז דאָס געווען קלאָר: ער, לייזער, איז אַ בע־שיידענער בחור, אַ נעבאַכעל און דערצו נאָך אַ גרויסער ביישן; ס'איז מעהר ווי זיכער, אַז קיין אינטימע בעציהונגען מיט אַ פרוי האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהאַט. נון, וועט זי איהם איינרעדען, אַז ער איז גאָר אַ געפעהרליכער פרויען־יעגער; אַז זי האָט זיך וועגען איהם אָנגעהערט אָהן אַ שיעור שרעקליכע זאַכען, ווי ער האָט געהאַט צו טהאָן מיט דער און מיט יענער. פון וואַנען זי ווייסט דאָס? מען האָט איהר דערצעהלט. אַלע ווייסען דאָס...

זי האָט אָנגעקוואָלען פון דעם געדאַנק, זי איז געווען כמעט ווי זיכער, אַז אויף אַזאַ'ן אופן וועט זיך איהר איינגעבען איהם אריינצונאַרען. די הויפּט־זאַך — טאַקט און שכל.

אָה זי וועט שוין ווייסען ווי צו האַנדלען. מאָרגען וועט זיך זיך אָננעהמען מיט קוראַזש און וועט אַוועק צו איהם אַהיים.

— איהר ווייסט, לייזער, — וועט זי אַ זאָג טהאָן גאַנץ דרייסט און פאַמיליאַר, — איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר קענט זאָגען אַ ליגען אויך...

— אַ ליגען גאָר?! — און ער וועט אויף איהר אָנשטעלען זיינע גרויסע, תמ'עוואַטע אויגען.

— נאָך אַ מין ליגען, — וועט זי איהם שאַרף אין די אויגען אַריינקוקען. — נעכטען האָב איך דעם גאַנצען אויף דער נאַכט געוואָרט פאַר אייך און איהר זיינט ניט געקומען.

און נאָך איידער ער וועט געפינען די ווערטער צו פּערענטפּע־רען זיך, וועט זי זיך פונאַנדערלאַכען אויפ'ן קול:

— כאַ־כאַ־כאַ! אפשר שעהמט איהר זיך גאַר אַריינצוקומען צו אַ מיידעל?... עפּעס אַ קליינינקייט אַזאַ בעשיידענער יונ־גערמאַן ווי איהר זייט!...

— שייך אַ בעשיידענער... גאַרנישט, אַ יונגערמאַן אַזוי ווי אַלע...

— שוין גאַרניט אַזוי ווי אַלע, — וועט זי שמייכלענדיג כיטרע איהם גלייך אין די אויגען אַריינקוקען, — ווען אַלע וואָלטען געווען אַזוי ווי איהר, וואָלט גאָר געוואָרען אַ הפקר פּעטרושקע וועלטעל...

— וואָס?!!!

— איהר דאַרפט זיך אַזוי ניט שרעקען, און שעהמען זיך פאַר מיר דאַרפט איהר אודאי ניט, גלויבט מיר, אַז איך ווייס אַלעס...

— וואָס ווייסט איהר?

— וואָס איך ווייס, ווייס איך געווגג...

און נאָך דרייסטער:

— אַי, לייזער, לייזער, איהר האָט געמיינט, אַז איך בין אין אייך אַזוי גענאַרט ווי אַנדערע און רעכען אייך פאַר אַ גאַנצען צדיק אין פּעלץ...

דאָס וועט איהם מאַכען זעהר נייגעריג, וועט ער שוין צו־שטעהען צו איהר, זי זאָל איהם דערצעהלען, וואָס זי ווייס פון איהם. און דאָ וועט זי איהם דערצעהלען אַזעלכע ניט־געשטויי־גענע, ניט געפלויגענע מעשיות, וואָס זי האָט כלומרשט וועגען איהם געהערט...

ער וועט זיין גערייצט, און עס וועט שוין אויסקומען אַזוי, אַז ער וועט מוזען האַלטען פּאַסאָן, און ווייזען, אַז ער איז טאַקע אַ

ברען אַ יונג, וועט ער זיך ערלויבען אַ שטיף צו טהאָן מיט איהר, כלומר'שט אין שפּאַס ארומנעהמען זי... דעמאָלט וועט זי זיך אַזוי ליידענשאַפטליך צוטוליען צו איהם און אַזוי שעהן פּערוואַר־פען דעם קאָפּ אויף זיין אַקסעל, אז ער וועט זיך שוין בשום אופן ניט קענען בעהערשען; צו פייערדיג וועט דעמאָלט דער בליק פון איהרע אויגען זיין. וועט ער זיך פּאָרזיכטיג אָנהויבען אַרומ־קוקען אין אַלע זייטען, זיך איינהערען צום כראָפּען, וואָס וועט זיך טראָגען פון'ם אַנדערען צימער, שטיל צוגעהן צו דער טיר און זי בעסער צומאַכען, און אויפכאַפּענדיג דעם תאוה'דיגען בליק פון איהרע אויגען, וועט ער שנעל די געז אויסלעשען...

און דערנאָך וועט זי שוין פאַר אַ חבר'טע אויך קענען דער־צעהלען אַ געשיכטע, וואָס ענדיגט זיך אַזוי:

„...האָט ער פלוצלינג די געז אויסגעלאָשען און עס איז גע־וואָרען פינסטער..."

# אין אַן אינטעליגענטער הויז.

## 1.

אויף אַלעמען האָט משה זיידענבערג געמאכט דעם איינדרוק פון אַ צ. שטרייטען, זעהר צוטראַגענעם מענשען, וואָס קלערט גאָר ניט וועגען דעם, וואָס אַרום איהם טהוט זיך און אפילו ניט וועגען דעם, וואָס ער אַליין טהוט. אין דער אמת'ן אָבער איז ער געוועזען אַן אויסגערעכענטער, פּראַקטישער מענש, קיין זאַך האָט ער ניט געטהאָן ביז ער האָט ניט אַלעס גוט אַרומגעקלערט און פאָראויסגעזעהן, אַז פון דעם וועט איהם אַליין קיין רעה ניט ארויסקומען און די בעקאַנטע וועלען אויף איהם קיין שלעכטס ניט דאַרפען זאָגען.

באזונדערס פאָרזיכטיג איז ער געוואָרען זינט ער האָט אָנגעהויבען אַריינגעהן צו די שטיינוואַלד'ס אין הויז, און די מיסעס שטיינוואלד אַליין, אַ שעהנע ווייבעל פון אַ יאָהר צוויי־דריי און דרייסיג, צו וועלכער דער מאַן האָט זיך בעצויגען מיט גרויס דרך ארץ דערפאַר, וואָס זי איז אַ געלערענטע און אַ קלוגע — זי אַליין איז מיט איהם געוואָרען אַזוי בעפריינדעט און היימיש, אַז זי האָט איהם שוין ביי פיעלע געלעגענהייטען, מיט כלומר'שטען שפּאַס, אַזוי געזאָגט:

— פון אייך איז דאָך אָבגערעדט; אַזעלכע גוטע מעלות, ווי איהר האָט, פערמאָגט ניט קיינער...

זיינע נאָהענטע באַקאַנטע האָבען פון איהם געהאַלטען אַן עולם ומלאה. צווישען זיך האָבען זיי איהם אַנדערש ניט גערופען נאָר—משה'לע. אַט דער בן יחיד'יש פאַרצויגענער נאָמען איז איהם

פֿערבליבען נאָך פֿון יענע יאָהרען, ווען ער איז געווען זעהר א חשוב'ער ביי די עלטערן און א גרויסער מתמיד אין דער ישיבה.

אזוי ליעב געהאַט האָבען איהם זיינע פֿריינד, אז פֿון יעדער קלייניגקייט, וואָס ער האָט געטהאָן, האָבען זיי געפֿונען פֿאַר נויטיג צו ריידען און צו לויבען איהם דערביי אין טאָג אריין.

דאָרום זייטען טאַקע אַלע שטאַרק איבערראַשט געוואָרען, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז ביי איהם אין שאַפּ סטרייקען די ארבייטער שוין צוויי וואָכען צייט און ער האַלט זיך שטאָל און אייזען און וויל זיי בשום אופן ניט נאָכגעבען.

— ביי זיידענבערגען זאָל מען גאָר דאַרפֿען סטרייקען! ער איז דאָך א סאָציאַליסט!

די מיסעס שטיינוואַלד האָט דאָס גאָר ניט געקענט פֿער־שטעהן. — סטייטש ווי קומט דאָס? זי האָט דערפֿון אזוי פֿיעל עגמת נפש געהאַט, אז זי האָט מיט קיינעם וועגען דעם ניט געוואָלט ריידען, און דאָרום האָט זי זיך טאַקע גוט אויסגעבייזערט אויף איהר קאָזין מאַקס ליטינסקי, אויף דעם לאַנגען בחור, וועלכער איז איצט, ווי אויף צולהכעים צוגעשטאַנען צו איהר מיט טענות:

— נו, זאָג אַליין, בין איך דען ניט גערעכט? איך האָב אָבער שטענדיג געזאָגט אז...

— שאַ,שאַ! כאַפּ זיך ניט אזוי! — האָט זי איהם איבערגע־ריסען מיט כעס — מיסטער זיידענבערג וועט קומען, וועלען מיר שוין אַלעם וויסען.

זיידענבערג איז אָבער ניט געקומען. צופֿיעל צוטומעלט איז ער שוין דעמאָלט געווען, און מיט זיינע פֿריינד האָט ער זיך ניט געוואָלט זעהן; צו לאַנג האָט ער, א פֿערקלערטער, אין די הייסע פֿריהמאָרגענס, זיך אויפ'ן באַלקאָן אַנגעהויבען ארומדרעהען און זיך רק קיין עצה ניט געקענט געבען, וואָס ער זאָל איצט טהאָן.

ס'איז איצט געווען קלאָר: נאָכגעבען די אַרבייטער הייסט האָבען ווייניגער היבשע עטליכע דאָלער פֿערדיענסט. און דאָס קען ער בשום אופֿן ניט טהאָן. ערשטענס דערפֿאַר, וואָס ער איז שוין אזוי געוואוינט געוואָרען ס'זאָל איהם אויסטראָגען דורכ־

שניטליך הונדערט און פופציג דאָלער א וואָך, אז ער ווייסט שוין גאָר ניט, ווי אזוי ער וואָלט געקענט אויסקומען מיט ווייניגער; און צווייטענס, האָט ער דאָך גאָר געדענקט, אז מיט דער צייט, ווען די געשעפטען וועלען אוועק גאָר גוט און ער וועט שוין האָבען היבשע עטליכע דאָלער אין באַנק, וועט ער זיך גאָר אָנהויבען פערלאָזען אויף זיין שוועסטער און אליין וועט ער אריינטרעטען אין קאָלעדזש.

אָבער עס זיינען אוועק טעג און טעג און די ארבייטער, לאָדי זיי האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען, האָבען זיי איהם נאָך אָבגעטהאָן אזא שפּיצעל: זיי האָבען זיך געווענדעט צו דער פּאַרטיי מיט א בקשה, אז זי, די פּאַרטיי, זאָל זיך אין דעם אריינמישען און זעהען, אז דער סטרייק זאָל געסעטעלט ווערען.

דאָס האָט איהם גאָר צוטומעלט. אויף אזא קלאַפּ האָט ער זיך ניט געריכט. דער קאָפּ איז איהם געגאַנגען כאָדאָראָם — וואָס זאָל ער איצט טהאָן? פאַר דער פּאַרטיי וועט דאָך ניט גילטען דער תירוץ, אז ער מוז האָבען א סך געלד, כדי ער זאָל קענען אין קאָלעדזש אריינטרעטען. טו ווי זשע דרעהט מען זיך דאָ אוים? ער האָט געזוכט פערשיעדענע תירוצים ביז ער האָט סוף כל סוף בעשלאָסען אָט וואָס:

קדם כל וועט ער ערקלערען, אז די ארבייטער פאָדערען פון איהם צופיעל דערפאַר, וואָס זיי ווייסען, אז ער איז א סאָציאַליסט. און חוץ דעם — וועט ער זאָגען — וואָלט ער אליין געוועזען צופריעדען, אז די ארבייטער זאָלען פערדיענען וואָס מעהר; מהיכי תיתא, זאָל אפילו מאָרגען שוין קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן... אָבער לעת עתה דאַרף מען דאָך ניט פערגעסען, אז ער איז ניט איינער אויפ'ן יריד; די קאָנקורענץ איז גרויס און די קונים וועלען איהם דאָך ניט בעצאָהלען טהייערער ווי אַן אנדערען...

אָט אזוי וועט ער זיי דאָס געבען צו פערשטעהן קלאָר און געלאַסען, און זאָלען זיי זאָגען צי ער איז ניט גערעכט!

אין דרויסען איז שוין דאַמאָלט געווען א אונערטרעגליכע היץ. מענשען זיינען האַלב־נאַקעטע ארומגעגאַנגען אין די גאַסען מיט

פערשוויצטע פנים'ער און מיט איינגעזשמורעטע אויגען. אין דער גאס, וואו ער האט געוואוינט, איז געווען שטיל און ריין. זעלטען האט אהער, פון די רוישיגע, שמוציגע גאסען, א פעדלער פערבלאנדזשעט און מיט א ניגון אויסגעשריען פויל און צור־צויגען:

— פאטייטאס! טא־מייטאס! עפעל־עפעל!

ביי איהם אין שטוב זיינען די פארהאנגען אויף די פענסטער געווען ארונטערגעצויגען. די ווענטילאטארס האבען געיאגט א קיהל ווינטעל איבער די רייך־אויסגעמעבעלירטע צימערן. פון קיך האט זיך געהערט א קלאפען פון געפעס און אלע מאל איז פון דארט ארייגעלאפען פייגע, זיין פרוי, א מיאוס'ע דיקע אידענע, וועלכע האט זיך שטארק איבערגענומען מיט דעם, וואס זי קומט ארויס פון א רייכער בעל־הבית'ישער פאמיליע. צום וויפיעלטען מאל האט זי איהם אנגעזאגט אלץ דיזעלבע בשורה:

— באלד־באלד, משה'לע געהען מיר עסען.

האט עס איהם אזוי פערדראסען:

דרעהט זיך ארום א אידענע אין שטוב און דאס איינציגע, וואס זי האט איהם איצט צו זאגען, איז בלויז — „באלד־באלד, משה'לע, געהען מיר עסען"...

און איצט, נאך מעהר ווי אלע מאל, איז ביי איהם אויסגע־קומען אזוי מאדנע, וואס מיט אט דער פשוט'ער אידענע, מיט וועלכער ער קען קיינמאל פון קיין ערנסטע זאכען ניט ריידען דערפאר, וואס זי פערשטעהט ניט פון דאנען אהין — מיט איהר לעבט ער שוין זיבעצעהן יאהר צייט!... — ס'ארא נארישע וועלט ס'איז אמאל געווען! פארוואס האט מען איהם געהאלטען אין דער ישיבה ביז ער האט בעקומען סמיכות אויף מורה הוראה? כדי מען זאל איהם נאכהער חתונה מאכען מיט אט דער אידענע, וואס קומט ארויס פון א שעהנעם יחוס און קען קאכען געשמאקע אנבייסענס?!... און ער אליין, ס'פערשטעהט זיך, איז אויך גע־ווען א נאר, טאקע גאר־גאר א גרויסער נאר; בנאמנות, ער שעמט זיך נאך עד היום ווען ער דערמאהנט זיך, אז מיט יאהרען צוריק,

ווען ער איז אין אמעריקא געקומען, איז ער נאך געווען אזוי פרום, אז ער איז גאנץ פריה און פארנאכט געגאנגען דאווגען... אבער מילא וואס ער איז אמאל געוועז! איצט אבער, איז ער דאך גאר אן אנדער מענש, מען קען טאקע זאגען — א געבילדעטער מענש. און זי, אט די קליינשטעדטעלדיגע מיוחסת — ווי א שטיין, ניט פון ארט...

— אז איך בין גאר ניט הונגעריג. — האט ער איהר נאכ־געשריען פערדריסליך — וואס דולסטו מיר א מח מיט'ן עסען?

פייגע האט הפנים געמיינט אז ער איז שטארק צוטראגען בלויז דערפאר, וואס די ארבייטער סטרייקען, האט זי געפונען פאר נויטיג איהם צו טרויסטען מיט אזעלכע קלוגע ווערטער:

— זעה נור, וואס ער נעהמט זיך דא צום הארצען! כ'זאג דיר, טאקע דא וואס צום הארצען זיך צו נעהמען, אומשטיינס געזאגט...

און אין מיטען דערינען:

— דו ווייסט, משה, היינט האב איך פאר די געמאכט א לעבער מיט א ציבעלקעלע...

— אזוי, א לעבער מיט א ציבעלקעלע! — האט ער געשמייכעלט און געהייסען האט דאס:

— וואס איז דא, וואס צו ריידען!

ביים עסען האט זיך איהם פערגלוסט א שפאס צו טהאן. האט ער געפרעגט:

— א שטייגער, וואס וואלסטו געזאגט, ווען מען זאל מיך אויסשליסען פון דער פארטיי?

— וואס הייסט, וואס וואלט איך געזאגט? איך וואלט גע־זאגט אז... פאר וואס זאל מען דיך אויסשליסען פון דער פארטיי?

און עס איז געווען אזוי לעכערליך צו הערען ווי זי גיט א רעד הויך, אויפ'ן קול, מיט קליינשטעדטעלדיגער ברייטקייט; פער־פלאנטערט זיך און הויבט אן נאך העכער:

— טאקע פאר וואס זאל מען דיך אויסשליעסען!

דעם טאג האט שוין זיידענבערג ניט געקענט איינזיצען אויף קיין ארט. עטליכע מאל איז ער געווען אין שאפ. בעטראכט

די איבערגעדעקטע מאַשינען און די לאַנגע גלאַטע טישען, וועלכע זיינען איהם שטענדיג געווען נמאס און פרעמד. די שטילקייט האָט איהם געערגערט, האָט ער פון היימליכקייט וועגען געלאָזט לויפען די מאַשינען—זאָל הודזשען אַ ביסעל!—און ער וועט זיך גלאַט אַזוי ארומדרעהען איבער׳ן שאָפּ! דאַמאָלט האָט ער אַזוי געקלערט: אייגענטליך איז ער דאָך אַ באַס, וואָלט טאַקע געווען גוט, ווען ער זאָל איצט זיין אַ באַס מיט אַלע קליפּערלאַך: מען סטרייקט, דאַרף מען ארויפנעהמען אַנדערע אַרבייטער... נור באַלד האָט ער זיך פערכאַפּט:

— ניין, דאַס ניט! זאָל נאָך אַוועק אַ שטיקעל צייט...

ער האָט אָבגעשטעלט די מאַשינען און איז ווידער אַרויס אין גאַס.

ס׳איז געווען ענג און דושנע. טויזענדער און טויזענדער מענשען האָבען זיך פון די שעפּער איבער די גאַסען אַ לאָז געטהאָן, די מענשען־כוואַליע האָט אָהן אויפהער געשטראָמט, פול־געפּאַקטע קאָרס האָבען זיך איינע נאָך דער אַנדערער געיאָגט, מיט אַ משונה׳־דיגער פייפעריי זיינען אויטאָמאָבילס הין און הער געלאָפען, וועגלאַך מיט פערשיעדענערליי ביליגע אַרטיקלען זיינען אין אַ לאַנגער שורה איינס נעבען אַנדערן געשטאַנען, די פערקויפער האָבען איינער דעם אַנדערן געוואָלט איבערשרייען אויסרעכענענדיג די שפּאָט־ביליגע פרייזען פון זייער סחורה. אויף אַ וואָגען זיינען, איינער אַקעגען אַנדערן, געשטאַנען צוויי אידען,ביידע האָבען געמאַכט אַזעלכע אידיאָטישע העויות, אויף די הענד האָבען זיי זיך אָנגעטהאָן קאָלירטע זאָקען און מיט אַלע כוחות געגוואַלדע־וועט:

— די בעסטע זאָקען מיט פינף סענט אַ פּאָאַר!

פאַר די פּיס האָבען זיך געפּלאָנטערט אינגעלאַך און מיידעלאַך מיט שווערע פּעקלאַך צייטונגען אונטער די אָרעמס און יעדער איינער האָט מיט אַן אַנדער ניגון אויסגערופען:

— "פאָרווערטס", „וואַרהייט", „טאַגעבלאַט"!

אַלעם האָט זיך בעוועגט און געטומעלט, און אין דעם טומעל

האָט אַ קאַטערינקע אַריינגעליאַרעמט עפּעס אַזאַ האַרציגען, אומע־טיגען ניגון:

— ראַזלוקאַ, טי ראַזלוקאַ־אַ...

זיידענבערג האָט איצט קיין חשק ניט געהאַט אהיים צו געהן; ס'האָט זיך איהם געוואָלט ריידען מיט אַ נאָהענטען מענשען, וועל־כער זאָל איהם גוט פאַרשטעהן. מיט וועלכען ער זאָל זיך קענען אַן עצה האַלטען און ער איז געווען זיכער, אַז נור די מיסעס שטיינ־וואַלד וועט איהם די קליגסטע עצה געבען. ער האָט זיך אפילו אביסעל געשעמט צו ווייזען זיך פאַר איהר איידער ער וויים איהר מיינונג וועגען דעם סטרייק, וואָס געהט איצט אָן ביי איהם, דאָך איז ער אויף דער נאַכט אהין אוועק.

דאָרטען האָט ער שוין געטראָפען די שטענדיגע בעזוכער, וועלכע פלעגען זיך אַלע אויף דער נאַכט צונויפקומען אָהער ריידען איבער פערשיעדענערליי וועלטליכע פראַגען.

דער בעל הבית אַליין, אברהם שטיינוואַלד, אַ פשוט'ער יונגער מאַן מיט צוויי גרויע קינדערשע אויגען, וואָס קוקען שטענדיג אַזוי נַוי זיי וואָלטען צו קיינעם קיין טענות ניט געהאַט — ער האָט זיך בכלל וועניג וואָס אין די דעבאַטעס בעטייליגט, אַרומ־געקוקט אויף דער געלעגענהייט צו קענען זאָגען כאָטש אַ פּאָאָר ווערטער כדי ס'זאָל אויסקומען, אַז ער שטעהט אויך ניט אָב פון קהל.

די ווערטער פלעגען ביי איהם גראַדע אַרויסקומען גאַנץ גלאַט. פלעגט ער אָבער באַלד צונעבעכדיג זיך צושמייכלען און וואַרפען ניט זיכערע בליקען אויפ'ן עולם, און אויסדרעהן פלעגט ער זיך אַזוי:

— אפשר וואָלטען מיר גאָר געטרונקען טהע? אַנגיסען אייך?...

דעמאָלט האָט זיידענבערג צופריעדען געשמייכעלט און גע־קלערט פון דעם, וואָס שטיינוואַלד איז אַ גרויסער שוטה און האָט דאָך אַזאַ וואוילע, אַזאַ שעהנע ווייבעל...

צוליעב איהר, אָט דער שעהנער, וואוילער ווייבעל, האָט ער עטליכע מאָל די גילדענע פּענסנע אויף דער נאָז צורעכט געמאַכט

און מיט שטאָלץ און זעלבסטווירדע דערצעהלט פאר וואָס ער האָט די ארבייטער ביז איצט ניט נאָכגעגעבען; ווי ער דענקט אין גיכען אויסצוקומען מיט זיי ווי עס איז, און ווי אַזוי ער וועט נאָכ'ן סטרייק אפשר גאָר פערגרעסערן דעם שאָפּ מחמת פיעלע טעמים...

— וואָס דענקט די מיסעס שטיינוואַלד וועגען דעם — דאַרף מען איהם איצט אויסשליסען פון דער פאַרטיי צי ניין?

די מיסעס שטיינוואַלד האָט זיך ערנסט פערקלערט און גע־ענטפערט זיכער:

— מען דאַרף אייך ניט אויסשליעסען פון דער פאַרטיי.

און כדי ער זאָל ניט מיינען, אַז דאָס זאָגט זי גלאָט אַזוי אין דער וועלט אריין, האָט זי איהם דאָס געגעבען צו פערשטעהן מיט אַ שכל:

— מען דאַרף ניט פערגעסען — האָט זי אויטאָריטעטיש גע־זאָגט — אַז ביי אונז אידען, זיינען נאָך קיין פעסט געשטעלטע קלאַסען ניטאָ. די פעהיגע, אינטעליגענטע מענשען, וועלכע מוזען דאָ די ערשטע צייט אַרבייטען אין די שעפּער, ווערען סוף כל סוף אוים אַרבייטער, אָבער סאָציאַליסטען זיינען זיי. און ווער ווייסט דען ניט, אַז זעהר פיעל אַזעלכע ווערען באָסעס, וואָלט דאָך אויס־געקומען אויסצושליסען די אינטעליגענטסטע מענשען פון דער פאַרטיי.

— דאָס איז אַ געדאַנק! — האָט זיידענבערג גאָר אַנגעקוואַ־לען און אגב זיך איבערגעוואונקען מיט ישראל גרינבערג, זיינעם אַ פריינד שוין פון כמה יאָהרען, וואָס דאָס האָט געהייסען:

— אי פערשטעהט זי גוט אַ זאַך!

אברהם שטיינוואַלד האָט אַ צופריעדענער געשמייכעלט — אַ קליינינקייט עפּעס, משה'לע זיידענבערג אַליין קוועלט אַזוי אָן פון זיין ווייבעל'ס שכל'דיגע מיינונגען! דארום האָט ער זיך טאַקע גוט אויסגעבייזערט אויף זיין צעהן־יעהריגען אינגעלע בעני, דערפאַר וואָס ער איז אין מיטען דערינען אריינגעלאָפען מיט אַ געוויין:

— מאַ־מאַ! יעטא האָט צוגענומען מיין באַל!

— גערה דיר! גערה דיר! — האָט ער איהם פון שטוב געטרי־בען — ער זעהט, אַז מען רעדט, איז ער אַריין מיט'ן באַל...

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבען זיי אַלץ גערעדט וועגען אָט דער זעהר וויכטיגער פראַגע. זיידענבערג האָט אַלע מאָל גע־דאַרפט איינשטילען מאַקס'ן, וועלכער האָט ליעב געהאַט צו קאָכען זיך, אום צו ווייזען זיין לומדות.

— שאַט, שרייט ניט אַזוי! — האָט ער זיך ביי איהם גע־בעטען — מען הערט דאָך גאָר ניט, וואָס מען רעדט.

און צו דער מיסעס שטיינוואַלד:

— וואָס האָט איהר געזאָגט? איך האָב ניט איינגעהערט...

אַזוי פיעל האָט איהם אינטערעסירט איהר מיינונג, אַז ער האָט קיין איין וואָרט ניט געוואָלט פערפעהלען צו הערען.

און נאָך דעם, ווען ער איז צוזאַמען מיט ישראל גרינבערג אַהיים געגאַנגען, איז ער שוין געווען צוטראָגען און פערקלערט. אין גאַס איז געווען שטיל, זעלטען האָט אַ פאַרביילויפענדע קאַר שוין צופיעל טומעל אין דער שטילקייט אָנגעמאַכט, און ישראל האָט דעמאָלט, האַסטיגער ווי אַלע מאָל, די אַרבעל פון דעם רעקעל גערוקט, געמאַכט מיט די הענד און מיט התפעלות עטליכע מאָל, איבערגע'חזר'ט:

— איך זאָג דיר, משה, אַ גאון'ישען קאָפּ האָט זי. טאַקע גאָר אַ גאון'ישען קאָפּ, זאָג איך דיר!...

זיידענבערג האָט געשוויגען און ישראל — בטבע אַ סענטימענ־טאַלער, אַפּענהערציגער מענש, האָט איצט געמוזט אַרויסזאָגען אַזאַ חקירה:

— די גאַנצע וועלט טויג אויף כפרות און דאָס לעבען טהוט אָב די מענשען אַזעלכע שפּיצלאָך, אַז ממש די גאַל קען צופּיקעט ווערען...

אָט די חקירה האָט איהם הפנים אַליין ניט צופריעדענגע־שטעלט, האָט ער זי אַרויסגעבראַכט קלאָרער.

— זאָג אַליין, איך און דו — עפּעס זיינען מיר דאָך גאַנצע

מאַכערס, פון תמיד אָן געלערענט און געלייענט — איז קומט עס אוים אַזוי, אַז... גאָר ניט. און שטיינוואַלד, אַ יונגערמאַן פון אַ גאַנץ יאָהר, וואָס ווייסט ניט פון קיין חכמות — ער האָט אַזאַ ווייבעל, אַזאַ ווייבעל!...

עס פערשטעהט זיך, אַז מיט דעם מיינט ער חלילה גאָר ניט. איצט ווען ער האָט שוין דערוואַקסענע קינדער פון זיבעצעהן־אַכט־צעהן יאָהר, איז שוין ניט די צייט אין זינען צו האָבען נאַרישקייטען. נאָגען זאָגט ער דאָס נור, כדי אויסצובריינגען, אַז די וועלט איז קיין וועלט ניט, און ס'איז זעהר ניט גוט, ווען מען ווערט געבאָרען צו פריה און מען קומט צום שכל צו־שפּעט...

און ער מיינט דאָס טאַקע:

— אַזאַ ווייבעל דאַרף וואַשען טעפּלאַך און קאָכען אָנבייסען! עפּעס איז דאָס ניט פאַר איהר...

ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט ווען זיידענבערג איז אַהיים גע־קומען. אין קאָפּ האָט זיך איהם נעבעלדיג געפּלאָנטערט, אַז דאָס, וואָס ישראל האָט גערעדט וועגען דערוואַקסענע קינדער, האָט עפּעס אַ שייכות מיט דעם, וואָס ע ר האָט ניט קיין קינדער. וואָלט ער אפשר איצט, אין די שטילע פינסטערע צימערען, געווען געקלערט וועגען דעם אַביסעל מעהר און דרייסטער, האָט זיך אָבער פייגע אין מיטען דערינען אויפגעכאַפּט און פון איהר שלאָף־צימער צו איהם אַרויסגעשריען:

— ס'איז דו, משה? ווי שפּעט איז שוין איצט?

און ער האָט געענטפערט מיט אַ בייזער:

— און אַז שפּעט, איז וואָס?!

---

.2

נאָכ'ן סטרייק, נאָך דעם ווי זיידענבערג איז דאָך ווי עס איז דורכגעקומען מיט די אַרבייטער, האָט ער זיך צופיעל אָנגעהויבען פערלאָזען אויף זיין שוועסטער, דער „פּאַרליידי" און אַליין איז ער גאַנץ אָפט בייטאָג צו דער מיסעס שטיינוואַלד אַוועק.

— גערעדע בין איך דאָ פערבייגעגאַנגען — האָט ער אַלע מאָל דעמזעלבען אויסרייד געהאַט — בין איך שוין צו אייך אַריין געוואָהר ווערען וואָס איהר מאַכט.

נאָכהער האָט ער שוין דעם אויסרייד מעהר ניט געדאַרפט האָבען, ווייל ער האָט איהר אויפגעגעבען אַזאַ פּלאַן:

— אַזוי ווי ער וואָלט זעהר וועלען איבער׳חזר׳ען דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געלערנט, און זי לערנט דאָך איצט סיי־ווי־סיי, וועט ער איהר אַלע טאָג אַביסעל אַרויסהעלפען.

פון דעמאָלט אָן איז ער שוין אַלע טאָג געקומען אַרויסהעלפען איהר אין לערנען, און חוץ דעם האָט ער מיט איהר, אויפ׳ן ישיבה׳שען גריבלערשען שטייגער, געשטודירט ספּענסער׳ס עוואָלוציאָנס־טהעאָריע און ער האָט ממש געגאַפט פון איהרע זעלטענע פעהיגקייטען; ווי זי איז אַזוי שנעל תופס דעם שווערסטען געדאַנק — טאַקע אַ גאון׳ישער קאָפּ!

און די מיסעס שטיינוואַלד איז געוועזן איינע אַ גליקליכע, איהר חשק צו לערנען און וויסען אַ סך האָט זיך איצט נאָך מעהר ענטוויקעלט און דערפאַר איז זי איהם זעהר דאַנקבאַר געוועזן.

— מיסטער זיידענבערג — האָט זי איהם גאַנץ אָפט געזאָגט — איך האָב זיך גאָר קיינמאָל ניט געריכט צו האָבען אַזאַ גוטען רבי׳ן ווי איהר.

נאָך יעדער מאָל לערנען צוזאַמען, איז ער אַלץ גרעסער אין איהרע אויגען אויסגעוואַקסען און סוף כל סוף האָט זי אָנגעהויבען בעמערקען, אַז ווען ער פערקלערט זיך און זוכט די פּאַסענדסטע ווערטער בכדי איהר עפּעס אַ שווערען ענין צו ערקלעהרען — דאַמאָלט קוקען זיינע גרויסע, קלוגע אויגען פון אונטער די ברילען אַזוי פערטראַכט און שעהן און אין גאַנצען זעהט ער אויס אַזוי סימפּאַטיש און ליעבליך...

איבער דעם זיינען איהר איינמאָל די געדאַנקען אַזוי צומישט געוואָרען, אַז זי האָט שוין בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן עפּעס אַ וויכטיגען ענין, וואָס ער האָט איהר געהאַלטען אין ערקלעהרען. נאָר נענען איהר ווילען, האָבען איהרע אויגען שעמעוודיג

געקוקט אַרונטער, און ווער ווייסט ווי זי וואָלט זיך דעמאָלט געווען איסגעדרעהט, ווען די קינדער זאָלען ניט געווען אַריינ־לויפען מיט אַ געפּילדער:

— מאַ, ווי אַר האָנגרי!

דעמאָלט האָט זי איהם אין מיטען דערינגען איבערגעלאָזט, אריינגעלאָפען אין קיך אַריין און מיט איבערגעטריבענער גע־טריישאַפט געגעבען עסען די קינדער...

מיט דער צייט איז פאַר איהר קלאָר געוואָרען, אַז אין איהרע פריינדליכע בעציהונגען צו זיידענבערג'ן איז פאַראַן נאָך עפּעס אַזעלכעס, וואָס וואָלט אייגענטליך ניט געדאַרפט זיין...

זי האָט זיך אַליין פאַרווירפע געמאַכט: ס'איז ניט פיין, זעהר ניט פיין פון איהר אין זינען האָבען אַזעלכע נאַרישקייטען! אמת טאַקע, זיידענבערג איז אַ קלוגער, אַ געבילדעטער און אַ פיינער. איהר מאַן קען זיך מיט איהם ניט פערגלייכען. טו איז וואָס זשע?!... — זי איז שוין אַ מאַמע פון קינדער און טאָר זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון נאַרישע געפיהלען...

זיינען אָבער די ג.פ.ז.לען געווען שטאַרקער פון איהר פער־שטאַנד און זי האָט זיך, גאָר געגען איהר ווילען, געלאָזט פיהרען פון זיי... דעמאָלט איז זי געוואָרען זעהר צוגעלאָזט און מאָדנע איבערגעגעבען צו איהר מאַן, און צו זיידענבערג'ן האָט זי געהאַט טענות:

— פאַרוואָס קומט די מיסעס זיידענבערג אַזוי זעלטען אַהער? איהר איז דאָך אודאי זעהר אומעטיג אין הויז...

צוליעב דעם איז זי מיט אהר מאַן שון צו אָפט צו זיידענבערג'ן אהיים מיט וויזיטען געגאַנגען און ביי יעדער מאָל געבעטען פּייגען:

— קומט אריין צו אונז, מיסעס זיידענבערג, וואָס אָפטער.

און אין אַ קורצע צייט ארום זיינען זיי שוין ביידע אַזוי בע־פריינדעט געווען, אַז פייגע האָט שוין פאַר איהר אַלע איהרע ווייבערשע סודות דערצעהלט, זיך עצות געהאַלטען מיט איהר, און איינמאָל, אין אַ הייסען זונטאָג אויף דער נאַכט, ווען זיי זיינען ביידע אויפ'ן באַלקאָן געזעסען און געשמועסט צווישען זיך

ווי צוויי גלייכע מענשען, האט איהר פייגע זעהר א וויכטיגען סוד אין אויער אריינגעשושקעט:

— וואס ווייסט איהר ס'ארא קאלטער מלאך ער איז! עס געהען אוועק עטליכע וואכען כסדר און איך פארגעס גאר, אז איך האב א מאן...

דערביי האט זי זי געקנייפט אונטער דער פאכווע און אזוי נאריש און גראב זיך געשטיקט פון געלעכטער...

טהיר און פענסטער זיינען געווען אפען, האט מען פון פראנט־צימער געהערט ווי זיידענבערג רעדט מיט שטיינוואלד'ן און ברייעט איהר רק אוים, אז לערנען זיך איז זעהר ניצליך און קיינ־מאל ניט צו־שפעט. און שטיינוואלד ענטפערט נעבעכ'דיג:

— איך אליין ווייס דאס דען ניט? אבער דער קאפ איז מיר ניט דערביי.

די לעצטע ווערטער הזר'ט ער איבער עטליכע מאל, האט ער אבער הפנים מורא מען זאל ניט מיינען, אז דער קאפ, וועלכער איז איהם ניט דערביי, איז חלילה אזא פערשטאפטער, וואס קען ניט פערנעהמען קיין הויכע ענינים. דערצעהלט ער ווי אינגעל־ווייז האט ער גע'שמ'ט פאר א „גוט קעפיל"; ווי ער האט גוט פערשטאנען אמאל דעם „הדת והחיים"; פון אחד העם'ן איז שוין אבגערעדט; פון איהם האט ער גאר די פינגער געלעקט אי, זיינע „פרורים" — אמת'ע בריליאנטען!

— איצט אבער — מאכט ער אזוי ווי פערענטפערענדיג זיך — איז דער עול פון פרנסה זעהר שווער. א ווייב מיט קינדער, מען דארף מאכען א לעבען, ס'איז דאך אמעריקא...

דאמאלט האט די מיסעס שטיינוואלד איבערגעלאזט פייגען א לאכעדיגע אויפ'ן באלקאן און אליין איז זי מיט א גדולה אריינ־געלאפען אין שטוב אריין.

— גיט איהם, גיט איהם, מיסטער זיידענבערג! אפשר וועט ער אייך פאלגען. איך האב שוין מיט איהם געגוג איינגע'טענה'ט, איהם צוגערעדט ער זאל אויך אנהויבען לערנען און לייענען. ענט־

פערט ער מיר אַלץ דעם זעלבען תירוץ, אַז דער קאָפּ איז איהם ניט דערביי.

אָבער — זאָל ער איהר נור קוקען גלייך אין די אויגען און זאָגען דעם אמת — געהט זי דען ניט ארבייטען, ווען ער פערדיענט וועניג? טו, וואָס זשע דערצעהלט ער אַ מעשה, אַז דער עול פון פרנסה איז צו שווער?! ער פוילט זיך פשוט...

שטיינוואַלד איז געזעסען ווי אַ פאַר'משפט'ער און ניט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערען.

— איך ווייס — האָט ער געשמייכעלט פאַרלעגען — מען דאַרף טאַקע אָנהויבען עפּעס טהאָן.

געאיילט עפּעס צו טהאָן האָט ער זיך אָבער ניט; צופיעל פעראַנטוואָרטליך האָט ער זיך געפיהלט אַלס פרנסה־געבער און בשום אופן האָט ער זיך ניט געקענט פערטיעפען אין אזא זאַך, וואָס קען ניט כּאָטש מעהר אָדער וועניגער זיין לעבען פערגרינגערען. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, ווען מען האָט איהם אָבגעלעגט פון דער אַרבייט אויף אַ חדש צייט און ער, אַן אומעטיגער, אַ פער־זאָרגטער, האָט גאַנצע טעג ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט זיך — ערשט דעמאָלט האָט זי איהם אָנגעהויבען לערנען ענגליש און מיט איהם צוזאַמען ביכער געלייענט.

אויף דעם סמך האָט ער שוין מיט זעלבסט־ווירדע אָנגעהויבען אַנטהייל נעהמען אין די געשפּרעכען און ער וואָלט שוין ווירקליך געוועז געמיינט, אַז ער שטעהט ניט נידעריגער פון אַט די אַלע בעקאַנטע, וואָס קומען צו איהם אין שטוב אריין, ווען זיידענבערג זאָל זיך ניט געווען צו אָפּט ווענדען צו איהם מיט אַזאַ אונגע־ריכטער פראַגע:

— און וואָס דענקט איהר, מיסטער שטיינוואַלד, וועגען דעם?

דאָס פלעגט איהם גאָר אין גאַנצען צוטומלען, מיט אונבע־האָלפענע בליקען פלעגט ער אָנהויבען קוקען אויף זיין פרוי, ווי ער וואָלט ביי איהר געפרעגט:

— טאַקע, וואָס דענק איך וועגען דעם?

סוף זומער האָט זיך זיידענבערג געכאַפּט, אַז זיינע געשעפ־טען זיינען זעהר פערפּלאָנטערט: די שוועסטער זיינע, די „פּאַר־לײדי" האָט הפּנים ניט גוט דעם שאָפּ געפיהרט, האָבען וועניג אָרדערס אָנגעהויבען אַריינקומען און עס האָט געהאַלטען דערביי אַז ער זאָל באַנקראָטירען...

אין איילעניש פלעגט ער שוין דעמאָלט אַריינלויפען צו דער מיסעס שטיינוואַלד און זיך גע'ישוב'ט מיט איהר, וואָס ער זאָל איצט טהאָן.

זי האָט איהם עצות געגעבען, געפאָהרען צו איהם אין שאָפּ אַריין אַלע טאָג און איהם געהאָלפען די ביכער איבערקוקען. שטונ־דען לאַנג האָט זי זיך אין די לאַנגווייליגע ציפערן געגריבעלט און אויסגעפונען האָט זי אָט וואָס:

— פון יוני אָן איז דאָס פערדיענסט געוואָרען וועניגער מיט דרייסיג פּראָצענט און איצט האַלט שוין ביי גאַנצע פופציג פּראָ־צענט וועניגער ווי אין די חדשים ביז יוני.

אַזוי ווייט האָט שוין זייער פריינדשאַפט געהאַלטען, אַז זי האָט זיך פראַנק און פריי אין זיינע געשעפטען געמישט און ער האָט זיך שוין צייטענווייז פערגעסען און אַרויפגעלעגט די האַנד אויף איהר אַקסעל און זי ביים נאָמען אָנגערופען — רחל.

— איצט, רחל — פלעגט ער איהר זאָגען מיט אַ חנ'עוודיגער צוטראָגענקייט — וואָלט געוועזען גוט, ווען איהר זאָלט האָבען געלד! איהר וואָלט מיר דאָך אודאי געליהען אפילו טויזענד דאָלער...

נאָך דעם איז אָנגעקומען דער סיזאָן און ער האָט גאַנצע טעג געמוזט זיין בעשעפטיגט אין שאָפּ, ווייל זיך ווידער צופיעל פער־לאָזען אויף דער שוועסטער האָט ער שוין מורא געהאַט. פון דעסטוועגען איז ער גאַנץ אָפט געזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי זיך אין קאַבינעט, געבלעטערט אַ סך דיקע ביכער, געגריבעלט זיך אויף זיין ישיבה'שען שטייגער און דערביי האָט ער געהאַט זעהר אַ וויכטיגע כונה: ער מוז איבערצייגען די מיסעס שטיינ־וואַלד, אַז דער דאָקטאָר ברילאָוו, פון וועמען זי האַלט אַזוי פיעל,

איז אין דער אמת'ן גאר א קליינער למדן און ממילא קומט דאך שוין אויס, אז ער האט קיין רעכט ניט צו לייענען לעקציעס אין'ם ארבייטער טעמפעל...

---

.3

די מיסעס שטיינוואלד האט זעהר געוואלט, אז איהר מאן זאל ניט צופריעדען זיין פון דעם, וואס זי איז מיט זיידענבערג'ן אזוי בעפריינדעט, צייטענווייז האט זי זיך אפילו געפיהלט געקרענקט פון דעם — ס'ארע א קאלטע בריאה ער איז! אן אנדערער וואלט שוין אודאי געווען אייפערזיכטיג און ער — ס'זאל איהם אפילו אנהויבען ארען!

איהר האט זיך זעהר געגלוסט איבערצולעבען אזעלכע אינטע־רעסאנטע מאמענטען:

דען מאן, א געפלאגטער פון אייפערזוכט, וויל אויסגעפינען צי זיין חשד איז א ריכטיגער, צי ניין, הויבט ער אן אבערפרעגען פארזיכטיג:

— ער איז דא נעכטען לאנג געזעסען?

אדער:

— ווענען וואס זשע האט איהר דאביידע גערעדט?

און זי ענטפערט מיט א שמייכעל:

— ווייס איך... געזעסען, גערעדט ווענען אהן א שיעור זא־כען... איך קען דען געדענקען ווענן וואס מיר האבען גערעדט!...

איז אבער שטיינוואלד — דער שטילער ארענטליכער מאן, וועלכער האט בכלל ניט געקענט ניט גלויבען יענעם — אזוי פיעל אין איהר פארגלויבט געווען, אז איהם איז גאר קיינמאל אויף דער מינדעסטער מחשבה ניט געקומען, אז זיין רחל זאל זיך אין אן אנדערן פערליעבען...

עס האט אפילו ניט געהאלפען דאס, וואס זי האט זיך צייטענ־ווייז אומזיסטען אויפגעפיהרט אזוי, אז ער זאל האבען אן אורזאכע

אײפּערזיכטיג צו ווערען, עס האָט אפילו ניט געהאָלפען דאָס, וואָס זי פלעגט גאַנץ אָפט שוין צו שפּעט בײנאַכט מיט זײדענ־בערג'ן פון אַ לעקציע קומען — קײן זאַך האָט ניט געהאָלפען, ווײל װעגען דעם האָט ער זיך געהאַט אַזאַ מײנונג:

— רחל איז דאָך אודאי אַ קלוגע און אַ געבילדעטע, און אויב זי טהוט אַזוי, מסתמא דאַרף מען דאָך אַזוי טהאָן... ווײסט ער דען ניט, אַז בײ די גרױסע געבילדעטע מענשען פיהרט מען זיך אויך אַזוי... און באמת טאַקי: קײן גרױסע פערגעניגען קען ער איהר ניט פערשאַפען, טאָ זאָל זי כאָטש הנאה האָבען פון דעם, וואָס זי לערענט און קומט זיך צונויף מיט גרױסע מענשען...

דערווײל האָבען ווײבער לשון הרע'ניצעס אָנגעהױבען רײדען... האָט זײן מוטער, אַן אַלטע שטילע אידענע, אײנמאָל געהערט ווי צוױי שכנות האָבען, זיצענדיג אויף די שטיגען, צווישען זיך אַזוי גערעדט:

— זי, די געבולבעטע — מאַכט אײנע צו דער אַנדערער אין דער שטיל — זי לעבט שוין גאַר אַ טאָג...

דערבײ פּאַטשען זײ זיך אין פּאָדעליקעס אַרײן און שמײכלען

— גאַר ניט קײן מיאוס'ער יונגער מאַן יענער מיט די ברילען. טאַקי גאַר גאַר ניט קײן מיאוס'ער...

די אַלטע האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג, זי אַלײן האָט אויך ווײניג נחת געהאַט פון דעם, וואָס איהר שנור איז מיט זײ־דענבערג'ן אַזוי בעפרײנדעט, צופיעל האָט איהר שוין איבער דעם דאָס האַרץ וועה געטהאָן. רײדען מיט איהר זוהן האָט זי וועגען דעם ניט געקענט, ווײל זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט נאָך אפשר אָנמאַכען אַ בײז לעבען צווישען די קינדער...

דאַרום האָט זי טאַקי אַ שטיק צײט שטילערהײד געליטען, פאַר קײנעם ניט אויסדערצעהלט איהר פאַרביטערט האַרץ. ביז זי האָט אײנמאָל אין אַן אָסיען'דיגען שבת בײטאָג, ווען קײנער חוץ איהר זוהן איז אין שטוב ניט געווען, און איהר איז אויפ'ן האַרצען געווען שווערער ווי אַלע מאָל קלערענדיג וועגען יענע

שבתים אין דער היים, וועלכע האָבען זיך יעצט אין איהר זכרון אויפגעמישט — דעמאָלט האָט זי זיך סוף כל סוף איינגעשטעלט:

— מיין זוהן! — האָט זי אַנגעהויבען שטיל און פּאַרזיכ־טיג, ווי זי האָט זיך בכלל געהאַלטען אין שטוב, כדי די קינדער זאָלען פון איהר דעם קלענסטען עגמת נפש ניט דאַרפען האָבען — מיין זוהן! איך בין טאַקי אַן אַלטע אידענע און פערשטעה ניט אַזוי פיעל וויפיעל איהר פון דער היינטיגער וועלט... אָבער... איך מיין, אַלעס דאַרף דאָך האָבען אַ שיעור... איך ווייס... צו־וואָס דאַרף מען לייטען אַזוי אויפרייסען די אויגען?!...

ער האָט ניט פערשטאַנען אקעגען וואָס זי זאָגט דאָס, אַ פערוואונדערטער האָט ער אויף איהר די אויגען אַנגעשטעלט. האָט זי אין גרויס פערלעגענהייט דאָס זיידענע טיכעל אונטער די אויערען אַנגעהויבען צורעכט מאַכען און נאָך אַמאָל דאָס זעלבע איבערגע׳חזר׳ט:

— איך ווייס... צו וואָס דאַרף מען לייטען אַזוי אויפרייסען די אויגען?!

— אָבער אקעגען וואָס זאָגסטו דאָס? — האָט ער נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען.

— וואָס איז דאָ ניט צו פערשטעהן? — האָט זי געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — איך זאָג דאָס... אקעגען רחל׳ן זאָג איך דאָס...

— געה שוין, געה! — האָט ער זיך אויסגעלאַכט — דו מיינסט הפּנים, אַז יעצט דאַרף מען זיך נאָך פיהרען אַזוי ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען?...

מעהר האָט זי איהם וועגען דעם גאָר ניט געזאָגט. אַ שטילע, אַן אונצופריעדענע, האָט זי אַלע טאָג געזעהן ווי זיידענבערג מיט איהר שנור פערמאַכען זיך אין אַ באַזונדער חדר אויף צוויי־דריי שטונדען... איהר האָט זיך עס עפּעס ניט געלעגט אויפ׳ן שכל — אַזוי לאַנג לערענט מען? אַזוי לאַנג?... און אַז מען לערענט, פאַר וואָס זשע ווערט דאָרט אַלע מאָל שטיל? — אַך, רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס! וואָס פאַר אַ טריפה׳־נע מדינה דאָס אַמעריקאַ!... אָבער וואָס קען זי העלפען! זי

מוז הערען, זעהן און שווייגען. אַז אַנדער ברירה האָט זי?... רייסט איהר אָבער דאָס הארץ אויף איהר זוהן, זי קען ניט איינ־זיצען אויף איין אָרט. נעהמט זי זיך אַמאָל אַז מיט מוטה און שרייט אוים אַזוי ווי זי וואָלט כלומר'שט גאָר ניט אויסען געוועזן מיט דעם:

— רחל! די קינדער געהן שוין פון סקוהל!

געהט רחל אַרוים פון יענעם פערמאַכטען צימער:

— שוויגער,—מאַכט זי צו איהר אַזוי תמימות'דיג און לייטיש— גיט זיי, זייט מוחל, עפּעס עסען...

נו, וואָס זשע קען זי מאַכען?!...

אין יענער צייט האָט שוין שטיינוואַלד זעהר שווער געאַרבייט. אַ פערמאַטערטער איז ער אַלע אויף דער נאַכט אַהיים געקומען און באַלד נאָכ'ן עסען זיך געלעגט שלאָפען. מיט רחל'ען האָט ער קיין צייט ניט געהאַט קיין סך צו ריידען, ווייל אַלע גאַנץ פריה ווען ער איז צו דער אַרבייט אַוועק, איז זי נאָך געשלאָפען. און איינמאָל אין אַ זונטאָג פאַרנאַכט, נאָך דעם ווי ער איז פון אַנבייסען אַן עטליכע שטונדען כסדר אָבגעשלאָפען, האָט ער אויף איהר עפּעס מאָדנע אַ קוק געטהאָן, און ווי אַ נייעס בעמערקט:

— זעה נור, דו ביזט עפּעס אַזוי שטאַרק אַ תל געוואָרען!

געזאָגט האָט ער דאָס אַזוי, אַז זי האָט ניט געקענט פער־שטעהן צו בעדויערט ער דאָס, אָדער — ער חידושט זיך פּשוט, וואָס זי איז אַזוי אַ תל געוואָרען און ער האָט דאָס גאָר ביז יעצט ניט בעמערקט.

דערפאַר האָט זי איהם טאַקי דערויף בלויז מיט אַ געצוואונ־גענעם שמייכעל געענטפערט און געקלערט האָט זי דעמאָלט, אַז ער איז גאָר קיין מענש ניט, צו די קינדער איז ער זעהר אַ קאַלטער טאַטע: קיינמאָל צערטעלט ער זיי ניט, ערציהען זיי קען ער ניט און עס איז אויף איהם אַ גרויסער רחמנות...

צונויפגעבונדען אַט די געדאַנקען אין איינעם האָט זי יעצט ניט געקענט און עפּעס מורא געהאַט צו קלערען וועגען דעם...

וואס צו ריידען מיט איהם האט זי ניט געהאט — וואס קען ער איהר זאגען? די מעשיות זיינע וועגען דעם שלעכטען פאר־מאן, וואס פערדרעהט די יאהרען אדער וועגען די צרה'דיגע פריי־זען, האט זי שוין גענוג געהערט און עס געהן איהר יעצט ניט אין קאפ אריין אזעלכע נארישקייטען. דארום איז זי טאקי צו־פריעדען געווען ווען די שטענדיגע בעזוכער זיינען זיך צונויפגע־קומען און זי האט געקענט האבען דאס פרגעניגען צו זעהן ווי אלע קוקען זיידענבערג'ען אין מויל און הערען זיך איין ווי ער רעדט אזוי קלוג און שעהן...

זי האט זיך אין דעם אזוי פערטיעפט, אז זי האט גאר ניט בעמערקט ווען שטיינוואלד האט זיך שטילערהייד פון דער חברה ארויסגערוקט און איז אוועק שלאפען...

ערשט מיט עטליכע שונדען שפעטער, ווען שטיינוואלד האט זיך אין שלאף איבערגעווארפען און דערהערט אז אין יענעם צימער רעדט מען נאך, האט ער פלוצים שטארק חשק בעקומען צו הערען וועגען וואס מען רעדט דארט...

אפשר איז דאס געווען דערפאר, וואס ער האט יעצט א קלער געטהאן, אז אזוי ווי ער האט זיך שוין אביסעל איסגעשלאפען, וואלט אפשר ניט אויסגעמאכט אריינצוגעהן אהין און איוך אביסעל פערברענגען מיט מענשען?! און אפשר איז דאס געווען דערפאר, וואס גראדע יעצט, אין דער פינסטער, האט ער זיך דערמאהנט דאס, וואס זיין מוטער האט איהם מיט א צייט צוריק געזאגט און אויף דעם סמך האט זיך איהם שוין געדוכט, אז דארטען אין יענעם צימער זיצען יעצט נור רחל מיט זיידענבערג'ען?!

ער האט זיך אויפגעזעצט, אויפגעשפיצט די אויערען און גע־הערט ווי זיידענבערג זאגט:

— האט דאך טאקע אטא וויינינגער געזאגט אין זיין בוך, „געשלעכט און כאראקטער", אז מוטער־ליעבע איז ניט קיין מא־ראלישע ליעבע דערפאר, וואס קיין אינסטינקטיווע מאראל איז ניטא, עס איז פאראן בלויז א בעוואוסטזיניגע מאראל...

די ווערטער זיינען איהם עפעס ניט געפעלען געווארען, כאטש

ער האָט זיי ניט אַזוי קלאָר פערשטאַנען. און ער האָט אַ קלער געטהאָן:

— אפשר אריינגעהן אהין?

באַלד האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אַז מאָרגען איז ערשט מאָנטאָג און ער וועט אַ גאַנצע וואָך דאַרפען ארבייטען אַזוי שווער, האָט ער זיך ווידער אויסגעצויגען אויפ'ן בעטעל און איז אַנטשלאָפען געוואָרען...

---

אין יענער צייט האָט זי שוין גאַנץ ערנסט געקלערט, אַז שיידען זיך מיט איהם מוז זי. און כאָטש עס איז ביי איהר גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז זי האָט איהם ניט ליעב, דאָך איז איהר פון דעם מאָדנע שווער אויפ'ן הארצען געוואָרען...

אָבער צייטענווייז האָט זי אַנדערש געפיהלט. ער — אַזוי האָט זי דעם גאַנצען פּלאַן גענומען גרינג—ער וועט זיך דאָס געוויס צום הארצען ניט נעהמען; ליעב האָט ער זי דאָך ניט, בכלל איז ער ניט פון די מענשען, וואָס קענען שטאַרק ליעב האָבען... און די קינדער? — זיי וועט זי נעהמען צו זיך... סיי ווי סיי איז ער אַ קאַלטער טאַטע און ער וועט זיך קענען בעגעהן אָהן זיי... דאַרף זי, הייסט עס, בלויז איבעררייידען מיט איהם און איהם זאָגען דעם גאַנצען אמת, אַז זי קען מעהר מיט איהם ניט וואָהנען...

זאָגען איהם דעם אמת האָט זי אָבער ניט געקענט, ווייל אַלע מאָל ווען זי האָט געוואָלט אָנהויבען ריידען מיט איהם וועגען דעם, האָט זי באַלד רחמנות געקראָגען אויף איהם, דעם שטילען, אָרענטליכען און שטענדיג פערהאָרעוועטען מענשען.

זיינען אַזוי אַוועק וואָכען און וואָכען. פון איין טאָג אויפ'ן צווייטען האָט זי דאָס אָבגעלעגט כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז מאָרגען וועט זי דאָס אויך ניט זאָגען. זי איז אין כעס געווען אויף זיך אַליין — פאַר וואָס איז זי אַזאַ שרעקעדיגע? אַזאַ פאַלשע?... ביז זי האָט זיך איינמאָל קוים מיט צרות איינגעשטעלט און אָנגעהויבען מיט געמאַכטער דרייסטקייט:

— אברהם, איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגען, אַז...

אין דער מינוט האָט ער אויף איהם מיט די גרויע קינדערשע אויגען אַ קוק געטהאָן, און זי האָט זיך שוין געמוזט אויסדרעהן אַזוי:

— אַז... דו האָרעוועסט צו שווער... כ׳לעבען, דו וואָלסט זיך געדאַרפט אַביסעל אָברוהען...

נאָך דעם האָט זי זיך אַ שטיק צייט אויפגעגעסען אַ לעבעדיגע — שעהמען דאַרף זי זיך, בנאמנות, פאַר זיך אַליין; אַזאַ ווייבעל, ווי זי, איז ניט קליין צו זיין דרייסטער און זעהן, אַז עס זאָל וואָס גיכער נעהמען אַן עק...

און דאָ האָט איהר פערפאָלגט נאָך אַ געדאַנק: וואָס וועט זי טהון אויב עס וועט זיך נאָכהער אַרויסווייזען, אַז זיידענבערג האָט זי גאָר ניט ליעב?!

און נאָך אַ זאַך:

אויב איהר פאַלט איין אַזאַ געדאַנק, קומט דאָך אויס, אַז זי וויל זיך פשוט פערזאָרגען. און דאָס איז ניט פיין, זעהר ניט פיין פון איהר... און איבעריגענס, אפשר פאַלט איהר איין אָט דער געדאַנק פשוט דערפאַר, וואָס זי האָט איהם, זיידענבערג׳ן זעהר ליעב? נו־יאָ. עס פערשטעהט זיך...

געוואָלט האָט זי, אַז עס זאָל זיין אַזוי:

נאָך איידער זי וועט מיט זיידענבערג׳ען וועגען דעם ריידען, זאָל זי איהר מאַן ערקלערען אַזוי אָפענהערציג און דרייסט:

— ער קען דאָך ניט לייקענען, אַז די צוועלף יאָהר זינט זיי זיינען פערהייראַט האָבען זיי געלעבט שטיל און פיין, ווי ווייט מעגליך האָט זי איהם אַרויסגעהאָלפען. אַז זי האָט איהם די גאַנצע צייט ליעב געהאַט... ווייסט ער דאָך אַליין... אָבער יעצט מוז זי איהם זאָגען דעם אמת, אַז זי האָט איהם מעהר ניט ליעב, און אַזוי ווי קיין פאַלשע קען זי ניט זיין, איז דאָס בעסטע — שיידען זיך...

זי האָט זעהר חשק געהאַט, אַז עס זאָל אַזוי אויסקומען, און דאָך איז דאָס גאָר אויסגעקומען אויף אַזאַ אופן:

ישראל גרינבערג האָט אין אַ שבת אויף דער נאַכט געמאַכט אַ

שמחה צוליעב דעם, וואָס זיין עלטסטער זוהן האָט געענדיגט „האַי סקוהל“. האָט מען די נאַכט זעהר פרעהליך פאַרבראַכט, געטרונקען וויין און אייגענעם־געשטעלטען ווישניאַק, געזונגען חזנ׳ישע שטיקלאַך און רעוואָלוציאָנערע ליעדער.

דער מיסעס שטיינוואַלד האָט זיך זעהר געוואָלט זיין פרעה־ליך און פערגעסען זיך אַביסעל. האָט זי עטליכע גלעזלאַך וויין אויסגעטרונגען, פון וואָס עס איז איהר באַלד געוואָרען אַביסעל טומעלדיג אין קאָפּ און די געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען ווערען פרייער און דרייסטער. דעמאָלט איז זי צו דער מיסעס זיידענ־בערג זעהר צוגעלאָזט געוואָרען און געטרונקען מיט איהר לחיים—אַז זאָלען זיי זעהן די מאָנסבילען, אַז היינטיגע פרויען זיינען אויך מענשען! זאָלען זיי וויסען, אַז מיר שטעהן ניט אָב פון זיי! טרינקט, מיסעס זיידענבערג, טרינקט!...

און צו זיידענבערג׳ען אַלע מאָל:

— איהר זעהט ווי מיר לאָזען זיך וואויל געהן!

— כאַ־כאַ־כאַ!

אַזוי האָט מען גאַנץ שפּעט זעהר לעבעדיג פערבראַכט, און ווען אַלע זיינען שוין מיעד געווען, האָט מאַקס ליטינסקי, דער אינגסטער פון זיי אַלע, געמאַכט אַזאַ פאָרשלאַג:

—זאָל מען שפּיעלען אין פליהענדע פאָסט!

— טאַקי, טאַקי! — האָט זיך די מיסעס שטיינוואַלד אין דעם אָנגעכאַפּט — מיר מעגען זיך אויך אַמאָל נאַריש מאַכען...

יעצט איז פאַר איהר געווען די בעסטע געלעגענהייט אָנצור־שרייבען זיידענבערג׳ען דאָס, וואָס זי האָט איהם פערזענליך ניט געקענט זאָגען. ביי דער יעצטיגער געהויבענער שטימונג איהרער, האָט זי געפיהלט, אַז זי וואָלט אַפילו אַליין מיט איהם אויך געקענט ריידען וועגען דעם, וואָס זי לעבט איבער די לעצטע צייט, אָבער די אַרומיגע האָבען איהר געשטערט, און מאָרגען — האָט זי גע־וואוסט — וועט זי שוין אַזאַ שטימונג ניט האָבען. דאַרום האָט זי טאַקי אַזוי פּער׳עקשן׳ט אויפ׳ן קול געשריען:

— זאָל מען שפּיעלען! כ׳לעבעג, זאָל מען שפּיעלען!

און טאַקי באַלד האָט זי אָנגעהויבען אַבראַמען פון טיש ווי אַ היימישע בעל־הבית'טע; אַן אויפגעלעגטע, אַ פרעהליכע האָט זי דעם מאַן איהרען אויך אָנגעטאָהן אַ פאַרטוך און שטיפעריש געקאָמאַנדעוועט:

— טהו עפּעס! שעהם זיך ניט! ווייז וואָס דו קענסט...

ער האָט געפאָלגט און דערביי נעבעכדיג געשמייכעלט.

— היינטיגע ווייבער! זיי זיינען דיר גאָר קיין קליינינקייט ניט די היינטיגע ווייבער...

שפּעטער זיינען שוין אַלע אַזוי פערטיעפּט געווען אין'ם שרייבען, אַז קיינער האָט גאָר ניט בעמערקט ווי די מיסעס שטיינוואַלד מיט זיידענבערג'ן רייסען בריוועלאַך נאָך יעדער פּאָסט און קוקען זיך איבער מיט שטראַהלענדע, פאַרליעבטע אויגען...

און ביים אַהיים געהן איז שוין אויסגעקומען אַזוי, אַז ער מיט איהר זיינען די ערשטע, אין דער פינסטער, פון די שטיגען אַרונטערגעלאָפען.

דאָרט האָט ער, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען, אין איינענים איהר אין די ליפּען אַ קוש געטהאָן און באַלד אַרויפגעשריען מיט אַ געמאַכטען בייזער:

— קומט שוין! קומט שוין שנעלער אַביסעל! וואָס נודיעט איהר דאָרט?!...

---

.4

פון יענער נאַכט אָן האָט שוין דאָס פערברענגען צוזאַמען אַלע טאָג אין'ם פערמאַכטען צימער זיי בײדען ניט צופריעדענגעשטעלט; עפּעס האָבען זיי מיט אַמאָל אָנגעהויבען תּיהלען, אַז אַלעס אין הויז שטערט זיי, אפילו די מעבעל — האָט זיך זיי געדוכט — קוקט אויף זיי חשוד'יג שטום. צופיעל האָט זיך שוין דעמאָלט דער דיוואַן אין די אויגען געוואָרפען און זיי געבראַכט דערצו, אַז זיי זאָלען זיך חז'עוודיג פערשעהמען איינער פאַר'ן

אַנדערן... און קיינמאָל זיינען זיי ניט זיכער געווען, צי פֿון יענער זייט טהיר שטעהט ניט אימיצער און הערט אונטער יעדער וואָרט, וואָס זיי ריידען צווישען זיך...

און ריידען האָבען זיי יעצט געמוזט אַ סך, זעהר אַ סך. האָבען זיי אָנגעהויבען אָברייידען וואו צו טרעפען זיך, אַז קיינער זאָל ניט וויסען. און אָפּט מאָל זיינען זיי אויף דער נאַכט, מיט אַן אויסרייד, אַז זיי געהן צו אַ לעקציע, גאָר אַוועקגעפאָהרען אין אַזעלכע ווייטע געגענדען פון שטאָדט, וואו זיי זיינען געווען זיכער ניט צו באַגעגענען קיין בעקאַנטע מענשען.

עס איז זיי ביידען געווען אַזוי מאָדנע אָנגענעהם צו שפּאַציערען געאָרמט איבער דער ברייטער רייכער גאַס, וואו עס האָבען זיך מיט אַ פערשייטער שנעלקייט געיאָגט אָהן אַ שיעור אויטאָמאָבילס. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבען האָבען זיי דעם טעם פון אמת'ער ליעבע געפיהלט...

— בנאמנות, — מאַכט ער צו איהר איינמאָל און שמייכעלט אַזוי ווי ער וואָלט פערשטאַנען, אַז פּאַר איהם פּאַסט ניט צו זאָגען דאָס, וואָס ער וויל יעצט זאָגען — בנאמנות, איך הויב ערשט יעצט אָן בעגרייפען וואָס לעבען הייסט... — און אָט זאָל זי נור אַקאָרשט אַליין בעקלערען ווי אונגליקליך ער איז ביז יעצט געווען: געבאָרען געוואָרען איז ער ביי זעהר פרומע פערמעגליכע עלטערן, זיי האָבען איהם ערצויגען אויפ'ן רבנ'ישען שטייגער, צו אַכטצעהן יאָהר האָבען זיי איהם חתונה געמאַכט און פון קיין ליעבע האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט... ווען ניט דער פריזיוו, איבער וואָס ער האָט געמוזט אַוועק אין אמעריקא, וואָלט ער אפשר יעצט גאָר געווען אַ רב ערגיץ אין אַ קליין פערוואָרפען שטעדטעל...

און זי האָט אויך תרעומות געהאַט אויף דער פערגאַנגענער צייט:

— ער מעג איהר גלויבען אויף איהר עהרען־וואָרט, אַז ווען זי דערמאָהנט זיך ווי זי האָט מיידעלוויז געגאַרט צו לערנען, און איהרע עלטערן, אָרימע בעל־הבית'ישע עלטערן, האָבען זי פאַרשלייערט מיט שטיינוואַלד'ן דערפאַר וואָס, ער, אַ

בחור פון א יחוס'דיגער משפחה, האט זי גענומען אהן נדן — ווען זי דערמאהנט זיך דאס, פיהלט זי זיך אזוי בעליידיגט און געקרענקט, אז ער קען זיך דאס גאר ניט פארשטעלען...

האבען זיי אבגערעדט צווישען זיך אזוי:

קודם כל זאל זי זיך מיט שטיינוואלד'ן גט'ען; מיט א פאאר וואכען שפעטער, וועט ער זיך גט'ען מיט פייגען און נאך דעם וועלען זיי זיך ביידע בעזעצען אין אזא געגענד אין שטאדט, וואו קיינער קען זיי ניט און זיי וועלען דאס א לעב טהאן — ווי נייע געבארענע... דאס גאנצע לעבען זייערס וועט זיין אנגעפילט מיט ליעבע און גליק... און וועגען די קינדער? וועגען זיי איז דאך ניט שייך צו ריידען; זי פערשטעהט דאך אליין, אז ביי איהם וועלען זיי קריגען א שעהנערע ערציהונג איידער ביי שטיינ־וואלד'ן...

נאר אזעלכע געשפרעכען און אפטע שפאציערען, איז סוף כל סוף געקומען א שבת'דיגער טאג ווען ביי שטיינוואלד'ן אין הויז איז א גאנצער חורבן געווען. צופיעל איז שוין דעמאלט דאס ניט איבערגעוואשענע געפעס אויף אלע טישען געווען אנגעשטעלט, צופיעל האט שוין די אלטע מוטער מיט'ן קאפ געשאקעלט און גע־זיפצט אזוי ווי מען וואלט נור וואס פון שטוב א בר־מנן ארויס־געטראגען. די קינדער זיינען מיט אמאל רייף געווארען, ווי דער־וואקסענע מענשען האבען זיי זיך שוין פערהאלטען צו דעם אונ־ערווארטעטען אונגליק און אנגעהויבען פערשטעהן אזא זאך, וואס יי האבען ביז יעצט ניט פערשטאנען...

— מא! — רופט זיך אב בעני פערוואנדערט — דו גלייכסט שוין מעהר ניט דעם פאפא? פארוואס עפעס גלייכסטו איהם מעהר ניט?...

און די זיבען־יעהריגע יעטא האט שוין ווי א דערוואקסענע טאכטער געוויינט און ניט געוואלט ארייננלאזען איהרע חבר'טעס, וועלכע זיינען זיך יעצט געקומען שפיעלען מיט איהר... און שטיינוואלד — א ניעדערגעשלאגענער, א צובראכענער — איז געזעסען ביים טיש, ביידע הענט אנגעשפארט אין די שלייפען

פון'ם שטערן און פערצווייפעלט געקוקט אַרומטער. ער, דער שטי־
לער, דער אַרענטליכער האָט זיך גאָר אויף אַזאַ קלאַפּ ניט געריכט...

— וואָס הייסט עפּעס, זיין רחל האָט איהם מעהר ניט ליעב!
וואָס הייסט עפּעס, זי מוז זיך מיט איהם שיידען! ער וועט דאָס
ניט אַריבערטראָגען! איז הפּנים די מאַמע טאַקי גערעכט געווען...
און וואָס זשע וועט איצט זיין? וועט רחל, הייסט עס, טאַקי אַוועק
פון איהם?... און אָט זיצט זי נעבען איהם מיט אַן אַראָבגעלאָזטען
קאָפּ און שווייגט... אָט פיהלט ער ווי זי גלעט איהם איבער'ן
קאָפּ און בעט זיך ביי איהם אין דער שטיל:

— אברהם...

און מעהר קיין וואָרט ניט.

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, ניט געקענט און מיט אַמאָל
זיך פונאַנדערגעוויינט.

דאָס מאָל האָט זי מעהר מיט איהם ניט געקענט ריידען און
אויף מאָרגען האָט זי מיט איהם עטליכע שטונדען כסדר אויף דעם
גרויסער בריק אַרומגעשפּאַצירט און איהם אַלץ אויסגעברייעט, אַז
עס פּאַסט ניט פאַר איהם זיך נאַריש צו מאַכען און צו פּיעשטשען
זיך ווי אַ קליין קינד... אַזאַ מענש ווי ער דאַרף זיין שטאַלץ און
זיך ניט נעהמען צום האַרצען אַזעלכע זאַכען; אפילו צווישען גאָר
גרויסע מענשען טרעפט דאָס אויך... און אָט זאָל ער נור
די זאַך געלאַסענער בעקלערען; וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט זי ביי
איהם געהאַט ווען זי זאָל מיט איהם בלייבען וואָהנען אין דער צייט
ווען זי פיהלט פאַרט, אַז זי האָט איהם מעהר ניט ליעב? ער
ווייסט דאָך אַליין, אַז זי איז ניט אַזעלכע... ניין, ער מוז צוגעבען,
אַז דאָס בעסטע איז נור — שיידען זיך...

דאָס האָט אויף איהם געווירקט און אין אַ פּאָאַר טעג אַרום
זיינען זיי שוין געווען גע'גט'ע...

---

ביים געזעגענען זיך האָט זי זיך מיט איהם געקושט.ביידע
האָבען געוויינט גלייך אַ גרויזאַמער, ניט פאַראויסגעזעהנער צו־
פאַל וואָלט זיי מיט געוואָלט איינער פון אַנדערן אַוועקגעריסען.

און זיי האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז אויף שטענדיג וועלען זיי זיך גוטע פריינד פאַרבלייבען... די קינדער — האָט ער איהר געזאָגט — וועט ער איהר אין עטליכע טעג אַרום אַליין ברענגען.

און ער האָט געהאַלטען וואָרט: אין עטליכע טעג אַרום האָט ער איהר די קינדער געבראַכט.

און עס איז געוועזען אַזוי מאָדנע:

— רחל! — גיט ער איהר אַ זאָג און האַלט זיך קוים איין ניט צו וויינען דערביי — זיינען מיר שוין, הייסט עס, יעצט מעהר ניט מאַן און ווייב?... מעהר ניט?... און איך וועל, הייסט עס, בלויז אַלע וואָך קומען אהער זעהן זיך מיט דיר און מיט די קינדער?...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס ריידען און ניט געוואוסט וואָס, צו האַסטיג און טומעלדיג האָט ביי איהם דער מח געאַרבייט, האָט ער זיך געגעבען אַ הויב אויף: — מען דאַרף געהן!

ער האָט זיך מיט איהר ווידער צוקושט, געקושט די קינדער און געוויינט און אַרויסגעגאַנגען איז ער אַ נידערגעשלאָגענער, אַ פֿערביטערטער און אַן אַראָבגעפאַלענער ביי זיך...

אין דער היים האָט איהם בעגעגענט די אַלטע מוטער, זי האָט נאָך אַלץ געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזיפצט:

— וועה איז מיר! אַ שעהנער תכלית געוואָרען, ביטער איז מיר...

און ער האָט פערביסען געשוויגען...

אין עטליכע טעג אַרום איז ער געוואהר געוואָרען, אַז זיידענ־בערג האָט זיך אויך געג'גט מיט זיין פרוי. ערשט דעמאָלט איז פאַר איהם קלאָר געוואָרען אַז דאָ איז געוועזען אַן אָבגערעדטע זאַך.

— אַזוי גאָר! אַזוי גאָר! — האָט ער זיך געקאָכט אין זיך — איצט פאַרשטעה איך שוין!...

אַ צורייצטע אייפערזוכט האָט איהם רוהען ניט געלאָזט. פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרען חושך'עה, און אויף רחל'ען האָט ער דאָס ערגסטע אויסגערעדט.

נור איינמאָל, ווען מאַקס האָט זיך ערלויבט אויף איהר א שלעכט וואָרט צו זאָגען, אזי ער געוואָרען אַן אַנגעצונדענער:

— דו לאַנגער לא לנו, זאָלסט זיך ניט דערוועגען אויף איהר א שלעכט וואָרט צו זאָגען! דו הערסט? ! ארויס פון דאַנען, דו פּאַסקודניאַק איינער דו!...

מאַקס איז שוין געווען גרייט זיך צו בעליידיגען, אָבער דער־זעהענדיג ווי ביי שטיינוואַלד'ן שטעהן די טרעהרען אין די אויגען, און ווי ער קוקט אוים אזוי נעבעכדיג און צובראָכען, איז ער גע־בליבען שטעהן אין גרוים פאַרלעגענהייט און ניט געוואוסט ווי זיך דאַ צו פאַרענטפערען. ער האָט שוין געוואָלט צוגעהן צו איהם און זאָגען א גוט וואָרט אויף רחל'ען, אָבער אינמיטען דערינען האָט ער דערהערט א קלאַפּ.

דאָס האָט שטיינוואַלד מיט'ן פויסט אַן טיש א קלאַפּ געטהאָן און אין דערזעלבער צייט פון צווישען די צייהן ארויסגעברומט מיט כעס און שפּאָט:

— א „אינטעליגענטקע“!... אזא אויסוואורף!...

## הונדערט דאָלאַר אַ וואָך.

עס איז קיינעם קיין דאַנק ניט געקומען דערפאַר, וואָס רחל גלאַזער האָט זיך אין׳ם משך פון אַ קורצער צייט אַזוי פיין ארויפגעאַרבייט אין אַמעריקאַ. קיין גרויסע אַנשטרענגונגען האָט דערביי קיינער ניט געמאַכט; ניט איהרע טאַטע־מאַמע, וועלכע זיינען נאָך געווען גרין אין לאַנד און ניט געוואוסט וואו אַ טהיר עפענט זיך; ניט איהרע פריינד און קרובים, וועלכע זיינען צופיעל מיט זייערע אייגענע געשעפטען פערנומען געווען, און זי אַליין — נאָך ווענינער פון אַלעמען.

עפּעס ווי פון זיך איז אַלעס געגאַנגען גוט. און אָנגעהויבען האָט זיך עס אַט אַזוי:

ווי טויזענדער אַנדערע מיידלעך האָט זי אָנגעהויבען אַרביי־טען אין שאַפּ. גענעהט קנעפּלעך, העקלעך. געזעסען גאַנצע טעג איינגעבויגען ביי אַ לאַנגען שמאָלען טישעל און געשטורכעט מיט דער נאָדעל.

וואָלט זי ניט געווען אַזאַ שעהנע מיידעל, וואָלט זי געאַרבייט אַזוי לאַנג ביז זי וואָלט סוף כל סוף חתונה געהאַט און געוואָרען אַ בעל־הבית׳טע פון פיער רומס, מיט אַ קאַרפּעט אין פראַנט רום. איז זי אָבער געווען זעהר אַ שעהנע און דערצו נאָך געהאַט אַ שלאַנקע און בויגיקע פיגור, האָט זיך שוין געמוזט מאַכען אַזאַ צופאַל:

אין איין שאַפּ האָט דער בעל־הבית אויף איהר אַן אויג גע־וואָרפען און שוין צופיעל און צו זים גענומען שמייכלען צו איהר.

קיין שעהמעוודיגע איז זי ניט געווען. אַ יונגערמאַן שמייכעלט צו איהר — האָט זי איהם געענטפערט מיט אַ שמייכעל. וואָס קען דאָס זי אַרען? שטעלען זיך דען ניט אָב אַזעלכע שעהנע צוויי חן־גריבעלעך אין איהרע באַקען, ווען אַ שמייכעל פערציהט זיך אויף איהר פּנים?...

אַז זי איז אַ שעהנע מיידעל — האָס האָט זי געוואוסט. נאָך צו גוט. זי האָט אויך געוואוסט, אַז אין אַזאַ פאַל דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג און וויסען ווי זיך צו האַלטען.

וואָרים געגוג מיידעלעך פאַלען אַריין. אין די „פּייפּערס" לעזט זי כמעט יעדען טאָג וועגען אַזעלכע זאַכען.

אָבער זי האָט דאָך ניט געקענט זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל, ווי די מעהרסטע שעהנע מיידלעך, האָט זי געהאַט די נייגונג אָנ־צוציהען אַ יונגען מאַן. זיך חן'דלען אביסעל גלאַט אַזוי זיך. „דזשאָסט פאַר פאַן"...

איז זי איינמאָל צוזאַמען מיט איהר יונגען באָס אין אַ שעה־נעם רעסטאָראַן געזעסען, און יענער האָט איהר געזאָגט:

— איהר זיינט צו שעהן צו זיין אַן איינפאַכע שאַפּ־מיידעל. נעהמט אייך בעסער פאַר עפּעס אַנדערש.

— פאַר וואָס אַ שטייגער?

האָט ער זי מיט די אויגען פונ'ם קאָפּ ביז די פיס אָבגעמאָס־ען, זיך פערטראַכט אַ ווײַלע און דערנאָך מיט אַמאָל זיך אַ כאַפּ געטהאָן:

— ווייסט איהר גאָר וואָס, איך מאַך אייך פאַר דער פיגור־ליידי אין מיין שאַפּ. איהר האָט דאָך אַ זעלטען־שעהנע גראַציעזע פיגור!

אַ פיגור־ליידי איז אַ פיגור־ליידי. אַ דאַנק איהר! וועט מען איהר אַלע מאָל אָנמעסטען אַן אַנדער קלייד און זי וועט זיך אַזוי חנ'עוודיג דרעהען אויפ'ן קנאַפּעל און קוקען אין שפּיעגעל. ניט שלעכט. און סיילסלייט, ספּאָרטישע יונגע־לייטלעך, וועלען איהר

מאכען קאמפלימענטען, און האלטען אין איין קוקען אויף איהר, אז די אויגען זאלען זיי ארויס. אודאי ניט שלעכט...

בלייבט עס — א פיגור־ליידי.

דערנאך איז זי געווארען נאך א גרעסערע קאקעטקע ווי פריי־הער. זי איז אזוי ארייגעצויגען געווארען אין די פערשיעדענע מאדעס און פאסאנען, אז זי האט גאר וועגען קיין אנדערע זאכען ניט געקענט ריידען. אין יעדען געשפרעך איהרען זיינען ווי די ווילדע ציעגען ארומשפרונגען די ווערטער: „פעלדרעלעך", „זייד", „טרימינג", „דעקאלטע", „לייס", „וועלוועט" און נאך אזעלכע ווערטער, וואס האבען א שייכות מיט קליידער און פרויען...

עס האט שוין געמוזט זיין אזוי, אז זי זאל געהן ווייטער אויף דעם געביעט. איהר גאנצע נשמה און אלע איהרע געדאנקען זיינען געווען פערטהאן אין די מאדעס, און די מענשען, וועלכע געבען ארויס אדער פערשעהנערען די מאדעס זיינען ביי איהר געווען די גרעסטע מענשען אויף דער וועלט. איהר העכסטע שטרעבונג איז געווען — אויך ווערען איינע פון זיי.

און וואס קען נאך זיין גרעסער ווי א דעזיינערין?...

האט זי זיך מיט פלייס א נעהם געטהאן צו דער ארבייט, א שטיק צייט געלערענט דעזיינינג ביז זי האט ענדליך דערגרייכט איהר ציעל.

עס האט טאקי געדויערט א פאאר יאהר, אבער עס איז כדאי געווען. ווארום ערשט דאן האט זי דערפיהלט וואס פאר א וויכ־טיגע פערזענליכקייט זי איז, ווי זי האט איבערגעוואקסען אלע איהרע חבר'טעס. א ווערטעלע אויסצוריידען — א דעזיינערין!

אנדערע מענשען דארפען קעמפפען מאכענדיג א קאריערע, אבער זי האט פון אזא זאך ניט געוואוסט. די פאאר יאהר איידער זי איז געווארען א פאלגע דעזיינערין האט זי ניט געקעמפפט, נאר געוואקסען אין איהר גדולה; אט האט זי געקראגען פערציג דאלאר א וואך, און אט שוין פופציג. עפעס אזוי שנעל און גרינג האט זי נייע פלעצער געפונען און ביי יעדען מאל האט זי מעהר געלד געקראגען.

אַז אין וואָס פאַר אַ שאָפּ זי איז ניט אָנגעקומען אַרבייטען, האָט מען פון איהר געהאַלטען אַ וועלט. דאָ האָט זי בעוויזען אַ קונץ צו „מאַכען" אַ דרעס אַזוי שעהן, אַז אַלע האָבען געגאַפט, דאַרטען האָט זי זיך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ אויפטהו, וואָס אַלע האָבען געמוזט בעוואונדערען, און — גלאַט אַזאַ שעהנע מיידעל...

און זי איז טאַקע געווען אַ קינסטלערין אין איהר פאַך. קיין חידוש איז דאָס ניט געווען, ווייל אויסער די פעהיגקייטען איהרע האָט זי זיך שטאַרק אָבגעגעבען דערצו; עס האָט ביי איהר ניט אויסגעמאַכט צו געהן צוויי־דריי מאָל אין וואָך אין דער אָפּערא, זיצען אין אַ לאָזשע און זיך גוט צוקוקען צו די טהייערע קליידער, וואָס די רייכע אַריסטאָקראַטישע דאַמען טראָגען, כדי זי זאָל זיי קענען נאָכמאַכען. אויך אין די קלויסטערס און אין די טעמפּלען איז זי צוליעב דעם געגאַנגען.

איהר גוטער געשמאַק און אויך איהר ספּעציאַליטעט אין פאַך איז אָבגעשעצט געוואָרען און זי האָט זיך אַרויפגעאַרבייט אויף הונדערט דאָלאַר אַ וואָך.

דעם טאָג ווען זי האָט געבראַכט אַהיים די הונדערט דאָלאַר, וואָס זי האָט פאַר איין וואָך אַרבייט געקראָגען, האָבען אַלע איהרע שוועסטער און ברידער דערפיהלט, אַז צו איהר האָבען זיי זיך ניט וואָס צו גלייכען, אַז זי האָט מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען העכער פאַר זיי אַלעמען, און דעריבער מוזען זיי פאַר איהר דרך ארץ האָבען. אפילו די עלטערן האָבען אויך דאָס זעלבע געפיהלט. און ווען זי האָט דעם טאַטען צוגערופען צו זיך און איהם די הונדערט דאָלאַר דערלאַנגט, איז ער געבליעבען שטעהן אין דער גרעסטער פערלעגענהייט און אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן — יאָ נעהמען, אָדער ניט נעהמען דאָס געלד?

כאָטש ער איז געווען אַ קלוגער איד און געהאַט גענוג מוטה זיך אויסצוטענה'ן אַפילו מיט'ן גרעסטען, איז ער דאָך פאַר זיין אייגענער טאָכטער געשטאַנען ווי אַ נעבעכעל, די אַקסלען פערצויגען אַרויף און עפּעס ניט זיכער געצויגען די ווערטער פון זיין אייגענעם מויל:

— כ׳ווייס... וואָס עפּעס גאָר דעם גאַנצען הונדערטער? דו אַליין דאַרפסט דאָך אויך האָבען אַ פּאָאַר דאָלאַר אויף עקספּענ־סעס...

— עס איז אַלרייט, אַז איך וועל דאַרפען וועל איך ביי דיר נעהמען. — האָט זי ווי אַ געטרייע טאָכטער געענטפערט.

דער פאָטער האָט דאָס געלד אפילו ניט איבערגעצעהלט און ווען ער האָט דאָס אריינגעלעגט אין קעשענע, האָט ער דערביי געמאַכט אַזאַ מינע גלייך מען וואָלט איהם געצוואונגען דאָס צו טהאָן. און דערנאָך האָט ער שוין געפיהלט, אַז די קעשענע איז ניט זיינע, אַז דאָס געלד, וואָס ליעגט דאָרטען, בריהט איהם און אַז פון היינט אָן ווערט ער אוים בעל הבית אין הויז, ווייל דאָ געפינט זיך שוין אַזאַ מענש, וואָס איז העכער פון איהם...

און ער איז טאַקע געוואָרען אוים בעל הבית אין הויז, און רחל איז געוואָרען די גאַנצע דעה זאָגערין. זי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זיך איבערקלייבען אין אַ שעהנערע וואָהנונג, האָט זי דאָס גלייך אויסגעפיהרט, כאָטש קיינעם איז דאָס ניט אַזוי שטאַרק געגאַנגען אין לעבען דוקא אין אַ רייכערען געגענד צו וואָהנען; זי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל איינפיקסען אַ טעלעפאָן אין הויז, האָט מען איינגעפיקסט, כאָטש די אַלטע מרס. גלאַזער האָט דוקא ניט געוואָלט האָבען קיין טעלעפאָן אין הויז.

זי האָט מורא געהאַט פאַר׳ן טעלעפאָן, די אַלטע: וואָס טהוט זי, אַז עס הויבט אָן קלינגען אין מיטען דערינען און קיינער איז נישטאָ אין דער היים נאָר זי? מילא אַזוי רעדט זי אידיש, אָבער אויפ׳ן טעלעפאָן מוז מען דאָך רעדען ענגליש!...

עס האָט איהר אָבער ניט געהאָלפען. רחל האָט געוואָלט אַ טעלעפאָן און עס האָט געמוזט זיין, ווייל ווי דערלאַנגט מען דאָס יענעם אַ קאַרד אָהן אַ טעלעפאָן נומער? עס איז אויך ניט שעהן צו הייסען רחל גלאַזער. אודאי ניט!

און זי האָט זיך אָנגעהויבען רופען רעי גלעסס...

אַזוי האָבען זי איהרע בעקאַנטע גערופען, און זי האָט איינ־

געפיהרט, אַז אין דער היים זאָל מען זי אויך אַנדערש ניט רופען, נאָר רעי.

איהרע עלטערן איז דאָס שווער אָנגעקומען. פאַר זיי איז רחל געווען אַן אייגענער טאָכטער, און רעא — דעזיינעריו, וועלכע פערדיענט הונדערט דאָלאַר אַ וואָך. און — גלאַט וואָס פאַר אַ נאָמען איז דאָס רעי ?! עס רעדט ניט צום הארצען, עס איז פּרעמד. אָבער זיי האָבען זיך גאָר ניט געקענט העלפען — זי האָט אַזוי געוואָלט, און אַזוי האָט עס געמוזט זיין...

— עס האָט אויך געמוזט זיין אַזוי, אַז ביי די גלאָזערס אין הויז זאָל מען זיך פיהרען אויפ'ן נגיד'ישען אופן, כאָטש דער בעל הבית אליין איז דוקא קיין נגיד ניט געווען. מען האָט געמוזט קויפען גוטע מעבעל, זיך אָנטהאָן אין שעהנע קליידער, קאָכען טהייערע מאכלים און זיך אין אַלגעמיין פיהרען ברייטלאָך. ניט אַזוי צוליעב זיך ווי צוליעב די מענשען, וועלכע קומען אריין צו רחל'ן...

און צו רחל'ען זיינען אריינגעקומען אַלץ אַזעלכע וואַזשנע מענשען — ריידען פערפוצטע מיידלאָך און ספּאָרטישע יונגע לייט, וועלכע ריידען ענגליש אַזוי פלייסיג און בענעהמען זיך אַזוי מאַניערליך.

פאַר אַזעלכע מענשען מוז מען דאָך האַלטען פּאַסאָן און ווייזען, אַז מען איז אויך ניט אַבי ווער. און חוץ דעם: עס קומען אריין אַזוי פיעל יונגע לייט, וועט זיך אפשר מיט דער צייט אויסדרעהען אַ שידוך...

דערפאַר האָבען זיי זיך מעהרסטענטהיילס אינטערעסירט מיט די יונגע לייט, וועלכע זיינען צו זיי אין הויז אריינגקומען. ביי זיך אין געדאַנק האָבען זיי שוין אָבגעמאַכט ווער עס וואָלט פאַר איהר געפּאַסט, אָבער אַלע מאָל האָט זיך אויסגעלאָזט אַזוי, אַז דוקא דער, אויף וועמען זיי האָבען אַן אויג געוואָרפען, איז רחל'ען געווען ניט צום הארצען — דער פערדיענט אין גאַנצען דרייסיג דאָלאַר אַ וואָך; יענער איז ניט קיין „ספּאָרט" צו „טריעטען"; דער איז אַן אָרימער סטודענטעל, וועלכער דאַרף נאָך לערנען דריי יאָהר ביז ער וועט ווערען אַ דאָקטאָר, און יענער איז גלאַט אַ

מענש אהן א בעשטימטער פּראָפעסיאָן און קען נאָך קיין לעבען ניט מאַכען...

כאָטש די עלטערן האָבען זעהר געוואָלט דערלעבען נחת אין זייער טאָכטער און כאָטש זיי האָבען ניט אַלע מאָל געקענט איינשטימען מיט איהר מיינונג וועגען דעם אָדער יענעם יונגען מאַן, האָבען זיי דאָך ניט געהאַט קיין מוטה איהר צו זאָגען א דעה; זיי האָבען זיך געפיהלט צו קליין געגען איהר, דער גרויסער פערדיענעריןָ, וועלכע קריעגט הונדערט דאָלאַר א וואָך און פערגינט זיך צו מאַכען א דרעס פאַר א פינף און זיעבציג דאָלאַר...

---

זיינען אַוועק א פּאָאַר יאָהר און רחל איז אַזוי צוגעוועהנט געוואָרען צו איהרע גרויסע פערדיענסטען, אַז זיי האָבען זי שוין מעהר ניט צופריעדענגעשטעלט; עס איז שוין ביי איהר געווען א גאַנץ געוועהנליכע זאַך צו קויפען פאַר זיך אַלעס, וואָס זי בעדאַרף און וואָס ס'געפעהלט איהר; פון איהרע טייערע קליידער האָט זי שוין מעהר ניט געהאַט דעם פערגעניגען ווי אין די ערשטע צייטען ווען דאָס איז נאָך ביי איהר געווען א נאָווינע, א נייעס, און עס האָט איהר עפּעס אָנגעהויבען פעהלען...

אָנגעהויבען האָט זיך עס דערפון וואָס א פּאָאַר פריינדינעס איהרע האָבען חתונה געהאַט...

און טאָמער איז דאָס נאָך געווען וועניג, האָט איהר קלענערע שוועסטער, א הויי-סקוהל מיידעל, עפּיס מיט אַמאָל גענומען וואַקסען און געוואָרען אַזוי שעהן, אַז עס איז אונמעגליך געווען פאַר א יונגען מאַן זי ניט צו בעמערקען.

פאַר רחל'ען איז דאָס אויסגעקומען אַזוי מאָדנע: איהר שוועסטער'ל דינה'קע — דוכט זיך ערשט ניט לאַנג איז זי א קליינע מיידעלע געווען, און איצט איז זי שוין א דערוואַקסענע מיידעל! און ווי אָנציהענד זי איז! ווי רייצענד!

דערצו מאַכט זיך נאָך אַמאָל אַזוי:

עס קומט צוגעהן א מענש, וועלכער איז יאָהרען לאַנג ביי די גלאָזערס ניט געווען. דערזעהט ער דינה'קען און דערפרעהט זיך

נאָר איבער איהר: „העללאָ, רחל! וואָס פאַר א שעהנע מיידעל דו ביזט געוואָרען!" און ווען מען זאָגט איהם אז דאָס איז ניט רחל, נאָר דינה'קע, גאַפט ער נאָך מעהר. און דערנאָך, ווען ער דערזעהט רחל'ען, קוקט ער אויף איהר פערוואונדערט און מאַכט אזוי:

— זעה נאָר, זי איז דאָך גאָר א גאַנצע „ליידי" געוואָרען!...

דאָס וואָרט „ליידי" גיט איהר א שטאָך אין הארצען, און נאָך דעם קען זי שוין א גאַנצע שטונדע שטעהן פאַר'ן שפּיעגעל און זיך אַליין אָפּמעסטען מיט די אויגען פון'ם קאָפּ ביז די פיס — טאקע א גאַנצע „ליידי" געוואָרען.

זיינען אוועק נאָך א פּאָר יאָהר און עס איז געקומען דערצו, אז אין איהר שוועסטערעל האָט זי זיך אַליין געזעהן; ווי זי איז געוועזען מיט עטליכע יאָהר צוריק, און עס האָט אהר באַנג געטהאָן נאָך יענער צייט... ווי זי אז דאָס געראָטען אן איהר, דינה'קע! און ווי עס קוקען שוין אויף איהר די יונגע לייט, וואָס קומען אהער אריין!

איבער דעם האָט זי אויף אַלעמען אַן אום חן געוואָרפען און אין גאַנצען זיי אוועקגעמאַכט מיט דער האנד, גלייך זיי וואָלטען פאַר איהר גאָר ניט עקזיסטירט. צו וואָס דאַרף זי זיי? ווייסט זי דען ניט, אז זיי דרעהען זיך אַרום איהר בלויז דערפאַר, ווייל זי איז א גרויסע פּערדיענערין?

וויפיעל יונגע לייט עס האָבען זיך איהר שוין ערקלערט אין ליעבע! אָבער זי גלויבט זיי קיינעם ניט; דער וואָלט געוואָלט ווערען א דאָקטאָר דורך איהר געלד, און יענער שאַרפט די צייהן צו ווערען א גרויסער געשעפטסמאַן דורך איהרע פּערדיענסטען... זי האָט געפיהלט, אז אין איהר לעבען פעהלט דער עיקר, דער תוך, פון וואָס א מענש קען ווירקליך זיין צופריעדען. זי האָט מקנא געוועזען די אָרימע מיידלאַך, ווייל זי האָט גענומען פאַרשטעהן, אז איבער איהרע גרויסע פערדיענסטען האָט זי אַנגעוואָרען א סך, זעהר א סך אין לעבען... וואָרים ווען זי וואָלט ניט פערדיענט

אזוי פיעל, וואָלט זי שוין אַצינד געווען חתונה געהאַט, פּונקט ווי איהרע פריינדינעס...

ביי זיך אין האַרצען האָט זי דינה'קען פיינט געהאַט, אָבער ארויסגעוויעזען האָט זי דאָס ניט. נאָך גרעסער איז איהר שנאה געוואָרען ווען אין דינה'קען האָט זיך פערליעבט אַ יונגערמאַן.

אין די אויף דערנאָכטען, ווען דינה'קע איז מיט איהר געליעב־טען אוועקגעגאַנגען, האָט שוין רחל אין הויז ניט געקענט איינזיצען און זי האָט אויך געמוזט אוועקגעהן.

וואוהין צו געהן האָט זי געהאַט, און אויך מיט ווען; עס האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע יונגע לייט, וועלכע זיינען אין אַלע צייטען געווען גרייט צו געהן מיט איהר אין טהעאַטער און אין רייכע רעסטאָראַנען; קיין קאָמפּלימענטען האָבען זיי איהר ניט געזשאַלעוועט; אין קיין ליעבעס־ערקלעהרונגען איז זי ניט געווען זשעדנע, אָבער זי האָט זיי קיינעם אַ וואָרט ניט געגלויבט, און גלאַט הנאה געהאַט דערפון, וואָס זי ברייגגט זיי אוים געלד און הערט זיי דאָך ווי דעם פאַראיאָהריגען שנעע...

געבענקט האָט זי נאָך ליעבע, נאָך אמת'ער, ריינער ליעבע. און ביי איהרע פערהערער, ביי די ספּאָרטישע סיילס־לייט און יונגע רייכע מאַנופעקטשורערס האָט זי דאָס ניט געפונען...

ווייל זי איז פון איהר לעבען אזוי אונצופריעדען געווען, איז זי אין הויז שטענדיג ארומגעגאַנגען אַ ברוגז'ע, אַ בייזע. און אזוי ווי די עלטערן האָבען פאַר איהר גרוים אָבשיי געהאַט, האָבען זיי זיך נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געסטאַרעט יוצא צו זיין פאַר איהר און זעהן, אַז זי זאָל פון אַלעם זיין צופריעדען. די מאַמע האָט פאַר איהר די שעהנסטע און בעסטע מאכלים איבערגעלאָזט און ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי איהר גלייך דאָס עסען דער־לאַנגט און זיך געטרייסעלט איבער איהר אזוי ווי דאָס וואָלט גע־ווען ניט קיין אייגענע טאָכטער, נאָר אַ רייכע קרובה, ביי וועמען מען דאַרף בעטען אַ פּאָאָר דאָלאָר אויף נדן פאַר אַ טאָכטער...

— זעהסטו, רעי, דאָס האָב איך פאַר דיר דאָס בעסטע שטי־קעל פלייש געלאָזט... און פערזוך נאָר אָט דעם זופּ. דאָס האָב

איך פאַר דיר דאָס אויבערשטע אָבגעשוימט... און דאָס איז אביסעל קאָמפּאָט. דו האָסט דאָך ליעב אַזאַ קאָמפּאָט...

אַזוי האָט די מוטער אונטערטהעניג איין געריכט נאָכ'ן אַנ־דערען דערלאַנגט צום טיש און איהר אונטערגעגעבען חשק צו עסען.

רחל'ען איז דאָס אויסגעקומען אַזוי פּריקרע כאָטש זי איז שוין געווען געוועהנט דערצו. און איינמאָל, ווען די מוטער האָט איהר ווי שטענדיג איין מאכל נאָך'ן אַנדערען צום טיש דערלאַנגט און דערביי איהר אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, וואָס זי האָט פאַר איהר דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע איבערגעלאָזט, איז זי גאַר פּלוצים געוואָרען אין כעס, אָבגערוקט פון זיך די אַלע געריכ־טען, זיך געגעבען אַ הויב אויף און איז אַוועק אין אַ צווייטען צימער.

עס איז איהר דאַן אויפ'ן הארצען געווען אַזוי שווער, אַז עס האָבען זיך איהר אַזש געשטעלט די טרעהרען אין די אויגען. און געפיהלט האָט זי, אַז איבער דעם, וואָס זי פערדיענט הונדערט דאָלאַר אַ וואָך האָט זי פערלאָרען אַלעס — די געלעגענהייט גע־ליעבט צו ווערען און — איהרע אייגענע טאַטע־מאַמע...

מיט די פערוויינטע אויגען האָט זי אויף דער טהיר געקוקט, און אַזוי געוואָלט אַז דער טיהר זאָל זיך ראַפּטאַם אַן עפען טהאָן און דער טאַטע זאָל אריינלויפען אַ בייזער און זיך צושרייען:

— רחל, זאָלסט שוין געהן צום טיש עסען!

אָבער דער טאַטע האָט זיך ניט צושריען. וואָרים ווי צושרייט מען זיך אויף אַ טאָכטער, וועלכע פערדיענט הונדערט דאָלאַר אַ וואָך?...

# ניט אויסגעהאלטען.

## ג. שופמן'ען א מתנה.

שוין היבשע עטליכע וואכען זינט נחום רובין בלאנקעט זיך ארום איבער די גאסען און זוכט עפּעס א פּאסענדע ארבייט פאר זיך און קען רק ניט געפינען.

די פיס טהוען איהם שוין וועה געהענדיג. אפטמאל דוכט זיך איהם, אז זיי זיינען גאר אין שטיקער העלצער פּארוואנדעלט געווארען און שלעפּען זיך איהם נאך ווי א שווערע משא; און דאך פערגינט ער זיך קיינמאל ניט אהיים צו געהן אין מיטען העלען טאג און זיך אפּרוהען א ביסעל; איהם דוכט זיך, אז די „מיסעס" וועט קוקען אויף איהם קרום, דערזעהענדיג איהם בייטאג אין דער היים...

א מאל, ווען ער ווערט זעהר שטארק מיעד, אז ער קען אזש מיט די פיס ניט פּלאנטערן, ווערט ער בייז: וואס ארט דאס איהם ווי די מיסעס וועט אויף איהם קוקען? די צוויי דאלאר א מאנאט פאר'ן בעטעל צאהלט ער דאך אלע מאל אין דער צייט, טו, וואס דארף ער מורא האבען פאר איהר?

לאזט ער זיך מיט אימפּעט געהן אהיים און ער באשליסט ביי זיך, אז ווי ער קומט נור אריין אין הויז, גיט ער זיך באלד א וואַרף אויפ'ן בעטעל... צוערשט וועט ער זיך לעגען גלאט אזוי, מיט א סיגארעט אין מויל, און וועט קלעהרען וועגען דער היים, וועגען אלע גוטע בעקאנטע, וועגען די מיידלאך, מיט וועלכע ער

פלעגט אַרומשפּאַציערען יעדען פאַר־נאַכט אויף דער גרויסער בריק און אַרונטערקוקען אויפ'ן שטילען, פאַר'חלום'טען „בוג", וואָס האָט זיך קוים מערקבאַר געהוידעט הין און אַהער שפּיעלענדיג זיך מיט די לעצטע שטראַהלען פון דער פאַרגעהענדער זון. נאָכ־דעם וועט ער זיך אומקעהרען מיט'ן פנים צו דער וואַנד און וועט אַבשלאָפען ביז מאָרגען...

נור ווען ער קומט צו נאָהענט צום הויז, פאַרלירט ער מיט אַ מאָל דעם מוטה, און אַ פאַרשעהמטער קעהרט ער זיך אום צוריק...

„וואָס וועט זי קלעהרען? — גיט ער אַ טראַכט וועגען זיין „מיסעם" — אַזאַ געזונדער בחור און געהט אַרום פּוסט און פּאַס...

איינמאָל, געהענדיג אין גאַס, האָט ער באַגעגענט לייבקע בעט־העלפער, זיינעם אַ לאַנדסמאַן, מיט וועלכען ער האָט אין דער היים גאָר קיינמאָל קיין מגע ומשא ניט געהאַט, נור פיהלענדיג זיך דאָ עלענד אין דער גרויסער שטאָדט, האָט ער זיך איבער איהם דערפרעהט, ווי איבער אַן אַלטען גוטען פריינד, וועלכען ער האָט שוין יאָהרען־לאַנג ניט געזעהען און גאָר געגען זיין ווילען האָט ער איהם דערצעהלט, אַז ער איז אויף גרויסע צרות.

— זאָלסט זיך גאָר ניט זאָרגען — האָט איהם לייבקע אַ זאָג געטהאָן בריידלאַך, און האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן איבער דער פּלייצע מעשה גוטער ברודער — אבי דו האָסט מיך געפונען, וועסטו שוין זיין אַלל־רייט. אָבער פאַר וואָס ביזטו באַלד ניט געקומען צו מיר? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך פיהלען שטאַרק בעליידיגט פון דעם.

נחום האָט זיך אָנגעהויבען פאַרענטפערען מיט פאַרשיעדענע תירוצים, כאָטש אין הארצען האָט ער זיך געקלעהרט: וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט דיר?

לייבקע האָט פאַר איהם אָנגעהויבען אויסדערצעהלען זיינע גליקען, ווי ער האָט זיך דאָ אַרויפגעאַרבייט און אגב האָט ער איהם געגעבען אָנצוהערענים, אַז דאָ איז ניט „יוראָפּ", און ס'איז זעהר ניט פיין פון זיין זייט, וואָס ער איז צו איהם ביז יעצט ניט געקומען...

נחום איז געשטאַנען פאַר איהם אין אַזאַ פּאָזע, ווי ער וואָלט זיך טאַקע אין דער אמת'ען פיהלען שולדיג, און כדי צו פאַרגלעטען זיין שולד, האָט ער אַ פרעג געטהאָן: „אפשר ווייסט איהר טאַקע וועגען עפּעס אַ שטעלע פאַר מיר?“

— אַ שטעלע פאַר דיר... —האָט לייבקע געקווייטשט די לעצטע צוויי ווערטער, דערביי האָט ער פאַרזשמורעט איין אויג און געמאַכט אַזאַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט געוואוסט פון אַ סך שטעלעס, נור פאַר איהם, פאַר נחום'ען, וויל ער געפינען טאַקי עפּעס אַן אַנטיקעל פון אַ שטעלע...

נחום איז געשטאַנען און האָט געוואַרט מיט אונגעדולד און מיט אַ פאַרקלעמט הארץ אויף לייבקע'ס ענטפער.

— יע, ס'איז דאָ! — האָט לייבקע מיט התפעלות כמעט ווי אויסגעשריען — אָט געה איך יעצט פון מיינעם אַ באַקאַנטען, וועל־כער האָט אַ קראָם פון לעדער, אפילו ניט קיין גרויסע קראָם, אָבער אַ מענשען דאַרף ער האָבען, ווי דאָס לעבען. ביי איהם וועסטו זיך קענען ארויפאַרבייטען. דאָס איז ביזנעס. פאַר־שטעהסטו, ניט קיין אַרבייט, און אַזאַ געבילדעטער יונגער־מאַן, ווי דו, דאַרף גאָר ניט קלעהרען וועגען אַרבייטען אין אַ שאָפּ. אָט האָב איך קיינמאָל אין שאָפּ ניט געאַרבייט, און דאָך בין איך אַלרייט...

נחום איז געבליבען שטעהן אַ צוטומולטער. די לעצטע ווער־טער האָט ער גאָר ניט געהערט און אין זיין מח האָבען זיך האַסטיג געוגומען (?) וועבען געדאַנקען: אַזוי פיעל יאָהרען געלערענט... גע־שטרעבט צו אַ גרויסען ציעל... מיט אַמאָל גאָר ווערען אַ משרת אין אַמעריקאַ... און דאָס וואָרט „משרת“ האָט זיך איהם ווי מעסערס איינגעשניטען אין הארצען. ער האָט שוין געוואָלט ענטפערען שטאָלץ, אַז ער נויטיגט זיך ניט אין קיינעמ'ס הילף און וועט שוין אַליין זיין שטעדטעל באַשטעהן; זאָל לייבקע וויסען, אַז ער איז דער זעלבער נחום רובין, וואָס אין דער־היים... אָבער ארומגעהן שטענדיג אַ הונגעריגער, אַ פאַר'דאגה'טער, איז דאָך

אויך קיין פּלאַן ניט, און טאַקי ניט שעהן אויך, האָט ער געענטפערט כלומר'שט צופריעדען:

— אדרבא, זעהר פיין. איך דאַנק אייך זעהר...

— דו דאַרפסט מיר ניט דאַנקען — האָט לייבקע עניוות'דיג געענטפערט — איך וועל שוין אַלעס פאַרזאָרגען. נאַ דיר דעם אַדרעס און געה צו אַהין מאָרגען גאַנץ פריה און זאָג, אַז איך האָב דיך געשיקט. דו הערסט: א י ך...

נחום האָט גענומען דעם אַדרעס און ווען לייבקע איז אַוועק, האָט ער זיך געלאָזט אין אַן אַנדער ריכטונג; איהם איז געווען עפּעס אונאַנגענעהם צו קוקען אויף לייבקען, ווי ער געהט דאָס אַזוי שטאָלץ און זיכער, ווי אַ מענש, וועמען ס'פעהלט גאָר ניט אין לעבען... צוערשט איז ער געגאַנגען לאַנגזאַם, זיך גע'ישוב'ט מיט זיך אַליין צי ער זאָל מאָרגען געהן אויף דער שטעלע, צו ניט. זיין בליק האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַלע פאַרבייגעהער; מענשען האָווען, זיינען פאַר'טרוד אין וואָס-ניט-איז און פיהלען זיך פעסט, איינגעפונדעוועט. און ער וואָס?... ניט באַמערקענדיג, האָט ער אויך אָנגעהויבען געהן וואָס אַמאָל שנעלער און געמאַכט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ יאָגען וועגען אַ זעהר וויכטיגער זאַך...

„מאָרגען וועל איך געהן!“ — האָט ער פעסט בעשלאָסען— ס'איז אפילו ניט פאַר איהם צו זיין אַ משרת, אָבער ווער וועט דאָס איהם נויטען צו בלייבען אַ שטענדיגער משרת? ביינאַכט וועט ער לערנען, און ווען ער וועט שוין קענען גוט די שפּראַך, וועט ער געפינען אַ פיינערע שטעלע, ווי עס פּאַסט פאַר איהם... ער דערמאָנט זיך, אַז זיינער אַ באַקאַנטער סטודענט האָט איהם אַמאָל געשריבען אַ בריוועלע, אַז ער איז אַ לאַקעי אין אַ רעסטאָראַן. און מיט וואָס איז אַ משרת נידעריגער פון אַ לאַקעי? — קיין אַרבייט איז קיין שאַנדע ניט!...

ער האָט זיך געלאָזט געהן אַהיים, כאָטש עס איז ערשט געווען צוויי אַזייגער ביי־טאָג, נור וואָס האָט ער איצט מורא? מאָרגען הויבט ער אָן פאַרדיענען...

„הלואי זאָל איך געפּעהלען דעם בעל־הבית", קלעהרט ער. און מיט אונגעדולד האָט ער געוואַרט אויף מאָרגענדיגען טאָג...

---

אויף מאָרגען, ווען נחום איז געקומען „אויף דער שטעלע", האָט איהם בעגעגענט א רויטער איד, מיט קליינע, בלויע און נאַרישע אויגען. ווען נחום האָט איהם נור דערזעהן, האָט ער איהם שוין, אין געדאַנק, פאַרגליכען מיט בייגוש דעם רויטען פון זיין שטעדטעל, וואָס איז אויך געווען א לעדער־הענדלער און וועלכען ער האָט שטענדיג פיינט געהאַט...

„א פיינעם בעל־הבית וועל איך האָבען" — האָט ער זיך געקלעהרט מיט א פאַרביטערט הארץ און האָט זיך געפיהלט שטאַרק אראָבגעפאַלען.

דער רויטער איד האָט א קוק געטהאָן אויף נחום'ען און האָט עפּעס דרך־ארץ געקראָגען פאַר איהם; ער זעהט אויס צו זיין א פיינער בחור...

— איהר ווילט זיך, הייסט עס, צוגעוועהנען צו ביזנעס? — האָט ער איהם א פרעג געטהאָן מיט אבשיי.

— המ... המ... — האָט נחום געשטאַמעלט.

— זעהר פיין, טאַקי בעסער ווי צו ארבייטען אין שאַפּ... כ'מיין טאַקי... אזא יונגער־מאַן, ווי איהר... פאַרשטעהט איהר... איז עפּעס ניט קיין תכלית צו ארבייטען אין שאַפּ... כ'מיין טאַקי, וואָס... זעהט איהר, ביזנעס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש... ס'פאַרשטעהט זיך, מען דאַרף זיין פעהיג און טאַקע האָבען געדולד... מיט אמאָל קען מען קיין גליקען ניט מאַכען... די ערשטע צייט וועט איהר קריגען זעקס דאָלאַר א וואָך. נור אין גיכען וועט איהר זיך קענען ארויפאַרבייטען...

נחום האָט קיין חשק ניט געהאַט צו פאַרפיהרען א געשפּרעך מיט'ן בעל־הבית; איהם האָט זיך שוין געוואָלט עפּעס אנהויבען טהאָן און ער האָט ניט געוואוסט וואָס... ער האָט אנגעהויבען קוקען מיט זוכענדע אויגען אין אַלע זייטען, און דערזעהענדיג

אין אַ ווינקעל דעם בעזים, האָט ער אויסגעטהאָן דעם אויבער־ראָק און זיך גענומען אויסקעהרען, מעשה משרת, און אַ ביטערער שמייכעל האָט זיך פאַרשפּרייט אויף זיין פּנים.

— ס'איז ניט נויטיג — האָט דער בעל־הבית שמייכלענדיג אַ זאָג געטהאָן, און האָט ביי איהם געוואָלט צונעהמען דעם בעזים, נור באַלד האָט ער זיך פאַרכאַפּט און האָט צוגעגעבען:

— אויב איהר האָט ליעב ריינקייט — מהיכא תיתא... פאַר וואָס ניט...

ווען נחום איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן קעהרען, האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט געוועזן העכסט צופריע־דען פון דער אַרבייט: „און וואָס יעצט?“

— יעצט, מיסטער, וועט איהר זיין אַזוי גוט און אַבטראָגען אַ פּעקעל צו מיינעם אַ קונה.

— אָלל־רייט! — האָט נחום געענטפערט, און ווען ער האָט געוואָלט נעהמען דאָס אָנגעוויזענע פּעקעל אונטער'ן אָרם, האָט ער דערפיהלט, אַז עס איז צו שווער, נור כדי צו ווייזען, אַז ער שרעקט זיך ניט פאַר קיין שווערער אַרבייט, האָט ער עס געשיקט אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן אַקסעל און איז אַוועק.

ווען ער איז אין אַ האַלבע שעה אַרום געקומען צוריק, האָט דער בעל־הבית מיט אַ שמייכעל איהם געפרעגט:

— נו, געוועזן שווער צו טראָגען?

— שייך שווער — האָט נחום געענטפערט בלומ'שט דרייסט

— איך בין געוואוינט צו שווערער אַרבייט...

— אַ, אַט אַזוי האָב איך ליעב! יע, אַזוי דאַרף זיין — האָט דער רויטער אַ זאָג געטהאָן מעשה בעל־הבית, און באַלד האָט ער זיך געווענדעט צו נחום'ען שוין אויף „דו“...

— יעצט וועסטו אַפּטראָגען נאָך אַ פּעקעל צו אַן אַנדער קונה.

נחום האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם גרויסען פּאַק און איז גע־בליבען שטעהן אַ צוטומטולטער; פון טראָגען אונטער'ן אָרעם האָט ער שוין גאָר ניט געקלעהרט. ער האָט דאָס געוואָלט נעמען אויפ'ן פּלייצע און האָט ניט געקענט.

— כא־כא־כא! — האט זיך דער בעל־הבית פרעך פונאנדער־געלאכט — אט דאס פעקעל וועסטו ניט קענען טראגען! נעהם דעם „פוש־קארט" און פאהר...

נחום איז רויט געווארען. א הייסער שטראם האט זיך האסטיג א יאג געטהאן איבער זיין גאנצער קערפער, און ער האט דער־פיהלט א שטארקען כעס צו דעם בעל־הבית, וואס לאכט אזוי פרעך, ווען איהם איז אויפ'ן הארצען אזוי שווער. א ווײלע איז ער געשטאנען און האט געקלערט; ער האט שוין געוואלט א שפיי טהאן דעם בעל־הבית אין פנים אריין און אוועקגעהן א שטאלצער; זאל ער וויסען, אז ער איז ניט קיין אינגעלע, מיט וועלכען מען קען זיך שפּאסען און נאך לאכען פון איהם. האט ער אבער זיך דער־מאהנט, אז ער האט ניט וואוהין צו געהן—אז ער איז דא עלענד און באלד דארף ער שוין ווידער באצאהלען דער „מיסעס" פאר'ן בעטעל, האט ער מיט כעס א כאפּ געטהאן דעם גרויסען פּאק, ארויפגעווארפען אויפ'ן פוש־קארט, און האט שיון געוואלט אוועק, האט ער אבער פארגעסען, וואו מען דארף פאהרען מיט'ן פוש־קארט: אויפ'ן סיידוואק, אדער אויפ'ן מיטען סטריט...

— „מערקווירדיג!" האט ער זיך אליין גע'חדוש'ט — אלע טאג זעהט ער אין גאס אהן א שיעור פוש־קארטס און יעצט ווייסט ער גאר ניט ווי אזוי זיי פאהרען. עס איז איהם גאר פון זינען ארויס....

און אין גאס האט געראוישט; מענשען האבען זיך פארהאוועטע געיאגט אהין און אהער. שעהן פערפוצטע מיידלאך, מיט שלאנקע, גראציעזע פיגורען זיינען פארבייגעגאנגען. ביי נחום'ען אין האר־צען האט זיך א גאנצער ים פון געפיהלען צושטורעמט, אין קאפּ האט איהם אנגעהויבען טומלען אזוי ווי שווערע שטיקער בליי וואלטען זיך דארט איינס איבער ס'אנדערע געקוליעט. ער האט ניט געוואוסט, וואו די אויגען אבצושטעלען. אט האט ער זיי אראבגעלאזט א פארשעהמטער און אט האט ער זיי ברייט פונאנ־דערגעעפענט און געקוקט מיט א ווילדען כעס אין דער וועלט אריין. און וואו ער גיט א קוק — מיידלאך... א וועלט מיט מייד־

לאַך... זיי מוזען זיין אינטעליגענטנע; זיי אַרבייטען ניט אין שאָפּ... ער דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט אין דערהיים אַרומשפּאַציערען מיט די אינטעליגענטסטע מיידלאַך, גערעדט וועגען וויכטיגע זאכען, וועגען ביכער... מאַניא די קורסיסטקע, מיט די אונטערגעשאָרענע האָר, פלעגט איהם אָפּט זאָגען, אַז ער האָט אַ „דאָר סלאָווא“, ער רעדט שעהן... געוועזען אַ לעבען אָהן זאָרג! גאַנצע נעכט פלעגט מען אַרומשפּאַציערען איבער די שטילע, פאַרשלאָפענע געסלעך. ביי־טאָג האָט מען געהאַט אַ פּאָר אוראָקען, געלעזען ביכער, געלערענט און נאכהער גענומען דאָס שטעקעל אין האַנד, אַ פּאַפּיראָס אין מויל און געה... און דאָ באַמערקט מען איהם גאָר ניט — — — — —

ער האָט שוין געוואָלט איבערלאָזען דעם פּוש־קאַרט מיט'ן פּאַק אין מיטען גאַס און אַוועקגעהן, נור פון דעם געדאַנק איז איהם געוואָרען נאָך שווערער אויפ'ן הארצען און ער האָט אָנגעהויבען שטופּען דעם פּוש־קאַרט האַסטיגער...

„טאַקע וואָס פאַר אַ שאַנדע איז עס צו שטופּען אַ פּוש־קאַרט אין גאַס! אבי פאַרדיענען און זיין זעלבסטשטענדיג“ — האָט ער זיך געמאַכט האַרץ.

און מיט אַמאָל איז איהם איינגעפאַלען, אַז ווען ער וועט שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָהר שוין זיין אין אוניווערזיטעט — און ער האָפט, אַז ער וועט זיין; די „פּרעדמעטען“ קען ער דאָך, ער האָט נור קיין דיפּלאָם ניט — דאַן וועט ער אַמאָל דערצעהלען פאַר זיינע בעקאַנטע סטודענטען און סטודענטקעס, אַז ער האָט אַמאָל געשטופּט אַ פּוש־קאַרט אין גאַס... אַלע וועלען לאַכען און ער וועט אַ זאָג טהאָן שטאָלץ: „וואָס דען! אַז אַן אינטעליגענטנער מענש דאַרף אַלעס קענען איבערלעבען...“ און די מיידלאַך וועלען קוקען אויף איהם ווי אויף אַ מאַן מיט אַ פעסטען כאַראַקטער... פּרוּווען האָבען ליעב מענער העלדען... אין איבסען'ס דראַמען ווערט דאָך דאָס קלאָר געשילדערט... פּראָפעסאָר פאַרעל זאָגט אויך דאָס

ווען ער איז געקומען צוריק, האָט איהם דער בעל הבית שוין מיט אַ בייזער אַ זאָג געטהאָן:

— וואָס עפּעס אַזוי לאַנג? האָסט ניט געקענט קומען פריהער? דאָ האָט מען געדאַרפט אָפּטראָגען אָרדערס, און ער געהט אַוועק אויף יאָהרען...

נחום האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען, נור ער האָט ניט גע־קענט פועל'ן ביי זיך, צו ער זאָל אויסזוכען עפּעס אַ תירוץ, אָדער ער זאָל איהם גאָר אויסזידלען און אַוועקגעהן — האָט ער גאָר ניט געענטפערט...

אַ שוסטער איז אַריינגעקומען און האָט געקויפט עטליכע שטיקלעך לעדער.

דער בעל הבית האָט געמאַכט אַ קליינעם פּעקעלע און האָט זיך געווענדעט צו נחום'ען מיט אַ בעפעהלענדען טאָן:

— נעהם דאָס פּעקעלע און געה מיט'ן מאַן.

— ס'איז ניט נויטיג — האָט זיך דער שוסטער אָבגערופען— איך קען עס אַליין טראָגען.

— וואָרום זאָלט איהר דאָס אַליין טראָגען? — האָט דער בעל־הבית מיט אַ חניפה געענטפערט — איך האַלט דאָך אַ מענשען...

נחום איז געשטאַנען און האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. ער האָט געפיהלט, אַז די געדולד פּלאַצט, ער קען מעהר ניט ליידען, אַז מען זאָל איהם אַזוי באַליידיגען, און נאָך ווער?... בײנוש דער לעדער וואַרגער?...

— נו, וואָס שטעהסטו? נעהם דאָס פּעקעל! — האָט דער בעל־הבית באַפוילען.

נחום האָט זיך ניט גערירהט פון אָרט, נור געוואָרפען בייזע בליקען דאָ אויפ'ן פּעקעל, דאָ אויפ'ן שוסטער, וועלכער האָט גע־וואַרט און — דאָ אויפ'ן בעל הבית. אויף זיין פנים האָט מען געקענט דערקענען, אַז ביי איהם אין הארצען קומט פאָר אַ שרעק־ליכע מלחמה, און ענדליך האָט ער אַ זאָג געטהאָן מיט כעס:

— מיסטער! באַצאָהלט מיר פאַר אַ האַלבען טאָג און זוכט אייך קלענערע משרתים....

דער בעל הבית האָט אויף איהם אויסגעשטאַרט זיינע בלויע, נאַרישע אויגלעך, און דערזעהענדיג, אַז ער איז אין כעס, האָט ער געפרעגט פאַרוואונדערט:

— וואָס דאַרפט איהר זיין בייז, איך האָב אייך דען באַליי־דיגט?... כ'מיין טאַקי וואָס... און פון זיינע בלויע אויגען האָט אַרויסגעקוקט עפּעס אַ נאַרישע פאַרוואונדערונג...

אין דער מינוט האָט ער אויסגעזעהן אין נחו'ס אויגען נאָך עקעלהאַפטער, ווי פריהער, און איהם האָט זיך שוין געוואָלט וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען.

— באַצאָהלט מיר פאַר מיין אַרבייט! — האָט ער כמעט אויסגעשריען אַן אויפגערעגטער און זיין פּנים האָט זיך אַזש פאַר־קרימט פאַר כעס...

דעם רויטען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער קריצט מיט די צייהנער און ער האָט זיך טאַקי אויף אַן אמת'ען דערשראָקען; היינטיגע חברה זיינען דאָך מסוגל אויף אַלעס...

ער האָט איהם באַצאָהלט פאַר אַ האַלבען טאָג, און ווען נחום איז אַרויס אין גאַס, האָט ער פריי אָבגעאָטהעמט, אַזוי ווי ער וואָלט אַראָפּגעװאָרפען אַ שווערע משא. נור וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען אַלץ מעהר האָט ער דערפיהלט ווי אין זיין מח צוזאַ־וואַקסען זיך שווערע, אומעטיגע געדאַנקען און אין האַרצען הויבט אַן נאַגען אַן אונגעהויערער יאוש.

ביז פאַר־נאַכט האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסען ווי אין עולם־התוהו, און ווען עס איז געוואָרען פינסטער און די שיין פון די אָנגעצונדענע לאַמטערנעס און די העל־באַלויכטענע שוי־פענסטער האָבען איהם מיט אַמאָל אַ בלענד געטהאָן אין די אויגען, האָט ער זיך געלאָזט געהן אַהיים...

אין הויז איז ער אַריין כלומר'שט אַ פאַרהאָרעוועטער.

— ניט געווען פאַר מיר קיין בריעף? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן אין איין אָטהעם, און דערביי האָט ער געמאַכט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט טאַקי אין דער אמת'ען וואַרטען אויף אַ זעהר וויכטיגען בריעף... און נאָך איידער די „מיסעס" האָט איהם געענטפערט,

איז ער צוגעלאָפען צו זיין רענצעלע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גאַנץ פּעקעל מיט בריעף און מיט פאָטאָגראַפישע בילדער, זיך אָוועקגעזעצט אין אַ זייט און האָט זיך אָנגעהויבען ראַיען אין דעם פּעקעל, ווי ער וואָלט דאָרט זוכען זעהר אַ וויכטיגע זאַך... ווען ער איז געקומען צו די בילדער, האָט ער אויפמערקזאַם באַטראַכט יעדע בילד, איבערגעלייענט די אויפשריפטען פון דער אַנדער זייט, און זכרונות אָהן אַ שיעור האָבען זיך גענומען פונאַנדערוויקלען פאַר זיינע אויגען... אָט איז מאַניאַ די קורסיסטקע, מיט די אונ־טערגעשאָרענע האָר, און מיט'ן הויכען, גלאַטען שטערען, וועלכער האָט זיך שטענדיג עפּעס צו־פיעל געוואָרפען אין די אויגען... מיט איהר איז ער אַמאָל געזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף דער בריק. אַ ליכטיגע לבנה־נאַכט איז דאַן געווען, איינע פון יענע ליכטיגע נעכט, ווען אַ זילבער־ווייסע לבנה קוקט פאַרגאַפט אויף דער גרויליך באַשאָטענטער ערד, וואָס דרעמעלט, ווי מיט אַ זיסען, סודות'דיגען שמייכעל איבערגעצויגען... דאַן איז אַ פויער מיט אַ פולען זאַק אויף די פּלייצעס פאַרבייגעגאַנגען פון ווייטען אויפ'ן שאָסעע און נאָך איהם האָט זיך געצויגען עפּעס אַ משונה־דיג־לאַנגער שאָטען... מאַניאַ האָט זיך דאַמאָלט שטאַרק פונאַנ־דערגעלאַכט: „כאַ־כאַ־כאַ! זעהט נור דעם שאָטען! זעהט נור דעם שאָטען! גאַנצע וועלטען פאַרנעהמט ער... כאַ־כאַ־כאַ! ס'אַרא שאָטען!..." — אַ וואָוילע מיידעל געווען! און אָט איז ליובאַ מיט די שוואַרצע האָר, וועלכע ליגען שווער איןביידע ווינקלען פון איהר שטערן... ס'אַרא אויגען זי האָט דאָס! — פלאַם־פייער! מיט איהר האָט ער שטענדיג ליעב געהאַט זיך צו קריעגען אין שפּאַס; ווען זי פלעגט ווערען בייז, איז זי געווען שעהנער, חן'עוודיגער; זי פלעגט אָנכמורען די שוואַרצע ברעמען און איהרע אויגען האָבען דאַמאָלס געהאַט אַ רייצענדען גלאַנץ... דאָך האָט זי אָנגעשריעבען: „מיין בעסטען פריינד צום אַנדענקען"... —

לאַנג איז ער אַזוי געזעסען און באַטראַכט די בילדער. יעדער בילד האָט איהם דערמאָהנט אַזעלכע שעהנע עראינערונגען, וואָס האָבען געלאַשטשעט זיין פאַרקלעמט האַרץ, ווי אַ קיהל, מחיה'דיג

ווינטעל נאָך אַ לאַנגען הייסען טאָג — און האָבען איהם פאַרטראָגען ווייט פון דאַנען...

און ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפען און די פאַרגליווערטע פינסטערנים אין שטוב איז דורכגעלעכערט געוואָרען פון'ם מאַטען שיין פון'ם דרויסענדיגען לאַמטערן, איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער, אונטערגעשפאַרט מיט איין האַנד דעם צושויבערטען קאָפּ און שטאַר געקוקט אין דער ווייט אריין...

אין גאַס איז שוין געווען שטיל, נור פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ שטאַרקען שיפען פון אַ „סאָבוויי". פּאַף־פּאַף־פּאַף!"— האָט זיך דאָס שיפען מיט גרוסי אימפּעט געטראָגען אין דער לופט און איז באַגלייט געוואָרען פון אַ שאַרפען, פאַר'עקשנ'טען קלינגען, וואָס איז געוואָרען וואָס אַמאָל שטילער, טעמפּער און איז אָבגעשטאָרבען ערגעץ־וואו... און מיט אַמאָל האָט זיך ירגזון'דיג אַ טראָג געטהאָן אין דער לופט אַ שטאַרקער גערויש ווי פון אַ וואַסער־מיהל און האָט שטיקער געהאַקט פון דער שטילקייט און איז פאַרשוואונדען ערגעץ ווייט, ווייט... אַ „טריין" איז דורכגעלאָפען... און אָט איז ווידער שטיל געוואָרען, אַזוי ווי די גאַנצע שטאָדט וואָלט מיט אַמאָל איינגעהאַלטען דעם אָטהעם.

— — — — — די גרויסע שטאָדט איז איינגעשלאָפען. שטיל.

# אן אומרוהיגע נאטור.

עס מעג דאך אמאל א מענשען איינפאלען אזא גע־דאנק אויך:

„פרייגעזאנגען היינט, פרייגעזאנגען מארגען — אבער ווען דיין פרוי פארליעבט זיך אין אן אנדערען און הויבט אן אוועקגעהן פון דער היים ביז שפעט אין דער נאכט, פארדריסט עס“...

נו, פארדריסט דאס איהם טאקי. און נאך ווי אזוי!

ער פיהלט זיך איבער דעם אזוי בלוטיג באליידיגט, גלייך ווי מען וואלט איהם אין מיטען גאס, פאר אן עולם מיט מענשען, אויסגעפאטשט און זיך אויסגעלאכט פון איהם...

דער ווייב זאגט ער גאר ניט, קיין סצענעס אין הויז מאכט ער ניט, ווייל ווי פאסט דאס פאר איהם, דעם באקאנטען לאיער, דעם אינטעליגענטען מענשען צו מאכען סצענעס? אבער עס לאזט איהם פארט ניט רוהען... אין אפיס קען ער ניט איינזיצען, אין געריכט איז ער אזוי צוטומעלט, אז ער הערט כמעט ניט, וואס מען רעדט, און ער באמערקט גאר אליין ניט ווי ער גיט אלע מאהל א קריץ מיט די צייהן און מורמעלט בייז ארוים:

— אך, צום טייוועל!...

בייטאג און ביינאכט האלט ער אין איין קלעהרען וועגען דעם, און עס לעגט זיך איהם ניט אויפ'ן שכל איין זאך:

„ווי קומט עס וואס רחל — אזא שטילע, בעשיידענע און שעהמעוודיגע פרוי — זאל מיט אמאל בעקומען אזוי פיעל מוטה און גאר פשוט זאגען:

— מאיר, עס איז פארפאלען... איך האב דיר מעהר ניט ליעב... איך האב ליעב אן אנדערען...

נאָך איידער זי האָט איהם דאָס געזאָגט, האָט ער שוין פאַר־שטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ, אַז אַ וויכטיגע ענדערונג איז אין איהר פאַרגעקומען. און באַמערקט האָט ער דאָס, ניט נאָר אין'ם בליק פון איהרע צוויי גרויסע בלויע אויגען, וועלכע האָבען אַלע מאָל אַזוי אויפריכטיג, אָפּגעשפּיגעלט יעדע שטימונג איהרע, נור אויך אין דעם, וואָס זי האָט אויפגעהערט האָבען טענות צו איהם פאַר וואָס ער געהט אַזוי אָפט אוועק פון דער היים...

איידער זי האָט זיך אין אַז אַנדערען פאַרליעבט איז ניט אוועק די וואָך, אַז זי זאָל זיך מיט איהם אַ צוויי־דריי מאָל ניט קריעגען איבער דעם, וואָס ער האַלט זיך ניט אין הויז.

— איך וואָלט נור געוואָלט וויסען, וואוהין ציהט עס דיר אַזוי?! — איז זי אַלע מאָל מיט די זעלבע ווערטער צו איהם צוגעשטאַנען, און ער האָט איהר קיינמאָל ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען דאַרויף...

וואָרים, וואָס האָט ער איהר טאַקי געקענט ענטפערען? ער אַליין ווייסט דען וואוהין עס ציהט איהם?... ער ווייסט נור, אַז עס פעהלט איהם עפּעס; אַז ווען ער איז אין דער היים, גלוסט זיך איהם געהן אין גאַס, אָדער פאַרברענגען מיט מענשען, און ווען ער פאַרברענגט מיט מענשען, ווערען זיי איהם אָפטמאָל אַזוי דערעסען, אַז ער וואָלט אַנטלאָפען אין דער וועלט אַריין... אַ נאַטור אַזאַ ביי איהם, אַן אומרוהיגע.

און דוקא ווייל ער האָט אַזאַ אומרוהיגע נאַטור האָט זיך גראַדע געדאַרפט טרעפען, אַז זיין פרוי זאָל זיין אַ רוהיגע און אַ שטילע — פון די נאַטורען, וועלכע רייסען זיך ניט אין ערגיץ און האַלטען זיך שטענדיג אין אַ ווינקעלע.

ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז אַזעלכע צוויי פאַר־שידענע מענשען זאָלען זיך צונויפגעהן — דאָס האָט קיינער ניט געקענט באַגרייפען. אָבער ער אַליין האָט דאָס זיך ערקלעהרט דערמיט, וואָס ס'ליעגט שוין אין דער טבע פון יעדען מאַנסביל ליעב צו האָבען דוקא אַזאַ פרוי, וואָס איז פונקט דער היפוך פון איהם... און ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט מיט איהר אָפּגעלעבט

איבער א יאהר, איז איהם אין א שעהנעם פריהמארגען איינגע־פאלען, אז ער הויבט גאר ניט אן צו פארשטעהן, ווי עס איז טאקי געקומען דערצו, אז ער זאל זיך מיט איהר צונויפגעהן...

כאטש זיי האבען איינער דעם אנדערען שטארק ליעב גע־האט, האט זיך זייער לעבען עפעס ניט געקלעפט... אזוי גרויס איז געווען דער אונטערשיעד אין זייערע כאראקטערע, אין זייערע אנשויאונגען אויף'ן לעבען. אז עס האט געמוזט קומען דערצו, אז זיי זאלען זיך קריעגען איבער יעדע נארישקייט.

עס איז ניט אוועק א טאג, אז זיי זאלען זיך ניט קריגען איבער דעם, וואס ער איז ניט פינקטליך און קומט ניט אהיים אין דער באשטימטער צייט... זי האט איהם אלץ חושד געווען אז ער פיהרט זיך ארום מיט אנדערע; איבער דעם וואס ער איז געווען צו לעבעדיג און צו אלעמען צוגעלאזט, האט זי צו איהם קיין צוטרויען ניט געהאט; און דאס האט איהם שטארק געערגערט, ווייל איבער דעם איז ער אפט מאל געווען געצוואונגען זיך צו פארפלאנטערען אין א נעץ פון ליגענס... „צו אל די שווארצע יאהר זאל עס געהן! — האט ער ניט איינמאל פאר פארדרוס אזש מיט די צייהן געקריצט. — וואלט איך דען אליין ניט געוואלט זאגען דעם אמת?... וואלט איך דען אליין ניט געוואלט קומען צו געהן אהיים אין דערצעהלען, אז איך בין ניט געקומען אין צייט, ווייל דא און דא האב איך זיך געטראפען מיט אזעלכע מענשען מיט וועמען עס איז מיר געווען אנגענעהם צו פארברענ־גען"...

איהר האט ער דאס אבער ניט געקענט זאגען, ווייל באלד עפעס האט זי איהם חושד געווען אז ער איז שוין נישט גלייכ־גילטיג צו דער אדער צו יענער...

מעהרסטענטיילס האבען זיך די קריגערייען געענדיגט דערמיט, וואס זי האט באקומען היסטעריקע און ער האט קיין אנדערע ברירה ניט געהאט ווי פאלען פאר איהר אויף די קניע און זיך שווערען, אז ער וועט שוין מעהר ניט...

די שבועות האָט ער אָבער קיין מאָל ניט געהאַלטען, ווייל ער האָט ניט געקענט. דאָס איז געווען איבער זיינע כוחות... ער האָט געמוזט קומען אהיים מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער; ער האָט געמוזט פאַרפיהרען א ברייטע בעקאַנטשאַפט; ער האָט זיך ניט געקענט באַגעהן אָהן א קרייז פון יונגע ישהנע פרויען, וועמען ער זאָל מאַכען קאָמפּלימענטען און אמאָל טאַקי א ביסעל א שטיפ טאָן, אָדער געמיטליך פּלאַפּלען וועגען נאַרישקייטען...

וואָלט זי ניט געווען אזוי אייפערזיכטיג, וואָלט דאָס ביי איהר געהייסען, אז ער איז גלאַט א לעבענסלוסטיגער מענש, אז ער קען אויף זיך ניט ארויפשלעפּען דעם שווערען עול פון סאָלידער בעל-הבית׳ישקייט. נור אזוי ווי זי האָט אזוי געלאַסען דארויף ניט געקענט קוקען, האָט זי געגריזשעט אי זיך אי איהם, און עס איז שוין אויסגעקומען אזוי, אז איהם איז אין דער היים געוואָרען אזוי ענג, ווי אין א שטייג, און דאן האָט ער שוין צווישען זיינע באַקאַנטע דאַמען געפונען א פּאָאר אזעלכע, פאַר וועמען ער האָט זיין ביטער הארץ אויסגעשטעהלט און דורך דעם אַליין איז שוין די פריינדשאַפט מיט זיי געוואָרען א נעהענטערע...

מעהר ווי מיט אַלע איז ער באַפריינדעט געוואָרען מיט דער מאַדאַם קאַטלער, א יונגע פרוי פון א יאָהר עטליכע און צוואַנציג, איינע פון יענע פרויען, וועלכע זיינען אין אַלע צייטען גרייט צו שענקען א וואַרימען בליק און צו שמייכלען ליעבליך צו יעדען יונגען מאַן, וואָס קען מיט זיין בליק אויף זינדיגע מחשבות ארויספיהרען...

די מאַדאַם קאַטלער איז אמאָל געווען, אז אפּטע איינגעהעריין צו איהם אין הויז, זי האָט געוואוסט, אז ער איז פון זיין פאַמיליען-לעבען ניט צופריעדען, און זי האָט אויך געוואוסט, אז ער איז פון יענע אומרוהיגע נאַטורען, וועלכע קענען זיך אויף איין אָרט ניט האַלטען; און דאָס איז איהר דוקא געפעלען געוואָרען. זי האָט איהם טאַקי איינמאָל געזאָגט:

— איהר ווייסט, מר. רענקין, — האָט זי איהם מיט א ליעב־

ליבען שמייכעל געזאגט — אזעלכע אומרוהיגע גאטורען ווי איהר געפעלען מיר זעהר...

— דאס איז דערפאר ווייל אייך קומט ניט אוים צו ליידען פון מיר... — האט ער אויך מיט א שמייכעל געענטפערט, — אבער ווען אייך וואלט דערפון אויסגעקומען צו ליידען אזוי פיעל ווי־פיעל מיין פרוי, וואלט דאס אייך שוין דוקא גאר ניט געפעלען...

— איך וואלט דערפון ניט געליטען. — האט זי מיט זיכער־קייט געזאגט און נאך צוגעגעבען, אז מיט אזא מאן, ווי ער איז דארף א פרוי וויסען ווי זיך צו באגעהן...

— ווי אזוי א שטייגער? — האט ער נייגעריג געפרעגט.

— עס איז א גאנצע תורה דערביי — האט זי געענטפערט, — פריהער פאר אלץ דארף מען פאר איהם שטענדיג האבען צוגעגרייט א ליעבליכען שמייכעל, ווארים אזעלכע פארשוינען ווי איהר קען א פרוי אפקויפען מיט א שמייכעל... ניט אמת אפשר? זאגט, שעהמט זיך ניט...

און זאגענדיג דאס האט זי איהם אזוי שארף אריינגעקוקט אין די אויגען, אז ער האט געפיהלט ווי זי נעהמט איהם דורך און דורך מיט איהרע בליקען.

— אמת... — האט ער צוגעגעבען.

חוץ זיי איז דאן אין שטוב דאן קיינער ניט געווען, און ווייל זי האט אויף איהם געקוקט מיט אזעלכע בליקען, וואס פאר־שפרעכען פארבאטענעם פארגניגען, האט ער שוין ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און איהר געגעבען א קוש אין די אויגען...

— אויף מיין ווארט איהר זיינט קלוג ווי דער טאג! — האט ער איהר א קאמפלימענט נאך אויך צוגעגעבען.

— פאר'ן קאמפלימענט דאנק איך אייך, — האט זי איהם שוואכליך פון זיך אפגעשטויסען, — אבער — ווארפט זיך ניט אזוי מיט קיין קושען רעכטס און לינקס...

זי האט הפנים געמיינט, אז איהרע ווערטער זיינען פאר איהם ניט גענוג קלאהר, האט זי אין א ווייל ארום נאך צוגע־געבען:

— מיינט ניט, אַז איך פיהל זיך אַזוי באַליידיגט דערפון, וואָס איהר האָט מיר אַ קוש געטהאָן... ביי מיר איז דאָס פון די קליינע חטאים; מיין „אונשולד" ליידעט ניט דערפון... עס איז ניט מעהר, איך וויל, אַז מיך אַ קוש טהאָן זאָלט איהר בלויז דאַן ווען איך וועל ביי אייך ניט זיין איינע פון יענע דאַמען, וועלכע מען קען אַ קוש טהאָן אַזוי זיך...

פאַר'ן אוועקגעהן האָט ער זי ווידער געוואָלט אַ קוש טהאָן, אָבער זי האָט צו איהם אַ מאַך געטאָהן מיט'ן פינגער און ער איז געבליבען שטעהן עפּעס ווי ניט אַהין און ניט אַהער... זיי האָבען זיך ביידע מיט וואַרימע, פיעל באַדייטענדע בליקען איבער־געוואָרפען, און ער איז אַוועק.

קיין ליגנער בטבע איז ער ניט געווען. אַזוי ווי ער איז נור אריינגעקומען צו זיך אין הויז, האָט זיין פרוי אויף זיין פּנים גלייך דערקענט, אַז ער איז שוין ערגעץ געווען...

— וואו ביזטו געווען? — האָט זי איהם אַ ברוגז'ע גע־פרעגט.

— כ'וויים... — האָט ער זיך אין דער גרעסטער פאַרלעגענ־הייט גענומען פּלאָנטערען אין זיינע אייגענע ווערטער, — איך בין געווען שטאַרק פארנומען... ס'הייסט, נאָכדעם ווי איך בין גע־ווען שטאַרק פאַרנומען אין אָפיס, בין איך זיך דורכגעגאַנגען אַ ביסעל... פשוט געוואָלט זיין מיט זיך אַליין אַ האַלבע שטונדע...

— דאָס איז אַ ליגען! — האָט זי איהם די ווערטער גלייך אין פּנים אריין אַ שליידער געטהאָן. — זאָג מיר, וואו ביזטו איצט געווען?

— איך זאָג דאָך דיר!

— דאָס איז ניט אמת!

— וואָס הייסט ס'איז ניט אמת, — האָט ער זיך נאָך מעהר גענומען פּלאָנטערען, און דער פריהערדיגער תירוץ האָט זיך שוין ביי איהם צווואַקסען אַזוי:

— כ'וויים... איך בין זיך דורכגעגאַנגען אַביסעל, געוואָלט זיין מיט זיך אַליין כאָטש אַ האַלבע שטונדע... איז ווי איך

געה אזוי, טרעפט מיך גראדע אַז מיינער אַז אַלטער באַקאַנטער און דערצעהלט מיר אַ גאַנץ פעקעל מיט צרות. ער האָט געקויפט די „ענציקלאָפעדיע בריטאַניקאַ“ אויף אויסצאָהלען, און אַזוי ווי ער איז זעהר ניט קיין פינקטליכער מענש, האָט ער ניט גע־צאָהלט אין צייט; איז זיך מיישב די קאָמפּאַני און גיט איבער די קיים צו אַ לאָיער, נעמט דער לאָיער און קלאָגט איהם אַן אין געריכט גו. איז וואָס זשע פאַרשטעהסטו דאָ ניט? וויל ער, אַז איך זאָל איהם דאָ העלפען און דערפאַר, זאָגט ער, וועט ער מיר באַ־צאָהלען אַ פּאָאַר דאָלאַר...

דערצעהלענדיג דאָס האָט ער געזעהן, אַז זי קוקט אויף איהם און גלויבט איהם ניט אַ וואָרט, אָבער ער האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט און ווייטער גערעדט:

— אפשר אַ שטונדע אויפ'ן זייגער האָט ער מיך גענודיעט; איך האָב זיך גאָר ניט געקענט אָפּטשעפּען פון איהם!...

— דאָס איז ניט אמת! — איז זי אַלץ געבליבען ביי איהר'ן, און קוקענדיג דורכדרינגליך אויף איהם, איז זי ניט אָפּגעשטאַנען:

— זאָג מיר דעם אמת, וואו ביזטו געווען?

איז ער שוין געוואָרען אין כעס און אַ שליידער געטאָהן די הוט אויפ'ן פּלאָאַר.

— אום גאָטעס ווילען, וואָס ווילסטו פון מיר?! — האָט ער פאַר כעס אזש מיט די ציינער געקריצט. — זאָג איך דיר דען ניט דעם אמת?

—— ניין!... — האָט זי געענטפערט מיט עקשנות און פאַר־ביטערונג.

—„ ניין!“... — האָט ער איהר דאָס זעלבע וואָרט איבער־געקרימט. — פון וואַנען ווייסטו, אַז ניין?

— וויל דו האָסט מיך שוין ניט איינמאָל אָפּגענאַרט...

— „אָפּגענאַרט“.... האָט ער פון צווישען די ציינער ארויסגע־ברומט — מען וואָלט געקענט מיינען אַז אמת ווער ווייסט וואָס.

דער כעס האָט אין איהם געברענט איבער דעם, וואָס זי באַגעגענט איהם שטענדיג אַזוי; ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק

באַליידיגט דערפון וואָס זי גלויבט איהם ניט פון דאַנען אהין, און ער האָט אָנגעהויבען שרייען הויך, אויף'ן קול:

— איך בין ניט מחויב דיר אָפּצוגעבען דין וחשבון וואוהין איך געה און מיט ווען איך געה!... איך בין אַ פרייער מענש און האָב אַ רעכט צו טהאָן וואָס איך וויל... בלויז שיק אינגלאַך מוזען אָפּגעבען אַ רעפּאָרט. און איך בין דיר ניט קיין שיק אינגעל! דו הערסט!... און וויפיעל מאָל דאַרף איך אַלץ דאָס זעלבע איבער'חזר'ען, — האָט ער נאָך העכער גענומען שרייען — אַז איך וויל, מיר זאָלען ביידע זיין פרייע מענשען! געה דיר וואוהין דו ווילסט און איך וועל מיר זיין באַפריינדעט מיט ווען איך וויל!...

זי האָט אויך ניט געשוויגען. מיט פאַרשיעדענערליי ראיות האָט זי אַלץ באַוויזען, אַז זי האָט אַ רעכט איהם ניט צו גלויבען, ווייל ער האָט זי שוין ניט איינמאָל אָפּגענאַרט. און ווייל ער האָט ביי זיך אין הארצען געפיהלט, אַז פונקט אַזוי ווי ער איז גערעכט, איז זי אויך גערעכט, האָט ער געשריען אַזוי לאַנג ביז ער האָט אי זיך אי זי שיער ניט אויפגעגעסען לעבעדיגערהייט. און דער־נאָך, ווען זיי האָבען שוין ביידע אפשר צוואַנציג מאָל דיזעלבע טענות איבערגע'חזר'ט און געמאַכט איינער דעם אַנדערען מיט דער בלאַטע צונגליידך, האָט ער גענעבען אַ קלאַפּ מיט דער טהיר און איז אוועק...

עס איז דאַמאָלסט געווען אַן אַסיענדיגע נאַכט. אין דרויסען איז געווען נאַס און קאַלט. פון דעם שוואַרץ־גרויען הימעל האָט זיך עפּעס אַ בייזער גייסט אויף דער וועלט אַנגערוקט און גע־טריבען אַלעמען פון די גאַסען אהיים, אין די וואַרימע ווינקעלאַך, וואו קינדער פּלאַפּלען זאַרגלאָז און צערטליכע פרויען שמייכלען ליעבליך. אַ ווינט האָט מיט דריבנע רעגען־טראָפּענס גע־שמיסען די פּנים'ער פון די פאַרבייגעהער און אַן עסערדיגע קעלט האָט די ביינער דורך און דורך גענומען.

עס איז געווען פינסטער, גליטשיג, קאַלט און אומעטיג. אַ אַסיענדיגע נאַכט.

מאיר'ן האט זיך איצטער אויך געגלוסט זיין אין א שעהן אויפגערוימטער שטוב, וואו עס איזווארים און ליכטיג, און וואו מען קען אנשפארען דעם מידען קאפ אויף'ן שוים פון א געליעבטער פרוי...

א שטיק פון זיין לעבען — האט ער געפיהלט — וואלט ער אוועקגעגעבען ווען רחל וואלט ניט געווען אזא ווי זי איז...

איינער אליין האט ער זיך געדרעהט אויף דעם פוסטען בולוואר. וואו דער ווינט האט זיך פון איין בוים אויף'ן אנדערען געווארפען און געמאכט א גערודער. ווי ער וואלט זיך איינגעשפארט דוקא היינט אויף דער נאכט זיי אלע מיט די ווארצלען פון דער ערד ארויסצורייסען. ער האט א סך געטראכט, זיך לאנג געשלאגען מיט דער דעה ביז ער האט באשלאסען:

— צו דער מאדאם קאטלער...

און ער איז אהין אוועק.

ביז צו דער טהיר פון דער מאדאם קאטלער'ס וואהנונג איז ער צוגעגאנגען; שוין געהאלטען גרייט די האנד אנצוקלינגען, אבער דערמאנענדיג זיך, אז רחל איז איצט איינע אליין אין הויז, האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק...

אהיים איז ער דאך ניט געגאנגען. ווייל אין מיטען וועג האט ער זיך גענומען באקלעהרען:

— און וואס וועט זיין, אז איך וויל איצטער שוין געהן צוריק אהיים?... וועל איך דען דערמיט מאכען בעסער מיר אדער איהר? איך וועל זיך ארומדרעהען א ברוגז'ער און זי וועט זיצען אין א פינסטערען צימער ביים פענסטער א בייזע, א געקריוודעטע און א באליידיגטע... און אפילו ווען מיר וועלען זיך איבערבעטען? זיינען דען אט די איבערבעטענישען ניט לעכערליך און טאקי מיאוס אויך?... מיר טהוט באנג, איהר טהוט באנג און מארגען — ווידער דאס זעלבע!...

שפאנענדיג אזוי א פארביטערטער און אן ענטוישטער, האט ער געקלעהרט, אז עס איז ניט פאר איהם צו זיין א פאמיליען מאן; אז דאס איצטיגע פאמיליען לעבען איז גאר ניט צוגעפאסט

פאר די היינטיגע מענשען; ער האָט אויך געקלעהרט, אז בלויז גוטע פרעסער — מענשען, וועלכע וואַלטען פאַר דער אכילה אוועק־געגעבען אַלעס אין דער וועלט — קענען זיין גוטע פאמיליען־לייט...

ער איז שוין געוועזן ניט ווייט פון דער היים. אָבער ער האָט זיך פאַרקירעוועט צוריק און איז אוועק אין אַ וויין־קעלער. דאָר־טען האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל ביי אַ טישעל, און ווען דער ווייטער איז צוגעגאַנגען צו איהם, האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און גלייך געגעבען די באַשטעלונג:

— אַ גרויסען קויגעל וויין!...

* * *

אהיים איז ער געקומען פארטאָג, ווען שווער פאַרהאַרעווע־טע אָרימע מענשען דאַכט זיך אין שלאָף אוים, אז זיי האָבען שוין צו דער ארבייט פארשפעטיגט און קליינע קינדער רייסען איבער מיט זייערע געוויינען די זיסע חלומות פון זייערע יונגע מאַמעס.

ער איז געוועזן אַזוי שכור, אַז ער האָט זיך קוים אויף די פים געהאַלטען. אין מויל איז איהם געוועזן טרוקען, אין קאָפּ פוסט און איבער אַלע אברים האָט ער געפיהלט אַזאַ מיעדקייט, אַז עס האָט איהם איינפאַך געצויגען זיך אוועקלעגען אין אַ וואַ־רימען בעט און גלייך צומאַכען די אויגען.

האָט אָבער פון רחל׳ס שלאָף צימער אַ געז פייערעל ארוים־געשימערט און די גאַנצע צייט געהאַלטען אין איין דערצעהלען דער שטילקייט אַ געשיכטע וועגען אַ שלאָפלאָזער נאַכט פון אַן אומגליקליכער פרוי... די שטילקייט האָט אין זיך איינגעזאַפּט די גאַנצע שרעק און דעם גאַנצען אומעט פון דער אומגליקליכער פרוי׳ס שלאָפלאָזער נאַכט. און ווי מאיר איז נור אין שטוב אריינגעקומען, האָט זי דאָס איהם גלייך אין פּנים אריין אַ שליי־דער געטהאַן און ער איז געבליבען שטעהן אַ דערשראָקענער; און שטעהענדיג אַזוי האָט ער געהאַט דאָס געפיהל, ווי אַ פאַר־

ברעכער, וועלכער שטויסט זיך אן אן דעם טויטען קערפּער פון זיין קרבן...

א ווארימער געפיהל צו רחל'ן און א כעס אויף זיך אליין האט אין זיין הארצען אויפגעוואכט און קריצענדיג מיט די ציינער האט ער זיך האסטיג א ריס געטהאן ביי די האאר פון'ם קאפּ און זיך שווער אראפּגעלאזט אויף א שטוהל, וואס איז לעבען טיש געשטאנען.

אנגעשפּארט דעם קאפּ אן ביידע הענד איז ער אזוי לאנג געזעסען א צושרויפּטער, א נערוועזער און א צובראכענער. און וואס האט ער איצטער געקענט טהאן? ווען עס וואלט איצט לעבען איהם געזעסען עפּעס א גוטער פריינד, א מענש, מיט וועמען מען קען א וואריםווארט אויסריידען, וואלט ער איהם ארויפגעלעגט די האנד אויף'ן אקסעל און געפרעגט ביי איהם א פשוט'ע פראגע:

— וואס בין איך שולדיג, אז איך בין פּונקט אזא מענש?...

אדער ער וואלט איהם געזאגט אזוי:

— עס איז א פּאסקודנע וועלט, זאג איך דיר... אבער טאקי גאר גאר א פּאסקודנע... אט נעהם פאר א ביישפּיעל מיך אליין... אזוי בין איך דאכט זיך א גאנץ פיינער מענש, אן אינטערעסאנטער מענש, ניט קיין שלעכטער בטבע... אבער — צו וואס פאר א שווארץ יאהר האב איך געדארפט חתונה האבען?! הא?...

ער וואלט איהם, דעם גוטען פריינד, אויך געפרעגט... ווארט, וואס וואלט ער איהם געפרעגט?... יא, ער וואלט איהם געפרעגט פאר וואס עס איז אזוי און ניט אנדערש... נור אזוי ווי קיין גוטער פריינד איז לעבען איהם ניט געווען, האט ער זיך אן אונצופרידענער זויער געקרימט און אין דער זעלבער צייט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו יעדען שארך פון דעם שלאף צימער, וואו רחל איז געלעגען.

און ער האט געהערט: זי ווארפט זיך אלע מאל איבער פון איין זייט אויף דער אנדערער און זיפצט יעדע ווייל.

— צוגעהן, אדער ניט צוגעהן צו איהר?

— בעסער יאָ צוגעהן !

— ניין, בעסער ניט צוגעהן !

און ער איז צוגעגאַנגען צו איהר.

ווי זי האָט נור דערפיהלט זיין וואַרימען אָטהעם איבער איהר פּנים, האָט זי זיך אַן איבערגעשראָקענע אַ וואָרף געטהאָן, און ווען ער האָט זיך גאָר נאָהענט צו איהר אַנגעבויגען און זי האָט פון זיין מויל דערפיהלט דעם ריח פון שנאַפּס, האָט זי איהם מיט דער האַנד פון זיך אָפּגעשטויסען...

אַנדערש האָט זי ניט געקענט. וואָרים זי איז געווען שטאַרק ברוגז פאַר וואָס זי האָט זיך איבער איהם אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעמוטשעט, און חוץ דעם האָט זי ניט געקענט אַריבערטראָגען דעם ריח פון שנאַפּס...

און מיט עטליבע מינוטען שפּעטער... ווען ער איז שוין אַ האַלב נאַקעטער געשטאַנען ביי זיך אין צימער און געווען גרייט זיך אַ וואַלגער צוטהאָן אין בעט אַריין, האָט עס איהם מיט אַמאָל אין קאָפּ גענומען שיסען און טומלען, גלייך ווי אַ מחנה ניט גוטע וואָלטען זיך צווישעט; ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפיהלט שרעקליך אונבעהאָלפען, ווי ער וואָלט זיך אין צונויפגעשטשעמעטע קליעטשעס געצאַפּעלט, און שטעהענדיג אַזוי צומישט, האָט ער ווי אַ ווילדער דאָס העמד אויף זיך צוריסען, אַ פאַל געטהאָן מיט'ן פּנים צו דער פאַרענטשע פון'ם בעט און זיך פאַנאַנדערגעוויינט...

ווען ער וואָלט זיך גוט אויסגעוויינט, וואָלט איהם אפשר גרינגער געוואָרען אויף'ן הארצען. אָבער ער האָט לאַנג ניט געקענט וויינען, וויל באַלד האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז מיט אַזאַ פאַרקרימטער צורה מוז ער אודאי אויסקוקען זעהר נאַריש. האָט ער אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פויסט אַן בעט און מיט גאַל ארויסגעברומט :

— צום טייוועל !...

* * *

גאַנץ אָפט האָט ער געקלערט, אז אי פאַר איהם אי פאַר רחל'ען וואָלט דער בעסטער אויסוועג געווען — שיידען זיך... און עס איז ביי איהם אויסגעקומען אַזוי:

עס איז דאָך ניט מעהר ווי אַ איראָניע פון שיקזאַל, וואָס ס'האָט זיך גראָדע געמאַכט אַזוי, אַז ער און זי זאָלען ווערען מאַן און ווייב... געווים אַזוי!...

דאָך האָט ער זיך מיט איהר ניט געשיידעט. אַלע מאָל, ווען ער האָט נאָך אַ קריגעריי באַשלאָסען אוועקצוגעהן פון דער היים און מעהר ניט קומען צוריק, איז זי געוואָרען היסטעריש און רייר־סענדיג זיך דאָס פּנים מיט ביידע הענד, האָט זי איהם געשטעלט אַזאַ פראַגע, אויף וואָס ער האָט ניט געקענט ענטפערען:

— נו, וואָס זשע וועט זיין? וואָס זשע וועט פאַרט זיין?!

און אין אָט דער פראַגע איז געלעגען ניט נור אונבעהאָלפענ־קייט, נור אַ וועלט מיט פאַרצווייפלונג, און דער אויסדרוק פון דעם וועהטאָג פאַר וואָס עס איז אַזוי און ניט אַנדערש....

און וואָס האָט ער דאַן געקענט טהאָן, אַז קוקענדיג אויף איהר עדלען סימפּאַטישען פּנים האָט ער שוין געקלעהרט וועגען דעם, אַז פּונקט אַזוי ווי זי איז שולדיג אין דעם, וואָס ער איז איצט פון זיין לעבען ניט צופריעדען, איז ער דאָך אויך שולדיג אין דעם, וואָס זי איז פון איהר לעבען ניט צופריעדען... ווען ניט ער, וואָלט זי גאָר קיין אַמעריקאַ ניט געוועזן געפאָהרען, און עס איז דאָך מעהר ווי זיכער, אַז דאָס לעבען אין אַמעריקאַ האָט זי אין גאַנצען צובראָכען, ווייל זי איז פון יענעם מין רוסיש־אידישע אינטעליגענטקעס, וועלכע וועלען זיך קיינמאָל ניט צופּאַסען צום היעזיגען לעבען....

בלייבט עס, אַלזאָ, אַז מען מוז מאַכען דאָס פאַמיליען לעבען כאָטש מעהר אָדער וועניגער ערטרעגליך...

וואָס זשע זאָל ער טאָהן?

האָט ער באַשלאָסען, אַז ער וועט געהן מיט'ן אמת... ווען ער וועט זיך זעהן מיט דער מיסעס קאָטלער, וועט ער דאָס פאַר זיין פרוי ניט פאַרלייקענען... קיין זאַך וועט ער פאַר איהר ניט פאַרלייקענען!

בלייבט עס אַזוי.

דער אמת האָט אָבער אויך ניט געטויגט. איהר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער געהט צו זיינע באַקאַנטע צו אָפט, און זי האָט גע'טענה'עט אַזוי:

— מיך אַרט דען, וואָס די געהסט אַהין אַריין אַזוי אָפט? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! מיך אַרט דאָס ניט; עס פאַרדריסט מיך נור, וואָס יענע אַלע דאַמען, די מיסעס קאָטלער און די אַלע אַנדערע, ווי זיי הייסען דאָרטען, וועלען אודאי מיינען, אַז דו האָסט מיך ניט ליעב... ביי יעדער איינער פון זיי וועט גאָר קיין צווייפעל ניט זיין. אַז דו ביזט פאַרליעבט אין איהר, אַ סימן — דו געהסט אַהין אַריין אַזוי אָפט...

ער האָט געפּרואווט איהר געבען צו פאַרשטעהן, אַז זי איז ניט גערעכט, אָבער זי איז געבליעבען ביי איהר מיינונג:

— יענע וועלען דענקען, אַז דו האָסט מיך ניט ליעב...

איז איהם נמאס געוואָרען צו הערען אַזוי אָפט אָט די טענות איהרע, און ער האָט ווידער אָנגעהויבען זאָגען ליגען.

קיין צוטרויען האָט זי צו איהם ניט געהאַט סאַי ווי סאַי; אַפילו ווען ער האָט איהר קיין ליגען ניט געזאָגט, האָט זי אויך געמיינט, אַז ער נאַרט זי אָפּ; עס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל קומען אַהיים מיט אַ שטונדע אָדער מיט צוויי שפּעטער ווי געוועהנליך, האָט זי איהם שוין חושד געווען אין מי יודע וואָס און דערפאַר האָט זי איהם קיינמאָל קיין פריינדליכען בליק ניט געקענט שענקען. און כאָטש זי האָט איהם וואהנזיניג ליעב געהאַט, האָט זי צו איהם קיינמאָל קיין ליעבליכען שמייכעל ניט געקענט טהאָן...

דער חשד, אַז ער איז אינטים מיט אַנדערע האָט זי ניט געלאָזט רוהען, אַ שרעקליכער אייפערזוכטס-געפיהל האָט איהר דאָס האַרץ גענאַגט; וואָס אַ טאָג איז זי געוואָרען אַלץ

מעהר א תל, די שלאפלאזע נעכט האבען אנגעצייכענט צוויי בלויע פאסען אונטער איהרע אויגען. זי האט אנגעהויבען אויס־קוקען אזוי חושך׳דיג, אז עס איז געווען א שרעק אויף איהר צו קוקען.

איהם האט דאס הארץ געריסען קוקענדיג אויף איהר. אבער העלפען איהר האט ער שוין ניט געקענט; סאי ווי סאי האט ער שוין פאר איהר מיט קיין זאך ניט געקענט יוצא זיין; איז ער געווען גוט צו איהר, האט זי געדרונגען, אז דאס איז דערפאר, וואס ער פיהלט זיך מיט עפעס שולדיג געגען איהר. און איז ער געווען שלעכט צו איהר און געהאט טענות פאר וואס זי איז צו איהם אזוי קאלט און פרעמד, איז זי געווען זיכער, אז דאס איז דערפאר, וואס זיין געוויסען פלאגט איהם און ער וויל דאס מיט טענות פארשרייען...

אזוי האט זיך צווישען זיי בײדע א דיקע וואנט אוועקגע־שטעלט און זיי האבען זיך אויפגעהערט פארשטעהן...

ביי זיך אין הויז האט ער זיך געפיהלט אזוי שלעכט. גלייך ווי מען וואלט איהם אין קייטען געפענטעט. ער האט מורא געהאט צו ריידען מיט איהר וועגען זיינע באקאנטע, ווייל ער האט געוואוסט, אז אבי ער וועט נור דערמאנען דעם נאמען פון א פרוי, וועט זיך איהר שוין אויסדאכטען, אז ער רעדט וועגען יענער מיט צופיעל באגייסטערונג... עס איז איהם געווען ענג, דושנע — נור דערשטיקט צו ווערען, און טאג איין טאג אויס האט ער געמוזט זעהן, ווי פאר זיינע אויגען געהט א מענש אויס, ווי א ליכט...

די קנייטשען פון זיין שטערען האבען אנגעהויבען ווערען טיעפער און אין זיין קאפ האבען זיך אנגעהויבען ווייזען גרויע האאר...

ווען זי האט דאס באמערקט, האט אין א ווינקעל פון איהר האר־צען א שטילע פרייד אויפגעוואכט. זי האט געקלעהרט:

— ענדליך קומט עס!... איצט וועט ער אנהויבען ווערען סאלידער...

אָבער זי האָט אַ גרויסען טעות געהאַט. ער האָט סאָלידער ניט געקענט ווערען, זיין צוגעבונדען צום הויז אין דער פרייער צייט האָט ער אויך ניט געהאַט... און ווען ער האָט דאָס יאָ געפּרואווט, איז ער זיך אַליין געווען נמאס און עס האָט זיך איהם אויסגע־וויזען, אַז אויב ער וועט זיך איהר נאָכגעבען, וועט ער ווערען שרעקליך לאַנגווייליג...

וואָכען זיינען אַוועק און זיי האָבען זיך איינער מיט'ן אַנדערען כמעט ניט אָנגעקערט. אין שטוב איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית הקברות. בלויז די קריגערייען, וועלכע האָבען פון צייט צו צייט אויסגעבראָכען האָבען אריינגעטראָגען אַביסעל לעבען און אויפגערודערט די טוידטע שטילקייט. וואָס האָט זיך אַזוי שווער אויף'ן האַרצען געלעגט. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס זיינען ניט קיין מאַן און ווייב, נור צוויי ביטערע שונאים, וועלכע זיינען פון אַ שטרענגען ריכטער פאַר'משפט געוואָרען צו וואָהנען צוזאַמען אונטער איין דאַך און זיך פאַראומערען דאָס לעבען.

זיי האָבען ביידע געבענקט נאָך צערטליכקייט און לאַסקעס; ער האָט זיך אָהן דער צערטליכקייט פון אַ פרוי ניט געקענט באַ־געהן, פּונקט ווי אַ מענש קען זיך ניט באַגעהן אָהן לופט. אָבער די דיקע וואַנט, וואָס ס'האָט זיך צווישען זיי אַוועקגעשטעלט האָט זיי איינער צום אַנדערען ניט צוגעלאָזט. און אין יענער צייט האָט עס איהם שטאַרקער ווי אַלע מאָל אָנגעהויבען ציהען צו דער מאַדאַם קאַטלער...

עס זיינען געקומען אַזעלכע מאָמענטען ווען ער האָט זיך געפיהלט אין דער גרעסטער פאַרלעגענהייט און אַליין ניט גע־וואוסט וואוהין עס ציהט איהם מעהר... וואָרים אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט געפיהלט, אַז ער איז ניט גלייכגילטיג צו דער מאַדאַם קאַטלער, האָט ער אויך געפיהלט, אַז די ליעבע צו זיין פרוי איז ניט אין גאַנצען אויסגעלאָשען, און אַז שיידען זיך מיט איהר קען ער ניט...

זיינער אַ פריינד האָט איהם איינמאָל גע'מוסר'ט:

— דו ביזט אַ שמאַטע, מאיר — האָט ער איהם געזאָגט, —

דו האסט ניט קיין ווילענס־קראפט פון דאנען אהין... איך אויף דיין פלאץ, וואלט אזוי פיעל ניט געליטען... מען קען ניט שטי־מען מיט א ווייב, געהט מען אוועק...

מאיר האט איראניש דאן אויף איהם א קוק געטהאן, און א מאך געטהאן מיט דער האנד:

— ביזט א נאר... יעדע פרוי איז אינטערעסאנט בלויז דאן ווען זי איז א געליעבטע... דאס איז שוין אן אלטער כלל... אוועק־געהן פון א פרוי צו א געליעבטער, איז פונקט ווי זיך ראטעווען פון גיהנם און זיך באהאלטען אין דער ישאול תחתיה...

און ענדליך איז געקומען אזא מאמענט: רחל האט זיך אנגע־נומען מיט מוטה און איז ארוים מיט לשון:

— ביז וואנען איז דער שיער אזוי צו ליידען? איך וויל אויך זיין פריי!... איך וויל אויך וויסען פון א לעבען!...

מאיר האט גאר אנגעקוואלען דערהערענדיג פון איהר אזעלכע ווערטער.

— גוט אזוי! — האט ער איהר פארטאקעוועט. — איך האב דאך אלע מאל דאס זעלבע געזאגט... מאן און ווייב דארפען זיין פרייע מענשען, ניט צוגעבונדען איינער צום אנדערען... געה וואוהין דו ווילסט, פארברענג מיט וועמען דו ווילסט, און אויב איך וועל דיר אין דעם שטערען, וועסטו דאמאלט ווירקליך קענען זאגען אז איך בין א קליינליך מענשעל...

און רחל האט אנגעהויבען א ניי לעבען...

זי האט אנגעהויבען געהן אויף בעלער, אויף קאנצערטען און אזוי ווי קיין מיאוס'ע איז זי ניט געווען, האבען זיך שוין געפונען אזעלכע יונגע לייט, וועלכע האבען איהר געשענקט גענוג אויפ־מערקזאמקייט — א זאך, וואס האט איהר שטארק אויסגעפעהלט...

דאס נייע לעבען האט רחל'ען ביסלעכווייז ארייגעשלעפט, זי האט פארבויגען אין א זייט איהר נאטירליכע באשיידענהייט, וואס האט איהר דוקא זעהר שעהן געפאסט, און זיך אנגעהויבען ערלויבען א שטיעף טהאן מיט א יונגען מאן... זי איז געקומען דערצו, אז עס האט שוין ביי איהר ניט אויסגעמאכט ווען א יונ־

גערמאן האט זי א קוש געטהאן מאכענדיג איהר דערביי א קאמפלימענט, אז מען דארף זיין א קאלטער מלאך ניט קיין קוש צו טהאן אזא שעהנע ווייבעלע... וואסי ע ר , מאיר מעג און זי טאר ניט ?...

דאס נייע לעבען האט אויף איהר אזוי געווירקט, אז זי איז טאקי גאר אנדערש געווארען. זי איז געווארען א סך שעהנער, אנציהענדער: די אומבאפרידיגטע, צורייצטע ליידענשאפט האט פון איהרע צוויי גרויסע בלויע אויגען גענומען ארויסקוקען און דאס האט איהר צוגעגעבען א סך חן...

און מאיר האט גאר אנגעקוואלען דערפון.

— אט אזוי, רחל, האב איך דיך ליעב ! — האט ער איהר געזאגט, — אליין לעבען און יענעם לאזען לעבען ! דאס דארף זיין דער פונדאמענט פון'ם פאמיליען לעבען...

נו, געווים אזוי. — האט זי מיט א שמייכעל איהם צוגעגעבען. און ווען ער האט זי ארומגענומען און זי ליידענשאפטליך א קוש געטהאן אין האלז, האט זי צוגעמאכט די אויגען און גרויס פארגעניגען געהאט דערפון. וואס זי שטעלט זיך פאר, אז דאס איז ניט ער, נור אן אנדערער...

* * *

און סוף כל סוף איז געקומען אזא מאמענט, ווען זי האט זיך אנגענומען נאך מיט מעהר מוטה און איהם פשוט געזאגט :

— מאיר, עס איז פארפאלען... איך האב דיר מעהר ניט ליעב, איך האב ליעב אן אנדערען...

א גאנצען טאג האט א געדיכטער שנעע געהאלטען אין איין פאלען און פאלען. א ווייסער, א יום טוב'דיגער, ווי א גאסט פון א שעהנער, ליכטיגער וועלט, האט ער זיך איבער גאסען אין הייזער צולעגט און אליין אנגעקוואלען פון דעם ליכטיגען פנים, וואס די גרויסע שטאדט האט דורך איהם באקומען. אבער מענשען האבען זיך געגען איהם, ווי געגען א בלוטיגען שונא, ארויס־

געלאָזט אין די גאַסען מיט לאָפּעטעס און בעזימער און ניט דערלאָזט דערצו, אַז די שטאָדט זאָל אַזאַ ליכטיג פּנים האָבען...

אין אַ הויכער געביידע אויף בראָדוויי איז מאיר געזעסען ביי זיך אין אָפּיס פּאַרטיעפט אין דער אַרבייט. ער האָט געדאַרפט איבערלעזען אַ גאַנצען פּאַק דאָקומענטען וועגען עפּעס אַ פּראָצעס, וואָס אַ פרוי האָט פאַרפיהרט געגען איהר מאַן, וועמען זי האָט באַשולדיגט אין דעם, אַז ער איז איהר ניט געטריי און האָט צו טהאָן מיט אַן אַנדערער... דאָס לעזען איז איהם מיט אַמאָל נמאס געוואָרען, האָט ער פאַררויכערט אַ סיגאַר און צוזאַמען מיט'ן שטוהל זיך געגעבען אַ רוק צו צום פענסטער.

— אַט אַזאַ וועלט איז שוין היינטיגע צייטען, — האָט ער געקלעהרט אַרויסקוקענדיג אין דרויסען, — דער מאַן נאַרט אָפּ די פרוי; די פרוי נאַרט אָפּ דעם מאַן... ניטאָ איין פּאָאַר פּאָלק, וואָס זאָל ווירקליך זיין גליקליך...

דער טאָג האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרגעהן און די עלעקטרישע באַלייכטונג פון די גרויסע סטאָרס האָט זיך שוין באַצייטענס גרייט געמאַכט צו באַגעגענען די פינסטערנים פון דער נאַכט. פענסטער און פענסטער פון צעהנדליגער און הונדערטער געביידעס האָבען זיך איינס נאָכ'ן אַנדערען גענומען צינדען, דאָס קלאַפּעריי פון די קאַרס איז מיט אַ מאָל עפּעס ווי שטאַרקער געוואָרען און דאָס קלינגען פון די מאָטאָרלייט און די פּייפעריי פון די אָטאָמאָבילען האָט שוין צופיעל געוואַרענט און געשראָקען די פאַרבייגעהער. דאָס געדרענג אין די גאַסען איז געוואָרען שטאַרקער; אַ ים מיט מענשען האָט פון ערגעץ אַ פלייץ געטאָהן, אַלע האָבען זיך געאיילט, אַלע זיינען געגאַנגען שנעל, און עס האָט זיך געדוכט, אַז איבער'ן קאָפּ העננט אַ וואַרנונג:

— די נאַכט קומט!

מאיר האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי עס איז אין זיין אָפּיס פינסטער געוואָרען און ווי דער סיגאַר, וואָס ער האָט אין מויל געהאַלטען אין אויסגעלאָשען געוואָרען.

מיט אמאל האט דער טעלעפאָן אנגעהויבען צו קלינגען.

— העללאָ! און זיין אייגענע שטימע האט פאר איהם גע־קלונגען עפּעס פרעמד.

עס האט זיך דערהערט אן אנגענעהמע פרויען־שטימע. דאָס איז געווען זיין רחל. זי האט צו איהם א בקשה:

וועט ער אפשר זיין אזוי גוט און קומען אהיים היינט אויף דער נאכט א ביסעל פריהער? זי דאַרף ע ר ג ע ץ אוועקגעהן...

איידער ער האט איהר געענטפערט, האט ער זי שיער־שיער ניט געפרעגט וואוהין זי דאַרף דאָס היינט אויף דער נאכט געהן, אבער ער האט זיך פארכאפּט און ניט געפרעגט. ער האט זיך אויך געשלאָגען מיט דער דעה צי ער זאל איהר טהאָן די טובה צי ניין, און ער האט געענטפערט קורץ:

— אָלל רייט. איך וועל קומען...

באלד נאכדעם האט איהם שוין באנג געטאָהן פאר וואס ער האט איהר צוגעזאגט צו קומען אהיים פריהער... א וועהטאָג־דיגער געפיהל האט איהם גענומען נאגען און נאגען: ער האט קיין מינוט אויף איין אָרט ניט געקענט איינזיצען און ניט איינשטעהן. עס האט איהם ניט געלאָזען רוהען און ער האט זיך פאָרגעשטעלט אזעלכע בילדער, וואס האבען זיין מארך ווי מיט פייער געבריהט...

„...טהוט רחל אן איהרע שעהנסטע קליידער און געהט אוועק צו איהר געליעבטען...ביידע געהן זיי אוועק אין א טעאטער און נאך דעם אין א רעסטאָראַן... ער טרינקט וויין און בעט זי, אז זי זאל אויך אויסטרינקען כאטש איין גלעזעלע. דערביי נעהמט ער זי דורך און דורך מיט די אויגען און דער באגעהר וואס גיבער זי צו האבען לאזט איהם ניט רוהען... רחל פיהלט דאָס, לאזט זי אראָפּ די אויגען פארשעהמט און וויל קיין וויין ניט טרינקען. מיט אמאל אבער לויפט איהר דורך אין קאָפּ א געדאנק: „וואָס, ע ר מעג און איך טאָר ניט?" טרינקט זי אויס א גלעזעל וויין און שענקט איהר געליעבטען א פארשפּרעכענדען זיסען שמייכעל... און נאכדעם געהען זיי ביידע אוועק אין א האָטעל"...

דער מח האט זיך איהם אזש א הויב געטהאן און ער האט א קריץ געטהאן מיט די צייהן...

אין דער פינסטער האט ער זיך אוועקגעזעצט און ווידער פאררויכערט דעם סיגאר... ער האט געקלעהרט:

— געהן אהיים איז ניט גוט און ניט געהן אהיים איז אויך ניט גוט... אזוי אדער אזוי — צום טייוועל זאל עס געהן!...

און ראפטאם איז ביי איהם געבוירען געווארען א באשלוס. ער איז צוגעגאנגען צום טעלעפאן און אפגערופען זיינעם א פריינד, דר. בראוויטש: — זאל ער שוין מיט'ן אטאמאביל צופאהרען צו איהם אין אפיס!

יענער האט זיך דערשראקען.

— וואס, עס האט עפעס אן אונגליק געטראפען? אפשר קראנק געווארען?

— קיין אומגליק האט ניט געטראפען און איך בין פריש און געזונד און משוגע, — האט מאיר אויף'ן טעלעפאן געענטפערט. — מיר גלוסט זיך גלאט א ביסעל א זשוליעווע טהאן היינטיגע נאכט... וועסטו קומען?

אודאי וועט ער קומען.

דר. בראוויטש איז געווען זעהר צופריעדען דערפון, וואס מאיר האט איהם געבעטען קומען צו איהם און א ביסעל א הוליע טאהן. אליין א סענטימענטאלער מענש מיט א ראמאנטישער נאטור און מיט פרעטענזיעס, איז ער זעהר ניט צופריעדען געווען פון זיין גרויסער פראקטיקע, איבער וואס ער איז שטענדיג געווען פארנומען; זיינע פאציענטען האט ער ניט ליעב געהאט, אויך דער מעדיצין. וועלכע איז ביי איהם אמאל געווען א אידעאל, האט ער אן אום־חן געווארפען, און ווען ער האט נור געהאט א געלעגענהייט א ביסעל הארציג זיך דורכצורידען מיט א גוטען פריינד, האט ער זיך גלייך גענומען קלאגען:

— ס'איז ניט קיין לעבען... אז שטענדיג בין איך פארנומען מיט נודנע קראנקייטען און מיט פארוויינטע אידענעס... עס איז אומעטיג...

אין אלגעמיין איז ער פון זיין לעבען ניט געווען צופריעדען. זיין פרוי האט ער ניט באזאנדערס ליעב געהאט, אבער ער האט קיין צייט ניט געהאט צו קלערען וועגען דעם, ווארים שוין צופיעל איז איהם דער קאפ געווען פארנומען מיט אזעלכע זאכען ווי קינפעטארינס, טעמפעראטור, אינפלוענציע, לונגען־ענטציג־דונג און אטאמאביל־מאשינעריי, און ער האט זיך וועגען זיינע אייגענע געפיהלען און באגעהרען לאנג ניט געקענט פארטראכ־טען... עס איז אויסגעקומען אזוי ווי ער וואלט זיין אייגענעם ווילען אינגאנצע פארלוירען און ווי א שפענדעל אין א ראד זיך געלאזט שלעפען אויף פרעמדע וועגען, וואס ציהען זיך גלאט אזוי אין דער וועלט אריין און ברענגען ניט אין ערגעץ... ער האט אפילו קיין מוטה ניט געהאט אליין זיך אפצורייסען כאטש אויף א פאר שטונדען אין זיין מיט זיך אליין. דערפאר אבער איז געווען געגוג, אז אימיצער פון זיינע אלטע גוטע פריינד זאל איהם א רוף טהאן, און ער איז געווען גרייט צו לויפען ערגעץ פארברענגען און זיך דורכריידען א ביסעל הארץ צו הארץ...

עס האט ניט געדויערט קיין האלבע שטונדע און דר. בראַ־וויטש איז שוין געווען ביי מאיר'ן אין אפיס.

— עס איז זעהר גוט, וואס דו ביזט געקומען! — האט מאיר איהם פריינדליך געקלאפט אין דער פלייצע און מיט דאנק בארע בליקען איהם אין די אויגען אריינגעקוקט.

— און עס איז נאך בעסער, וואס דו האסט מיך געבעטען, איך זאל קומען, — האט דר. בראוויטש געענטפערט און א ווארף געטאהן אויפ'ן שרייב־טיש די גרויסע הענדשקעס, וואס דאקטוירים און שאפערס טראגען געוועהנליך ווען זיי טרייבען אן אטאמאביל.

זיי האבען ביידע פאררויכערט.

— וואוהין זשע וועלען מיר געהן? — האט דר. בראוויטש געפרעגט.

— מיינעטוועגען אפילו אין גאט'ס ערד אריין — האט מאיר געענטפערט — אבי אוועק'הרג'ענען די נאכט.

דר. בראַוויטש האָט מאיר׳ן גוט געקענט. פון׳ם ערשטען בליק אויף איהם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די פאַמיליען־טראַגעדיע, וואָס ער לעבט איבער, איז איצט נאָך שטאַרקער געוואָרען. האָט ער זיך נעהענטער צו איהם צוגערוקט, פריינדליך ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף מאיר׳ס קניע און געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר? עס האָט עפּעס פּאַסירט?

מאיר האָט ניט געענטפערט גלייך. די ליפּען שטייף צונויפגעפּרעסט און די געדיכטע ברעמען אַנגעכמורעט, איז ער אַ פאַרטראַכטער געזעסען און געקוקט פאַר זיך. מען האָט גלייך געקענט זעהן אַז די בליקען פון זיינע אויגען זיינען געווענדעט ניט אויף די זאַכען, וואָס געפינען זיך ארום איהם, נור אויף זאַכען, וואָס ער שטעלט זיך פאָר אין דער פאַנטאַזיע. ער האָט שטאַרק פאַרצויגען דעם רויך פון סיגאַר, וואָס ער האָט אין ווינקעל פון׳ם מויל געהאַלטען, אַ קוק געטהאָן אויף׳ן דאָקטאָר אַזוי ווי ער וואָלט איהם ערשט איצט, אין דעם אויגענבליק דערזעהן, און געענטפערט:

— וואָס האָט פּאַסירט, פרעגסטו? עס האָט פּאַסירט דאָס, וואָס ס׳האָט געמוזט פּאַסירען... מיין רחל האָט זיך פאַרליעבט אין אַן אנדריי׳ען...

— אָט דאָס אַלעס? — האָט דר. בראַוויטש זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — הלואי העלפט מיר גאָט, אַז מיינע זאָל זיך פאַרליעבען אין עפּעס אַ יונגען־מאַן!... איך וואָלט אראָפּגעפּטר׳ט אַ באַרג פון מיינע פּלייצעס...

— אָבער איך האָב מיין רח׳ען דאָך ליעב... — האָט מאיר געזאָגט, אַננעהמענדיג זיך מיט איין האַנד פאַר׳ן האַרצען. — דו פאַרשטעהסט, איך האָב זי ליעב!...

— און נאָך מעהר — האָט ער נאָך אַ קורצען שווייגען געזאָגט — איך בין מעהר ווי זיכער, אַז אַפילו איצט האָט זי מיך נאָך אויך ליעב... דו פאַרשטעהסט, אַפילו איצט, ווען זי איז שוין מעהר ניט מיינע... עס האָט אָבער געמוזט אַזוי זיין, אַז ליעבענדיג איינער דעם אנדערען, זאָלען מיר זיך פאַרשאַפען די גרעסטע

יסורים, גלייך מיר וואָלטען זיך געווען בלוטיגע שונאים... די טראַגעדיע פון אונזער פאַמיליען־לעבען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ס'איז ניט געווען קיין לעבען, נור אַ קאַמפּף צווישען צוויי וועלט־אַנשויאונגען... אָבער צו וואָס די איבעריגע רייד! — האָט ער זיך מיט אַ מאָל געגעבען אַ הויב אויף פון שטוהל און זיך גענומען אַנטאָהן. — פון די אַלע ריידערייען וועט סיי ווי סיי גאָר ניט אַרויסקומען. קום ערגעץ אין אַ לוסטיגען קאַבאַרעט, וועלען מיר אַביסעל פאַרברענגען!...

זיי זיינען ביידע אַוועקגעפאָהרען מיט בראָדוויי, אין דער ריכטונג צו אַפּטאון. אויפ'ן וועג האָבען זיי צווישען זיך כמעט גאָר ניט גערעדט: מאיר איז געזעסען אַ פאַראומערטער, פאַר־טיעפט אין די טרויעריגע געדאַנקען, וואָס האָבען איהם אויף קיין איין מינוט ניט אָפּגעלאָזט, און דר. בראַוויטש האָט געהאַט אַן אַרבייט צו זיין פאַרזיכטיג טרייבענדיג דעם אַטאָמאָביל און גע־בענדיג וואָרנונגס־סיגנאַלען צו די פאַרבייגעהער.

— עס וואָלט זיך געוואָלט פאָהרען אַ ביסעל שנעלער — האָט מאיר אַ זאָג געטהאָן דעם דאָקטאָר — אַזוי, אַז מען זאָל זיך פיהלען עפּעס ווי אין אַ אימפּעט און די געדאַנקען זאָלען זיך אַ ביסעל צושטרייען.

האָט דר. בראַוויטש פאַרקירעוועט די מאַשין אויף דער פינפ־טער עוועניו און דערנאָך איז ער אַריינגעפאָהרען אויף דעם בריי־טען וועג, וואָס שניידט איבער דעם גרויסען סענטראַל פּאַרק.

דאָרטען האָט גאָר אַן אַנדער לופט אַ וועה געטאָהן. די ברייטקייט פון דעם וועג, די פאַרשנעעטע ביימער, וואָס זיינען פון ביידע זייטען געשטאַנען, די פייערלעך פון די לאַמטערנס, וואָס האָבען זיך אין די אויגען געוואָרפען און דער אָפּקלאַנג פון דעם שטאָדטישען טומעל, וואָס האָט זיך אָהער פון דער וויי־טענס געריסען — דאָס אַלעס האָט אין האַרצען אויפגעוועקט שטאַרקע פאַרלאַנגען און שטורמדיגע געפיהלען... שנעל און נאָך שנעלער האָט דר. בראַוויטש גענומען טרייבען די מאַשין. אַט האָט דער וויזער געצייגט אַ שנעלקייט פון פופצעהן מייל אַ

שטונדע און אין א רגע ארום — א שנעלקייט פון צוואנציג מייל א שטונדע. דער אטאמאביל האט מיט זיין אימפעט די פרישע ווינטערדיגע לופט געשניטען און אזוי ליכט זיך געיאגט אלץ ווייטער און ווייטער צווישען די צוויי רייהען פארשנעעטע בוימער.

— אט אזוי איז גוט! — איז מאיר לעבעדיג געווארען — טרייב די מאשין וואס שנעלער! און פארווארפענדיג דעם קאפ מעשה רוס, האט ער פארצויגען די אומעדינע, הארציגע רוד סישע ליעד:

„מטשיטסיא טראיקא אודאלאיא
פא וואלגיע מאטושקיע זימאי".

מיט א באזונדער מין בענקשאפט און מיט אן אויסערגעוועלנ־ ליך אנגענעהמען אומעט האט זיין שטימע אפגעקלונגען אין דער פרישער לופט פון דעם ווינטערדיגען אויף דער נאכט.

ביי דער הונדערט און צוועלפטער סטריט האבען זיי זיך פאר־ קירעוועט צוריק, ווידער דורכגעשניטען דעם פארק אין דער לענג און ארויסגעפאהרען אויף בראדוויי.

אויף בראדוויי האט זיך דאס אויף דער־נאכטיגע לעבען אויף קיין איין מינוט ניט אפגעשטעלט. די עלעקטרישע ליכט פון די פארשיעדענע קאפע־הייזער, רעסטאראנען און טהעאטע־ רע האט די פארבייגעהער געררייצט און גערופען, פאארלעך, אין וועמעס הערצער עס האט געפלאטערט דער באגעהר נאך זינד און ליידענשאפט, האבען זיך אויף שריט און טריט אין די אוי־ גען געווארפען, און די נאכט האט פארשפראכען אלעם צו פאר־ בארגען...

— און וואס ווייטער? — האט דר. בראוויטש געפרעגט מאיר'ן. — פאהרען אהיים?

— זיי ניט קיין נאר. — האט איהם מאיר געזאגט. — וואס איז גאר עפעס אהיים אין מיטען דערינען? ! קום וועלען מיר צו־ פאהרען אין א שעהנעם קאבארעט.

* * *

דער קאבארעט וואוהין מאיר און דר. בראוויטש זיינען אריין, איז געווען געפאקט מיט מענשען. מעהרסטענטיילס זיינען דארטען געווען פאארלעך. בלויז ביי א פאר טישלעך זיינען געזעסען צו צוויי מענער אהן דאמען, און זיי האבען אויסגעקוקט ווי פרעמדע אורחים אויף א חתונה. פון אלע ווינקעלאך און פון אלעם ארום האט זיך דארטען א רייצענדע ליידענשאפט אנטקעגנען געמראגען — פון די רויטע און געלע לאמפען, וועלכע האבען זייער ליכט אין די געקווייטעלטע און ניט געקווייטעלטע שפיגלען אפגעצייכענט, פון די תאוה'דיגע טענער פון דער מוזיק און אפילו פון דער שטילקייט, וואס האט זיך פון צייט צו צייט פארשפרייט אזוי שנעל ווי די מוזיק האט אויפגעהערט שפיעלען. אין דער שטילקייט — האט זיך גערוכט — ארבייטען די פאארלעך אום פלענער פאר א נאכט-לעבען, וואס איז פול מיט סודות און רייץ. און טאמער איז דאס נאך געווען ווייניג זיינען אויף דער ביהנע ארויס א צעהן האלב נאקעטע מיידלאך און אנגעהויבען טאנצען צום טאקט פון דער מוזיק מאכענדיג דערביי פארשייטע העויות מיט די הענד און מיט די פיס און ווארפענדיג בלישטשענדע אויגלאך פון איין טישעל צום צווייטען.

די צוויי פריינד, מאיר און דר. בראוויטש, האבען זיך אוועקגעזעצט ביי א טישעל, ניט ווייט פון דער ביהנע, באשטעלט עסען און אויך צוויי גרויסע פלעשער וויין. די מאכלים זיינען געווען געמאכט אזוי, אז עס זאל ממש ציהען צו טרינקען א גלאז וויין. האט מאיר גלייך אויסגעטרונקען צוויי גלעזלאך איינס נאכ'ן אנדערען, און דערפון האט זיך דער בליק פון זיינע אויגען געביטען; עס האט זיך איהם שוין געגלוסט צו טרינקען נאך און נאך וויין כדי ער זאל האבען מעהר מוטה צו ריידען מיט זיין פריינד וועגען דעם, וואס ער לעבט איצט איבער.

— ווייסטו, הערי, וואס איך וועל דיר זאגען, — האט מאיר געזאגט דעם דאקטאר קוקענדיג דערביי אין שפיגעל ווי זיין פנים איז שוין צופלאמט און די אויגען בלישטשען, — עס איז נאך אלעמען אינטערעסאנט צו לעבען אויף דער וועלט... ווי איך בין א איד, עס איז אינטערעסאנט! ווייל וואס מעהר דו קוקסט זיך צו צום לעבען, אלץ מעהר זעהסטו ווי אלעס איז אזוי פאר־פלאנטערט, אז מען קען פשוט קיין טאלק ניט דערגעהן..

— שוין, דו הויבסט שוין אן פילאזאפירען? — האט איהם דר. בראוויטש איבערגעשלאגען, — דא איז ניט קיין פלאץ פאר הקירות. לאמיר בעסער קוקען אויף די מיידלאך... זעהסט ווי יענע ברונעטקע, וואס האט פריהער געטאנצט דעם „אינדיען דענס" ווארפט אויגלאך אהער?...

מאיר האט א קוק געטהאן אויף דער שווארץ־חן'עוודיגער טענצערין, ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז זי איז א גאנץ שעהנע מיידעל און ווייטער געזאגט דאס זעלבע וואס פריהער:

— נאך אלעמען איז אינטערעסאנט צו לעבען אויף דער וועלט!... עס איז עפעס א מאדנער פלאנטער, אן אינטערעסאנ־טע פארדרעהעניש...

— אבער אקעגען וואס זאגסטו דאס? — האט איהם דר. בראוויטש געפרעגט.

— איך זאג עס אנטקעגען מיר און מיין פרוי. — האט מאיר געענטפערט אויסטרינקענדיג נאך א גלעזעל וויין. — עס איז דאך ווירקליך א מאדנע זאך! צוויי מענשען — איך און זי — וואוינען צוזאמען אין איין הויז, און זוכען איינער דעם אנדערען אויף פארשיעדענע וועגען... דו פארשטעהסט? אין איין הויז — און מען זוכט זיך ארום... ליעבענדיג אן אנדערען, זוכט זי מיך... פארברענגענדיג מיט אן אנדערער, זוך איך זי...

— דאס איז דאך ווידער פילאזאפיע. — איז דר. בראוויטש ניט געווען צופריעדען.

— דאס איז ניט קיין פילאזאפיע, נור א וועהטאג. — האט מאיר מיט פארדרוס געזאגט. — א וועהטאג, וואס וועט אפשר

קיינמאָל ניט פאַרהיילט ווערן... דו קענסט דאָך מיך, איך בין א מענש מיט אן אומרוהיגער נאַטור; איך וועל קיינמאָל ניט זיין צופריעדן. ווייל שטעל זיך פאָר וואָס וועט זיין ווען איך וועל זיך שוין מיט רחל'ען שיידען? חוץ דעם וואָס דער גע־ וויסען וועט מיך פּלאָגען, וועל איך פאַרברענגט ווערן פון איי־ פערזוכט נאָך מעהר ווי איצט... דער געדאַנק, אז זי, מיין קליינינקע, צערטליכע ווייבעלע, לעבט מיט אן אנדערן, וועט מיך ניט לאָזען רוהען א מינוט... דאָס וועט מיך טרייבען צו שכרות, אדער צו דער רוח ווייסט וואָס... און אפילו ווען איך וועל זיך שוין צונויפגעהן מיט אן אנדערער, וועלכע וועט מיר נאָכ־ געבען אלע קאַפּריזען און ניט באַגרעניצען מיין פרייהייט אפילו אויף א האָר, וועל איך דען זיין גליקליך? עס הויבט זיך גאָר ניט אן! מיך וועט עס קיינמאָל ניט לאָזען רוהען... א נאַטור אזא, א פאַרשאָלטענע!

די מוזיק האָט ווידער אָנגעהויבען שפּיעלען. די שטורמ־ דיג ליידענשאַפטליכע טענער האָבען זיך א טראָג געטהאָן אין דער לופט, און ווידער זיינען די האַלב נאַקעטע טענצערינס ארוים אויף דער ביהנע.

עס האָט אָנגעהויבען דרעסען ווערן.

— מען דאַרף געהן! — האָט מאיר א זאָג געטהאָן נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען דאָס לעצטע גלעזעל ווין. — עס ווערט לאַנגווייליג.

— שוין טאַקי צופיעל געזעסען אויף איין פּלאַץ. — האָט דער דאָקטאָר אויך צוגעגעבען. — מען דאַרף שוין געהן ערגעץ אנדערש.

— אודאי, די נאַכט איז נאָך געננג גרויס...

און זיי זיינען פון'ם קאַבאַרעט אַוועק אין א רומענישען וויין קעלער. דאָרטען איז געווען גאָר אן אנדער עולם. ארום די מעהר־ סטע טישען זיינען געזעסען מענשען מיט זאַטע, צופרידענע פּנים'ער, און אלע האָבען געשמאַק געגעסען אויף ביידע באַקען און פאַרטרונקען מיט ווין. ניט פאַרלעכוויין איז מען ביי די

טישלאך געזעסען, נור גאנצע קאמפאניעס און יעדער קאמפאני האט זיך אויף איהר שטייגער גע׳רעש׳ט און געטומעלט ווי אויף א יריד.

בלויז א פאר טישלאך זיינען געזעסען מענשען פון אן אנדער שניט — מיט ערדלע, אינטערעסאנטע פנים׳ער און אויס־דרוקספולע אויגען. קענטיג מענשען פון דער באהעמע, פון דער קינסטלער וועלט.

אין דעם רומענישען ווייןקעלער האט מען שוין מאיר׳ן גוט געקענט. איז ווי ער האט זיך נור מיט זיין פריינד ביי א טישעל אוועקגעזעצט, האט דער בעל הבית, א הויכער, שלאנקער יונגער־מאן מיט צוויי שווארצע פארדרעהטע וואנצעלאך, איהם א גאסט־פריינדליכען שמייכעל געשענקט און אנגעהויבען שפיעלען אויפ׳ן צימבעל דעם הארצנאגענדען רומענישען מאטיוו „דאינא״.

דאס שפיעלען פונ׳ם צימבעל האט אלעמען אזוי ווייך גע־שטימט, אז ווער עס איז נור לעבען א שעהנער דאמע געזעסען, האט גאר אנדערש ניט געקענט ווי פארווארפען די האנד ארום איהר טאליע און טיעף איהר אין די אויגען אריינקוקען... אבער באלד האט דער בעל הבית אויפ׳ן צימבעל גענומען שפיעלען א לעבעדיגען אוקראינישען מאטיוו און ביי אלעמען האבען זיך די אקסלען גענומען הויבען.

„האפ מאאי ריטשאניקי, האב מאאי מילי״.

מאיר האט באשטעלט וויין און לאטקעס, און נאך דעם ווי ער האט אויסגעטרונקען א פאר גלעזער וויין, האט ער צוגערו־פען דעם זינגער און איהם געגעבען א דאלאר.

— זינגט, אברהמ׳ל, עפעס א פאר הארציגע ליעדער.

און דער זינגער, א הויכער געזונטער יונג מיט ברייטע פלייצעס און מיט אשטארקער געמבע האט אנגעהויבען:

„אוי, צוועלף שלאגט דאך שוין דער זייגער,
פיהר מיך שוין אפ אהיים.
וואס זשע פאר א תירוץ זאל איך זאגען
ביי מיין מאמען אין דער היים.״

די זיסע, בענקענדע מעלאָדיע און די פשוט'ע, אבער אויפ־ריכטיגע ווערטער פון דעם פאָלקס־ליעדעל האבען ביי אלעמען ארויסגערופען א וועלט מיט שעהנע עראינערונגען; עס האט זיך דערמאָנט די היים, די לאנגע ווינטערדיגע אויף דער־נאכטען ווען די שוועסטער איז געזעסען ביי דער הרובע און אויסגענייהט א האנדטוך מיט רויטער בליטשקע — און אלע האבען אנגעהויבען נאכזינגען:

„וואס זשע פאר א תירוץ זאָל איך זא־א־גען,
אוי וועה, ביי מיין מאמען אין דער היים".

ווען דער זינגער האט געענדיגט דאָס ליעדעל, האבען אלע שטארק אפלאָדירט. האט ער געזונגען נאך א פאָלקס־ליעדעל, דערנאָך האט איהם מאיר געגעבען נאך א דאָלאר און איהם געבע־טען ער זאָל זינגען עפּעס א פארשייט ליעדעל. דער הויכער בחור מיט די ברייטע פּלייצעס, הט זיך לאנג ניט געלאָזט בע־טען, א וואונק געטאהן מיט'ן אויגעל און אנגעהויבען זינגען א ליעד וועגען א פרעסער, וועמען מען קען גאר קיין עסען ניט נאסטארטשען; ווי מען דערלאנגט איהם איין טעלער נאך'ן אנדערען און ער פּיסקעוועט אויףביידע באקען און עס איז איהם אלץ ווייניג; די בעל הבית'טע דערלאנגט איהם פיש, פלייש, זופּ, צימעס און ער בעט זיך אלץ:

— „אוי, עפּעס נאך און עפּעס נאך, און נאך, נאך נאך"...
פאר איהם איז דאָס ניט גענוג...

— נאך א גרויסען קריגעל זויערען וויין! — האט מאיר אויפ'ן קול אויסגעשריען צום ווייטער.

— צו וואס? — האט איהם דר. בראַוויטש געפּרואווט אפּהאלטען. — מען טאר ניט טרינקען אזוי פיעל.

— כאפּט עס דער רוח! — האט מאיר א מאך געטהאן מיט דער האנד און פארדויכערט א שטארקען סיגאר. — אלץ איין שווארץ יאהר!... נו, וועל איך לעבען מיט צעהן יאהר ווייני־גער... סיי ווי איז שוין מיין לעבען קיין לעבען ניט... אלץ איין שווארץ יאהר!

דער ווייטער האט דערלאנגט דעם ווײן און אנגעגאסען די גלעזער. — לאמיר זײן געזונד! — האט מאיר אנגערירט זײן גלאז און דר. בראוויטש'ס גלאז. — און קלעהר איצטער ניט וועגען דעם, וואס ווײן שאדט צום געזונד... זאל עס שאדען!... ווײן איז אבער א גוטע זאך, ווען מען טרינקט א סך, פארגעסט מען אביסעל אן די צרות...

ער האט זיך אנגעגאסען נאך א גלאז, זי אוועקגערוקט פון זיך און צורוקענדיג זיך נעהענטער צו זײן פרײנד האט ער ווייטער גערעדט:

— און ווייסטו, גוטער ברודער, וואס איך וועל דיר זאגען? קײן פרוי אין דער וועלט טאר מען ניט גלויבען! א פרוי איז ניט דאס, וואס זי איז, נור דאס וואס ס'פאסט איהר צו זײן... יעדע פרוי שפּיעלט בלויז א ראלע; זי מאכט דעם אנשטעל פון אז ארענטליכער ווען זי ווייסט, אז ארענטליכקייט פאסט איהר צום פנים, און זי שפּיעלט א ראלע פון א שטיפעפרקע ווען זי ווייסט, אז דאס גיט איהר צו חן... אלע זײנען זיי אקטריסעס... און מען טאר זיי ניט גלויבען! ווען א פרוי זאגט דיר, אז קײן מאן האט נאך קײנמאל איהר הוילען קערפּער ניט באריהרט, גלויב איהר ניט.. און ווען דײן פרוי זאגט דיר, אז זי האט א געליעבטען, גלויב איהר אויך ניט!... ווארים אלעס איז נור אן אנשטעל, א ראלע...

— קען דאך זײן, — האט דר. בראוויטש זיך אנגערופען. — אז די גאנצע געשיכטע, וואס רחל דערצעהלט דיר, אז זי האט ליעב אן אנדערען איז גאר נישט געשטויגען און נישט געפלויגען.

— הלוואי וואלט דאס געווען אזוי! — האט מאיר געזאגט מיט א זיפץ. — עס איז אבער ניט אזוי. מײן רחל וועט קײן ליגען ניט זאגען... איך ווייס ניט צו איז זי אין יענעם טאקי אזוי שטארק פארליעבט, אבער קײן ליגען איז דאס ניט... און ווען איך וואלט איהם באטש געקענט, דעם פארליעבטע! — האט ער מיט א מאל א קלאפ געטאהן מיט'ן פויסט אן טיש. — ווען איך וואלט באטש געוואוסט ווער ער איז! אבער זי וויל מיר ניט זא־

גען... ווען איך שטעה צו צו איהר, זי זאָל מיר זאָגען ווער איהר געליעבטער איז, ענטפערט זי מיר, אז פונקט אזוי ווי איך האָב מיר מיין אייגען וועלטעל מעג זי זיך האבען איהר אייגען וועל־טעל... און ווי אויף צו להכעיס האָב איך זי איצט נאָך מעהר ליעב!... אבער צו וואָס דאָס ריידען? לאָמיר זיין געזונד!...

ער האָט אנגעשפּארט דעם קאָפּ אין ביידע הענד און זיך פארשטעלט די אויגען. אזוי איז ער א ווײלע געזעסען פארטיעפט אין געדאַנקען דערנאָך האָט ער זיך נערוועז א וואָרף געטהאָן שטאַרק א טרייסעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ און אויסגעשטרעקט די האנד צום וויין.

מיט בליקען, וואָס האָבען אויסגעדריקט א וועלט מיט מיט־לייד האָט דר. בראַוויטש געקוקט אויף איהם. א פּאָר מינוט האָט ער איהם אזוי געלאָזט זיצען און טראַכטען און מיט קיין צייַן וואָרט די געדאַנקען איהם ניט איבערגעשלאָגען. דערנאָך האָט ער איהם אַנגענומען ביי דער האַנד און ווייך געזאָגט:

— מאיר, ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען? קום וועל איך דיך מיט דער מאַשין אָפּפיהרען אהיים...

מאיר האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ניין, אהיים פאָהר איך איצט ניט!

און:

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך מיט אמאָל פאַרנאַנדערגע־געלאַכט — דו ווייסט, אפילו איצט בייזערט זי זיך ווען איך קום שפּעט אהיים... און דאָס איז א סימן, אז זי האָט מיך ליעב...

די זיכערקייט אין דעם, אז רחל האָט איהם נאָך אַלץ ליעב האָט איהם אריינגעבראַכט אין גאַר א געהויבענער שטימונג; ער איז געוואָרען לעבעדיג און פרעהליך, און — „לאָמיר זיין געזונד!"...

ביי א צווייטען טישעל איז געזעסען א פרעהליכע קאָמפּאַני פון אַקטיאָרען און אַקטריסעס. זיי האָבען דאָ געפּראַוועט א קליין באַנקעטעל לכבוד א באַקאַנטער יונגער אידישער אַקטריסע,

וועלכע האט זיך היינט, אין איהר עהרען־אבענד אויסגעצייכענט אין א גוטער ראָלע. די אַקטריסע אַליין, מאַדאַם ריינשטיין, א ברוּ־נעטקע מיט א חן'עוודיג מאַטען פּנים און מיט צוויי שווארצע גרויסע אויגען, האט אויסגעהערט די אַלע פאַלשע און אויך אמת'ע ליובגעזאַנגען, וואס די קאָלעגען האבען איהר געזאָגט און דערפון האט זי זיך געפיהלט ווי אויף'ן זיעבעטען הימעל. פון'ם וויין, וואס זי האט געטרונקען האָבען זיך די בעקלאַך ביי איהר צופלאַמט און איהרע אויגען זיינען געוואָרען נאָך שווארצער. זי האט הילכיג געלאַכט און א סך געפּלאַפּעלט, און ווען איין אַק־טיאָר האט איהר אין שפּאַס געזאָגט, אז זי איז די אידישע סאַ־ראה בערנארד, האט זי אויסגעשאָסען א געלעכטער און חן'דלענ־דיג זיך קאָקעטיש געזאָגט:

— נאָך גרעסער...

מאיר'ן איז די מאַדאַם ריינשטיין געפעלען געוואָרען, און וויל ער איז איצט געווען זיכער אין דעם, אז זיין רחל האט איהם נאָך ליעב, און אויך וויל ער איז איצט געווען שכורלאַך, האט ער זי שאַרף און דורכדרינגענד מיט זיינע ליידענשאַפט־ליכע בליקען אַפּגעמאַסטען, און ווען זי האט איהם דערויף מיט א פאַרשייטען בליק געענטפערט, איז שוין ביי איהם אויסגעקומען גאַנץ נאַטירליך ארויפצולעגען די האנד אויף איהר אַקסעל און אַנגיסענדיג זיך א גלאַז וויין א זאָג געטהאַן, מעשה אַלטער גוטער פריינד, אזוי:

— פאַר אייער געזונד!

און באַלד איז ער שוין געווען אז אייגענער מענש אין דער קאַמפּאַני פון אַקטיאָרען און אַקטריסעס. צוזאַמען מיט זיי האט ער געטרונקען, פאַר יעדער אַקטריסע האט ער אז אנדער קאַמ־פּלימענט געהאט און פאַר יעדען אַקטיאָר — אז אנדער קיבעץ; איינעם האט ער געזאָגט, אז אין אַלע ראָלען דאַרף ער אויסקוקען ווי קעניג אחשורוש, וואס האט געהערשט פון הודו ביז כוש איבער הונדערט און זיעבען און צוואַנציג מדינות און א צווייטען האט ער געזאָגט אז כאָטש ער מאַכט פון „האַמלעטען" א „קוני לעמ־

מעל״, טרינקט ער ווײַן אַזוי ווי „קיען״ און קוקט אויס ווי אַ קלײנשטעטלדיגער משומד. ער האָט זיך געהאַלטען פרײַ און הײמליך, צוזאַמען מיט דער גאַנצער קאָמפּאַני געזונגען אידישע און גוי׳ישע ליעדלאַך און מיט אַ מאָל האָט ער גאָר אָפּגעטהאָן אַזאַ שפּיצעל: ער האָט זיך אַלײן געמאַכט פאַר׳ן טאָוסט־מאַס־טער פון׳ם באַנקעט און גענומען פיהרען דאָס רעדעל לעבעדיג און פרעהלאַך.

דר. בראַוויטש האָט אויף איהם געקוקט מאָדנע. אָהן ווער־טער האָט ער איהם מיט די בליקען גע׳מוסר׳ט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ טענה:

— וואָס טהוט זיך מיט דיר? וואָס פאַר אַ מחותן ביזטו דאָ?

מאיר האָט דאָס פאַרשטאַנען, און דערפאַר האָט ער שוין צו אָפּט דעם דאָקטאָר איבער דער פּלײצע געקלאַפּט, און בײַ יעדער מאָל אַלץ דאָס זעלבע געזאָגט:

— ניט געזאָרגט, גוטער ברודער! אײנמאָל לעבט מען!...

— און צו דער אַקטריסע:

— זאָגט איהר אַלײן, מאַדאַם רײַנשטײן, בין איך ניט גע־רעכט?

זײַן ראָלע אַלס טאָסטמאַסטער האָט איהם באַלד דערעסען: די רעדעס פון די אַקטיאָרען און די טעאַטראַלע חניפות, וואָס זײ האָבען דער יונגער שווישפּיעלערין געגעבען, האָבען איהם גענומען לאַנגווײליגען; ער האָט דאָס ניט געקענט אריבערטראַגען, האָט ער אָנגעהויבען טרינקען נאָך און נאָך ווײַן ביז ער האָט זיך אין גאַנצען פאַרלאָרען. אַלעס אין איהם האָט גענומען שטראָמען און קאָכען; יעדע ווײַלע האָט אַן אַנדער געדאַנק ווי אַ בליץ זיך אַ שנײַד געטהאָן איבער׳ן מוח און יעדע רגע האָט אַן אַנדער גע־פיהל ווי אַ קויל זיך דורכגעשאָסען אין האַרצען. אָט האָט ער גע־וואָלט לאַכען און אָט גאָר — ווײנען. די אַלע פרעמדע פּנים׳ער זײַנען איהם מיט אַ מאָל געוואָרען אַזוי נאָהענט, אַזוי הײמיש, און עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז עס וואָלט געווען אַזוי נאַטירליך

ווען ער וואָלט זיין מיעדען קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן שוים פון דער יונגער חן׳עוודיגער אַקטריסע מיט די גרויסע אויגען און געזאָגט:

— טייערינקע, מיר איז אַזוי ניט גוט!...

און זי זאָל איהם גלעטען איבע׳ן קאָפּ און זאָגען:

— זי פאַרשטעהסט דיך ניט... זי ווייסט ניט וואָס פאַר אַן ערעלע נשמה דו האָסט...

מעהר האָט ער קיינעם קיין וואָרט ניט געוואָלט געבען און ער האָט זיך אַליין געגעבען דאָס וואָרט:

— איצט וועל איך אַליין האַלטען אַ רעדע. — האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען. — און איך פאַרזיכער אייך, אַז מיין רעדע וועט זיין די בעסטע, ווייל איך האָב די מאַדאַם ריינשטיין קיינמאָל ניט געזעהן שפּילען... און איך דאַרף זי ניט זעהן שפּיעלען, ווייל זי געפעלט מיר אַזוי אויך... און פאַר וואָס זאָל זי מיר ניט געפעלען, אַז זי איז פאַרט אַ שעהנע ווייבעל ? !

ער האָט גערעדט אַהן אַ שיעור נאַרישקייטען, עס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ווייל ער האָט געזאָגט אַלעס, וואָס עס איז איהם נור אויף דער צונג געקומען; און אין מיטען דער רעדע האָט ער זיך דערמאָנט אַ ניגון פון אַן אוקראַאינישען בלינדען בעטלער, האָט ער אָהן צערעמאָניעס גענומען זינגען:

„אַ, ני דאַיטע מוקו, בו ראַזסיפּיטסיא;

„ני דאַיטע בובליק״ בו אוקאַטיטסיא:

אַ דאַיטע קופּיאַטשקו, בו כאַטשעטסיא״.

(גיט מיר ניט קיין מעהל, ווייל עס וועט זיך אויסשיטען,

גיט מיר ניט קיין בייגעל, ווייל ער וועט זיך אוועקקייקלען —

גיט מיר בעסער אַ קאָפּיקע, ווייל דאָס וויל איך.)

דעם ניגון האָט ער געזונגען מיט געפיהל און אַזוי שעהן, אַז עס איז אַלעמען געפעלען און מען האָט איהם געבעטען, ער זאָל נאָך זינגען. אָבער ווייל מען האָט איהם געבעטען, האָט ער שוין

דעם חשק פאַרלאָרען און עס האָט זיך איהם גאָר פאַרגלוסט צו דערצעהלען אַ מעשה וועגען אַן אוקראַאינישען פויער, וואָס האָט אויף אַ יריד פאַרקויפט אַ פאָר פערד פאַר הונדערט קערבלאַך; ווי ער איז דערנאָך צוזאַמען מיט נאָך פויערים אַוועק אין שענק אַריין טרינקען „מאַהאַריטש" און דאָרטען האָט מען ביי איהם דאָס געלד פון דער קעשענע אַרויסגעגנב'עט; וואָס פאַר געוואַל־דען ער מאַכט; און ווי אַן אַנדער פויער וויל זיך פאַר איהם באַ־ריהמען, אַז ער ווייסט יאָ אין וואָס פאַר אַ קעשענע מען באַהאַלט געלד אַזוי, אַז מען זאָל עס ניט צו'גנב'ענען און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי איהם אַליין האָט מען אויך דאָס געלד צוגע־גנב'עט... אָט די סצענע האָט זיך איהם אָפּגעקריצט אין זכרון נאָך פון יענער צייט ווען ער איז געווען אַ אינגעל און געלעבט אין אַ קליין שטעדטעל אין דער שעהנער אוקראַינאַ. און איצט אַ, האָט זיך איהם אין מיטען דערינען פאַרגלוסט דאָס אַלעס צו דערצעה־לען אַזוי שעהן, אַז עס זאָל אַלעמען געפעלען און מען זאָל די סצע־נע ווי לעבעדיג זעהן פאַר די אויגען...

— און איצט וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה, אַבער איך וויל, אַז איהר זאָלט דאָס הערען מיט קאָפּ! — האָט ער געביעטען דעם טאָן און זיך שוין געמאַכט גרייט צו דערצעהלען די מעשה וועגען דעם אוקראַינישען פויער.

עס האָט זיך איהם אָבער ניט איינגעגעבען אפילו אָנצוהויב־בען, ווייל דר. בראַוויטש האָט איהם ניט געלאָזט.

דער דאָקטאָר איז איהם געווען אַן אמת'ער פריינד, זיין כבוד איז ביי איהם געווען זעהר טייער, און ווען מאיר האָט אַ זאָג געטהאָן, אַז ער געהט דערצעהלען אַ מעשה, האָט ער געמיינט, אַז ער וויל פאַר די פרעמדע מענשען דערצעהלען אַלעס, וואָס ער לעבט איצט איבער; ער איז דאָך שכור און ווייסט ניט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם...

— דו וועסט ניט דערצעהלען! — האָט ער איהם קיין וואָרט ניט געלאָזט אַרויסריידען און כמעט מיט געוואַלד איהם אַוועקגעזעצט אויפ'ן בענקעל.

עס איז אבער אוממעגליך געווען איהם איינצוהאלטען. מיט די ברייטע פלייצעס האט ער א רוק געטאהן דאס בענקעל אזוי, אז דר. בראוויטש איז שיער אומגעפאלען און געבענדיג א שטארקען קלאפ מיט דער האנד איבער׳ן טיש, האט ער זיך געגעבען א שטעל אויף אין אויסגעשריען:

— איך וועל יא דערצעהלען!

— דו וועסט ניט דערצעהלען! — האט איהם דר. בראוויטש ווידער אוועקגעזעצט.

מאיר האט זיך געווארפען און געשריען הויך אויפ׳ן קול:

— לאזט מיך! לאזט מיך! — האט ער געליארעמט און געפילדערט און געמאכט אזא טאראראם, אז מען האט טאקי באמת געקענט מיינען, אז ער האט זעהר א וויכטיגע זאך צו דערצעהלען.

די אקטיארען און די אקטריסעס האבען אויף איהם גלאט געקוקט ווי אויף א טשיקאווען מענשען. מיט וועמען מען קען זיך אמוזירען: האט זיך אנגעהויבען א דרעהעניש — „יא דער־צעהלען", „ניט דערצעהלען". איינער האט געזאגט, אז ער גיט א דאלאר אויף וויין, אז מאיר זאל יא דערצעהלען די מעשה; א צווייטער האט געגעבען צוויי דאלאר אויף וויין, אז מאיר זאל ניט דערצעהלען די מעשה און א דריטער איז גאר געווען א חכם און געבען דריי דאלאר אויף וויין, אז מאיר זאל די מעשה אויס־זינגען...

עס איז אוממעגליך געווען דעם טומעל אפצושטעלען. אלע האבען זיך געקאכט, אלע האבען זיך נע׳חכמה׳ט; איינער האט דעם אנדערען איבערגעשריען און די אקטריסעס האבען געקייכט פון געלעכטער און געהאט „פאן".

די האר צושויבערט און מיט איין האנד אויפגעהויבען אין דער הויך איז מאיר געשטאנען און מיט א הייזעריגע שטימע געפרואווט אלעמען איבערשרייען. די אויגען זיינען ביי איהם גע־ווען פארגאסען און אין קאפ האט איהם אזוי געטומעלט, אז ער האט ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. — „יא דערצעה־

לען!“ „ניט דערצעהלען!“ — האָבען זיך ביים טישעל גע־הערט אויסגעשרייען. און מאיר האָט שוין אייגענטליך ניט גע־וואוסט, וואָס ער האָט פריהער געוואָלט דערצעהלען. די אַלע פּנים'ער זיינען איהם מיט אַ מאָל געוואָרען פרעמד און די קולות האָבען איהם אין די אויערען געגומען גריל׳צען... וואָס טהוט ער דאָ צווישען אַט די אַלע פרעמדע מענשען? ווי קומט ער אַהער? און וואָס שפּרינגען זיי איהם אַזוי אין פּנים אריין און דרעהען זיך צוזאַמען מיט'ן טישעל?... אַזעלכע סוואַלאַטשעס... און וואָס טהוט איצט רחל?... אפשר איז זי איצט ניט אַליין?...

מיט אַמאָל האָט ער אַ פאַל געטהאָן אויפ'ן בענקעל, אָנ־געכאַפּט דר. בראַוויטש פאַר דער האַנד און מיט וועהטאָג פון צווישען די צייהן ארויסגעברומט:

— הערי!... און מיר ווערט דאָס האַרץ פאַרברענט... איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען!...

מעהר האָט ער קיין וואָרט ניט געקענט ריידען. עס איז איהם געוואָרען ניט גוט אויפ'ן הארצען, אַ קאַלטער שוויים איז איהם אויפ'ן לייב ארויס און זיין פּנים איז געוואָרען בלאַס ווי ביי אַ טוידטען... — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שמחה פון דער פרעהליכער קאַמפּאַני איז פאַרשטערט געוואָרען. דר. בראַוויטש האָט מאיר'ן קוים אַפּגעמינטערט און דערנאָך האָט ער איהם אַפּגעפיהרט אַהיים.

אויפ'ן וועג איז מאיר אין פאַרמאַכטען אַטאָמאָביל געזע־סען שטיל און ניעדערגעשלאָגען. דער גאַנצער קערפּער האָט איהם געציטערט פון קעלט און אין קאָפּ האָט ער געפיהלט אַ שווערע פוסטקייט. עס איז איהם קיין אונטערשיעד ניט געווען, וואוהין מען פיהרט איהם און צו וועמען מען וועט איהם ברענ־גען... די אויגען זיינען ביי איהם געווען האַלב פאַרמאַכט און די צייהן שטייף צונויפגעקרעמפּט, ווי ער וואָלט דערמיט זיין טיע־פען וועהטאָג געוואָלט פאַרצוימען. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער ווייסט גאָר ניט, וואו ער איז. נור מיט אַ מאָל, ווען די שיין פון

א לאמטער'ן האט דורכ'ן פענסטער'ל פונ'ם אטאמאביל איהם אין די אויגען זיך א ווארף געטהאן, האט ער ברייט די אויגען געעפענט, זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און אנכאפענדיג זיך פאר די האר פונ'ם קאפ ווי א ווילדער, האט ער, קריצענדיג בייז מיט די צייהן געהאט טענות צום דאקטאר:

— פאר וואס האסטו מיך ניט געלאזט דערצעהלען די מעשה? !...

א זייטיגער מענש האט געקענט מיינען, אז קיין אנדערע צרות האט ער אודאי ניט און אז דאס איינציגע, וואס ס'פארדריסט איהם איצט, איז בלויז וואס מען האט איהם ניט געלאזט דערצעהלען די מעשה. אבער דר. בראוויטש האט איהם פארשטאנען... מיט גרויס מיטגעפיהל האט ער א קוק געטהאן אויף איהם און דערנאך, מיט א צייט שפעטער, ווען ער האט זיך נור דערמאנט אן דער טענה: „פאר וואס האסטו מיך ניט געלאזט דערצעהלען די מעשה?" האט זיך אויף זיין פנים א שמייכעל באוויזען און פון הארצען האט זיך א טיעפער זיפץ ארויסגעריסען... ער האט לאנג געדענקט מאיר'ס טענה:

— „פאר וואס האסטו מיך ניט געלאזט דערצעהלען די מעשה?"